STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06038

# DIVRE HEYN VESEYKHL

Gershom Bader

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דברי חן ושכל

גלייכווערטלעך און אַנעקדאָטען, שאַרפע און שפּיציגע, אמאָליגע און היינטיגע, הומאָריסטישע און ערנסטע, אידישע און וועלטליכע, שטוביגע און דרויסנ־דיגע, ליטעראַרישע און אַלטעגליכע

צונויפגעקליבען פון אַלטע און נייע ספרים און ביכער — און גאַנץ באַזונדערס פון מאָדערנעם לעבען

— פון —

## גרשם באַדער

תרצ״ה

ארויסגעגעבען פונ׳ם
פאַרלאַג „פרדס״
27 קאַנעל סטריט, נויארק.

POSY. ROSENBLOOM, SHOULSON PRESS. 19-27 WEST 21ST ST., NEW YORK

# צום אריינפיהר - עטליכע ווערטער

געהענדיג אין גאס, אָדער אפילו זיצענדיג ביים שרייב־טיש אין הויז, קומען אָפטמאָל אויף דער מחשבה פארשיעדענע גדאַנקען און גלייכווערטלעך, וויצען און שאַרפע באַאָבאַכטונגען וועגען די לעכערליכקייטען אָדער די „נעבעכדיגקייטען" פונ'ם לעבען, וואָס מען קען נישט אריינגעהמען אין די גרויסע וויסענשאפטליכע אדער בעלעטריסטיש־פובליציסטישע ארבייטען, מיט וועלכע מען איז באַשעפטיגט.

אזוי ווי עס איז אָבער א שאָד, אז די דאָזיגע „זאכען" זאָלען פערלוירען געהן, ווייל טראָץ דער קלענערער ווערדע זייערער שטעקט אין זיי יעדענפאלס אן עלעמענט פון מאָמענטאנער צושטרייאונג און א בערוהיגונג פאר די נערוועז, ווען דער קאָפּ איז שווער און ער קען זיך נישט פארנעהמען מיט גרויסע זאכען.

עס ליגט אויך מאנכעס מאָל אין די דאָזיגע גייסטיגע שפּיעלרייען א האַלבער אָדער גאָר א גאנצער פילאָזאָפישער גדאנק — און ווער עס פארמאָגט די פעהיגקייטען דערצו, קען אָפּט אויף אזעלכע קלייניגקייטען אויפבויען א ווערטהפולען ליטעראַרישען בנין.

פארגין איך דאָס דעם פעהיגען באַארבייטער, גלייך ווי איך פארגין יעדען, וואָס באנוצט זיך מיט מיינע „חכמות" — פאר זיינע ליטעראַרישע ערפאָלגען.

און ווען עס וועט זיך אימעצען אויסדוכטען, אז ער האָט שוין מאנכע פון די דאָ צונויפגעקליבענע „זאַכען" ערגיץ־וואו געהערט, אָדער גאָר געלייענט, אַרט עס מיך אויך נישט! — איך מאך נישט דאָ קיין אָנשפּרוך אויף אַ דורכאויסיגע אָרגינאַליטעט.

זיכערליך האָב איך פיעלע פון די דאָ אָנגעקליבענע מאַטעריאַלען געהערט אָדער געלייענט, נור אזוי ווי זיי האָבען זיך איינגעקריצט טיעף אין מיינע גדאַנקען, זיינען זיי אריינגעדרונגען אין מיין בלוט און איך קען אַבסאָלוט נישט גדענקען, ווי אזוי און פון וואנען זיי זיינען צו מיר געקומען.

ג. ב.

# פון גרשם באַדער איז לעצטענס ערשינען:

# „אונזערע גייסטיגע ריזען"

## די חכמים פון דער משנה

אויף 416 גרויסע זייטען פיהרט אונז דער מחבר איבער'ן לאַבירינט פון דער משנה, זייט דער צייט פון איהר אָנהויב, ביז צו איהר לעצטער פער־טיגשטעלונג, ווי אַזוי די אידען זיינען צוריק־געוואַנדערט פון גלות בבל און דערנאָך זיינען זיי אויסגעוואַנדערט פון ארץ־ישראל קיין מצרים און צוריק קיין בבל. פון דער צייט וואָס די חשמונאים האָבען געקעמפפט פאַר דער באַפרייאונג פון זייער לאַנד איבער די צייטען פון קעניג הורדוס האדומי און זיינע נאָכפאָלגער ביז נאָכ'ן חורבן בית שני און די צייט פונ'ם רוימישען קייזער אַנטאָנינוס פיאוס. דער לעזער קען זיך אויך דאָרט גענוי אָריענטירען וועגען די פאַרשיעדענע פּאַרטייען, וואָס זיינען געווען ביי אידען אין ארץ־ישראל, זייט דער צייט פון די „אנשי כנסת הגדולה" ביז צו דער לעצטער רעדאַקציע פון דער משנה.

מר. פ. וויערניק, רעדאַקטאָר פון „מאָרגען זשורנאַל", שרייבט וועגען גרשם באַדער'ס בוך דאָס פאָלגענדע:

„דאָס ווערק גיט אַ באַגריף פון די חכמי המשנה און זייער צייט און עס ווייזט אַ גרינדליכע באַקאַנטשאַפט מיט דער אַנטוויקלונג פון די טראַדיציעס פון תורה שבעל פה און אַ באַגריף פון דער היסטאָריע פון אידען און פון דער וועלט אין די דורות, אין וועלכע דיזע גייסטיגע ריזען האָבען געלעבט און געווירקט.

— — — דאָס ווערק פאַרדיענט צו ווערען געלעזען און געשטודירט פון אַלע, פאַר וועמען אונזער גרויסע פאַרגאַנגענהייט האָט אַ באַדייטונג".

דר. א. גינזבורג, אין „פאָרווערטס", שרייבט:

„אונזערע גייסטיגע ריזען" פון גרשם באַדער איז אַ ווערק, וואָס פאַר־דיענט געלייענט צו ווערען".

דער שריפטשטעלער צביון שרייבט:

„אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט, איז אין אידיש ביז יעצט נאָך אַזאַ בוך נישט געווען, און די אידישע לעזער, וואָס אינטערעסירען זיך מיט אידישער לומדות, וועלען פון איהם קריגען אַ סך אינפאָרמאַציע און אַן אַלגעמיינע פאָרשטעלונג וועגען די בעלי התלמוד".

און דער שריפטשטעלער מרדכי דאַנצים שרייבט אין „טאָג" דאָס פאָל־גענדע:

„באַדער געהט שטרענג אין די פוסטריט פון דער טראַדיציע, זיין אויפ־פאַסונג און קוק זיינען די אַלט־אָנגענומענע און אונזערע גייסטיגע ריזען טרעטען ביי איהם אַרויס ווי מיר זיינען זיי געוואוינט צו זעהן אין ליכט פון תלמוד און מדרש און פון די לעגענדעס, וואָס שפּינען זיך אַרום זייער נאָמען, — — — געשריבען מיט פיעל ערנסט, מיט פאַרשטענדניס פאַר דער עפּאָכע, מיט טיעפער פאַרעהרונג פאַר די ליכטיגע פּערזענליכקייטען, וואָס דער מחבר פיהרט אַרויס און מיט אַ ברייטער ערודיציע וועגען זייערע פאַר־אייביגטע שאַפונגען".

(שלוס אויף דער לעצטער זייט)

# די אמונה איז ווי אַ בלום

ווי אַ בלום פון גאָרטען גאָר אַ שעהנע,
געשפּייזט פון דער לבנה און מיט טוי באַדעקט,
אַזוי וואַקסט אין הארצען די אמונה —
און זי שטאַרקט אונז געגען אַלץ, וואָס שרעקט.

מעגען שטורמען יאָגען אָהן אָן אויפהער,
קעגען זיי נישט די אמונה שטערען;
מיר זיינען אין איהר האַנד ווי בלומען ביי אַ גערטנער,
וואָס זאָרגט פאַר זייער וואַקסען און פאַרמעהרען.

און יאָגט אונז ווען אַ ווינד אַ שטאַרקער,
שיצט אונז דאַן דער גערטנער מיט אַ דאַך;
און פעהלט אַמאָל צום וואַקסען אונז די פייכקייט,
דאַן מאַכט ער אונז פאַרגיעסען טרערען גאָר אַ סך.

---

ווען דער פּסוק זאָגט: „איהר זיינט די קינדער פון אייער גאָט", מיינט ער, אַז ווען איהר פיהרט זיך ווי קינדער, קען מען וועגען אייך זאָגען, אַז איהר זייט די קינדער פון גאָט. ווען איהר פיהרט זיך אָבער נישט ווי קינדער, קען מען אייך ניט רופען „קינדער". אַזוי זאָגט ר' יהודה. ר' מאיר דאַ־געגען זאָגט, אַז ווי אַזוי איהר פיהרט זיך, זענט איהר אַלץ די קינדער פון גאָט, ווי דער פּסוק רופט אייך: „נאַרישע קינדער", אָדער „קינדער אָהן אַ צוטרוי", מיינט דאָס, אַז סיי איהר האָט דעם גלויבען אין גאָט און סיי עס איז נישט פאַרהאַנען ביי אייך דער גלויבען, זענט איהר אַלץ קינדער פונ'ם אויבערשטען.

(מסכת קדושין, דף ל"ו עמוד א').

---

## גלויבען

קיינמאָל וועט נישט דער גלויבען אונטערגעהען, אָבער די „עיקרים" פונ'ם גלויבען, זיינען נישט דער גלויבען גופא. הויך אויבען זיצט דער, וואָס מען דאַרף אין איהם גלויבען — און דער קאַמף אין די מיינונגען וועגען איהם מאַכט אָן אַ שטויב, וואָס פאַרפּראָשעט די אויגען.

*   *   *

די באַשטימונג פונ'ם מענש איז, האַרמאָניש צו אַנטוויקלען אַלע זיינע קרעפטען צו'ן אַ פולשטענדיגער איינהייט, צו וועלכער ער דאַרף מיט זי־

כערהייט שטרעבען. אָט די זיכערהייט גיט אָבער בלויז דער גלויבען. גע־שטיצט און געפיהרט פון איהם, קען נישט דער מענש זיין ציעל פאַרפעה־לען, לויט א געזעצליכער איינפיהרונג פון דער נאַטור אַנטוויקעלט זיך ביים מענשען צוזאַמען מיט זיין באַוואוסטזיין דאָס געפיהל, דער גייסט און דער ווילען. און ווען די דאָזיגע דריי מדות זיינען צוזאַמענגעהאַלטען פונ׳ם גלויבען, איז די אַנטוויקלונג און די פאַרשטאַרקונג זייערע א געזיכערטע.

## די אמונה איז דער יסוד פון גערעכטיגקייט

גלייך ווי עס איז נישט פאַרהאַנען קיין אמת׳דיגע עהרהאַפטיגקייט אָהן מדות טובות, אַזוי איז נישט פאַרהאַנען קיין גערעכטיגקייט אָהן א גלויבען אין גאָט. אָהן א גלויבען איז די גערעכטיגקייט נישט מעהר ווי אַן אויסענ־ווייניגסטע פאָרם אָהן אינהאַלט און א צבוע׳קשע פאַרשטעלונג פון דער אינעווייניגסטער שלעכטיגקייט. גלייך ווי די נשמה האַלט אויף דעם גוף, אַזוי האַלט דער גלויבען די מענשען, נישט בלויז אַלס יחידים, נור אויך אַלס נאַציאָנען.

## דאָס ערדישע און דאָס הימלישע

ווער עס איז נור פון דער געגענוואַרט באַהערשט, וועט נישט קיינמאָל אין זיך דאָס העכסטע אַנטוויקלען, אָבער ווער עס קוקט ווייט אָדער אין דער הויך, דער וועט זיך פיהלען פריי ווי א קעניג. אוועקגערוקט פון ערדישע נידריגקייטען, וועלען איהם הימלישע געשטאַלטען באַגעגענען. אַן אינעווויי־ניגסטע הויכקייט וועט איהם אַרומנעהמען און עס וועט איהם געבען א גלוי־בען אין זיך און אין די אַנדערע מענשען.

## פריינדשאַפט

ווען עס רעדט אַמאָל איינער שלעכטס אויף דיינעם א פריינד, איז ווען דו קענסט אפילו דעם וואָס רעדט אַלס דעם עהרליכסטען מענש אין דער וועלט, זאָלסטו איהם פון דעסטוועגען נישט גלויבען!

און רעדט די גאַנצע וועלט שלעכטס אויף דיינעם א פריינד, זאָלסטו זיך אַקעגען־שטעלען דער גאַנצער וועלט, דיין פריינד זאָל קענען בלייבען דער גערעכטער!

דאָס האַרץ פון א פריינד איז אַזא טייערער שאַץ, אַז די גאַנצע וועלט קען איהם נישט באַצאָהלען. אַן „אבן טוב" איז עס, וואָס קען וואונדער באַווייזען!

האָסט אָבער אין איהם א ספק, מאַכט עס טונקעל זיין גלאַנץ — און ווערד די פריינדשאַפט צובראָכען, קען זי שוין נישט צוריק גאַנץ ווערען — און דאָרט וואו עס פעהלט פריינדשאַפט, איז נישטאָ קיין הייליגקייט.

* * *

**א בעטלער אפילו, ווען ער פאַרמאָגט דאָס האַרץ פון א פריינד, קען**

מען איהם רעכענען פאר רייך — און מיט'ן גרעסטען רייכטום אָהן אַ פריינד, איז מען נישט מעהר ווי אַ בעטלער.

---

## אַלע אברים דאַרפען דאַווענען

ר' בונם פשיסכער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך נישט וואונ־דערן, וואָס מאַנכע חסידים דאַווענען שפעט, ווייל עס זיינען פאַרהאַנען אברים אינ'ם מענש, וואָס ווען דער מענש אַליין איז אפילו וואַך, זיינען זיי פאַרשלאָ־פען, און אַזוי ווי דער פסוק זאָגט „כל עצמותי תאמרנה", וועלכעס מיינט, אַז אַלע אברים פונ'ם מענש דאַרפען לויבען דעם אויבערשטען, וואַרטען יענע חסידים מיט זייער דאַווענען, ביז אַלע אברים זייערע זיינען אויפגעשטאַנען פונ'ם שלאָף.

---

## אַ צדיק אַ טיפש

ר' בונם פשיסכער האָט אַמאָל ערקלערט, אַז נישט יעדער צדיק מוז זיין אַ חכם, ווייל איידער דער מענש ווערד באַשאַפען, זאָגט דער מלאך, וואָסערע מעלות יענער מענש וועט האָבען, צי ער וועט זיין רייך אָדער אָרים, אַ חכם אָדער אַ טיפש, ער זאָגט אָבער נישט, צי ער וועט זיין אַ צדיק אָדער אַ רשע, ווייל דאָס ליגט ביים מענשען אין דער האַנד, ער זאָל זיך אין דער דאָזיגער באַציהונג אַנטוויקלען, לויט ווי עס וועט איהם אַליין געפעלען. איז דערפון געדרונגען, אַז עס קען זיין אַ מענש, וואָס דער אויבערשטער האָט אויף איהם גוזר געווען, ער זאָל זיין אַ טיפש, זאָל אויך דערנאָך ווערען אַ צדיק.

---

## גוט, פרום און קלוג

דאָס זיינען — לויט דער מיינונג פון ר' בונם פשיסכער — דריי מדות טובות, וואָס נור ווען אַ מענש באַזיצט זיי אַלע אין־איינעם, קען מען וועגען איהם זאָגען, אַז ער איז ווירדיג צו דיענען דעם אויבערשטען. אָט דאָס איז אויך מרומז אינ'ם פסוק „טוב ויחיל ודומם לישועת ה'". ווען דער מענש איז אַ גוטער (טוב), אַ גאָטספאָרטיגער (יחיל) און אַ שווייגענדיג־קלוגער (דומם) איז ער ווירדיג, אַז גאָט זאָל איהם העלפען און אָננעהמען אַלס זיין דיענער.

---

## די מעלה פון אַ חבר

יעדער מענש — האָט ר' בונם פשיסכער געזאָגט — דאַרף האָבען אַ חבר, וועלכער זאָל איהם זיין אַזוי געטריי, אַז ער זאָל איהם קענען דער־צעהלען אַלסדינג, וואָס ליגט איהם אויפ'ן הארצען, אפילו ווען דאָס זאָל זיין אַזאַ זאַך, וואָס מען דאַרף זיך מיט איהר שעהמען, אַ שטייגער ווי יהודה

בן יעקב האָט געהאַט אַ חבר מיט'ן נאָמען חירה העדולמי, מיט וועמען ער האָט געשיקט דאָס ציגעלע פאַר תמר'ן.

## די פסח'דיגע חומרות

אַלע חומרות, וואָס אידען האַלטען אום פסח — האָט ר' בונם פשיס־כער געזאָגט — זיינען ציערונגען צו דער הייליגקייט פונ'ם יום־טוב, ווי דער פסוק זאָגט „צוארך בחרוזים" (דיין האַלז איז ארומגענומען מיט שנירלעך). צו אַלע אנדערע אברים אינ'ם גוף, קענען מיר געוועהנליך נישט צופּאַסען יעדעם מין ציערונג, וואָס האָט נישט קיין שייכות צו יענעם אבר. בלויז צום האַלז קענען מיר צופּאַסען כל־ערליי ציערונגען, פון גאָלד אָדער פון איידעלשטיינער און אַמאָל גאָר אַ פשוט סאַמעטענע צאַצקע. און ווען מיר מאַכען זיך חומרות אין אונזער פסח'דיגער אכילה איז דאָס ווי אַ ציערונג פאַר אונזער האַלז, דורך וועלכען עס געהען דורך אַלע שפּייזען.

## אַלט-נייע גלייכווערטלאך

ווער עס האָט חשק, צו ווערען אַ העלד, מוז צוערשט באַווייזען זיין גבורה אינ'ם גלויבען.

* * *

ווען דו ביזט אַ קליינגלויביגער, ביזטו אויך אַ פורכטזאַמער — און ביזטו אַ פורכטזאַמער, איז דאָס אַ סימן, אַז דו ביזט אַ קראַפטלאָזער.

* * *

ווער עס גלויבט, דעם איז דאָס הייליגסטע פונ'ם לעבען נאָהנט צום האַרצען.

* * *

די וואונדער פון דער רעליגיאָן דאַרף מען אַרונטערשלינגען גאַנצער־הייד ווי פּילען און מען טאָר זיי נישט צוקייען.

## אַ גוי'שער קאָפּ

אַ אידישער יונגער־מאַן האָט אַמאָל געאַרבייט ביי אַ גרויסער דייטשער פירמע אַלס בוכהאַלטער. האָט עס זיך געמאַכט, וואָס דער מענעדזשער פון דער פירמע איז געוואָרען אַ מעמבער פון דער אַנטיסעמיטישער פּאַרטיי אין זיין שטאָדט און ער האָט זיך פאַרגענומען אָפּצוזאָגען אַלע אידישע אָנגע־שטעלטע פון דער פירמע. אַזוי ווי ער האָט דאָס שוין געהאַט דורכגעפיהרט, האָט ער נישט געוואוסט, וואָס ער זאָל טהון מיט'ן בוכהאַלטער, וועלכער איז דורך זיין פעהיגקייט געווען ווי אַ זייל אין דער פירמע. איז דאַן דער מע־נעדזשער געפאַלען אויף אַ המצאה און ער האָט דעם יונגען־מאַן אָנגעזאָגט, אַז אויב ער וועט זיך נישט שמד'ן, וועט ער די שטעלע פאַרלירען. האָט איהם דער יונגער-מאַן געהערט און ער האָט זיך גע'שמד'ט.

האָט זיך גראָד געמאַכט אין דערזעלבער וואָך, וואָס דער פּריש־גע׳־שמד׳טער יונגער־מאַן האָט זיך טועה געווען אין אַ חשבון — און די פירמע האָט דערפון געהאַט אַ גרויסען שאָדען, סיי פינאַנציעל און סיי אין פּרעס־טיזש. האָט צו׳ן איהם דער מענעדזשער אַ זאָג געטהון:

— ווען איך האָב דיר געהייסען זיך שמד׳ן, האָב איך געמיינט, אַז בלויז דער קערפּער דיינער וועט ווערען אַ גוי׳אישער, אָבער דיין קאָפּ וועט בלייבען אַ אידישער. לסוף זעה איך, אַז חאָטש עס איז נאָך נישט פאַר־איבער קיין גאַנצע וואָך, זייט דו ביסט נישט מעהר קיין איד, האָסטו שוין באַקומען אַ גוי׳אישען קאָפּ... מוז איך דיר דערפאַר זאָגען, אַז איך האָב געוואָלט האָבען אַ גוי מיט אַ אידישען קאָפּ, אָבער אַ איד מיט אַ גוי׳אישען קאָפּ טויג נישט פאַר מיר!...

---

## אַ ברכה אויף אידען

— פאַרוואָס מאַכט דער חזן צו „כל נדרי" שהחיינו?

— דאָס מאַכט ער שהחיינו אויף אַזעלכע אידען, וואָס ער האָט אַ גאַנץ יאָהר אין די אויגען נישט געזעהען.

---

## ער באַדויערט אויך

פרוי: מיין פאָטער עליו השלום, פלעגט מיך אימער ריהמען, אַז איך האָב אַ גאון׳אישען קאָפּ אויף זיך, און ער פלעגט אימער באַדויערען וואָס איך בין געבוירען געוואָרען אַ מיידעל.

מאַן: און איך בעדויער עס נאָך מעהר.

---

## מענשליכע גוטהערציגקייט

פיעלע מענשען וועלען גיכער געבען דעם רייכען׳ס הונד אַ שטיקעל פלייש, ווי דעם אָרעמאַן אַ שטיקעל ברויט...

---

## ווער האָט נישט קיין שונא?

נאַראָנים און משוגעים האָבען נישט קיין שונאים.

---

## ער ווייסט אליין

באַלעבאָס (צום בעטלער): קומט ניט בעטלען אין דער צייט פון דינער.

בעטלער: איהר האָט געלערנט ווי צו מאַכען געלד, אָבער ווי צו בעטלען, דאַרפט איהר מיך ניט לערנען.

# וואָס איז גליק?

ווען דו קענסט דיין שיקזאל צווינגען,
עס זאָל זיך אזוי דרעהען, ווי נור דו ווענסט וועלען —
און ווען דו קענסט א יעדע זאַך אויספיהרען,
זי זאָל זיין אזוי, ווי עס וועט דיר געפעלען.

ווען דו האָסט כח, הארט צו בלייבען,
נישט צו לאָזען בויגען זיך פון ווינד און וועטער —
און ווען ביז דעם לעצטען טאָג פון לעבען
זאָלסט נישט דארפען וועקסלען דיינע געטער.

---

## פון מרדכי ראקאָווער'ס חכמות

אין דער געגענד פון קראָקע האָט צוריק מיט יאָהרען געלעבט איינער א לץ מיט'ן נאָמען מרדכי ראקאָווער, וועגען וועמען עס געהען ארום פאר־שיעדענע בעשיות — און איינע פון זיי איז די פאָלגענדע:

געוועזען איז עס אמאָל אים „עשרה בטבת„, האָט זיך מרדכי'ן פארגלוסט נישט צו פאסטען. איז ער אריינגעגאנגען אין א שענק, האָט ער דאָרט גענומען א ביסעל בראָנפען און ער האָט אויך פארביסען מיט א בייגעל.

צו זיין אומגליק האָט קהל דאמאָלס ארויסגעשיקט איינעם א שמש, ער זאָל געהן זוכען חטאים אין שטאָדט, איינע א געווינערין איז דאַן שוועער געגאנגען צו קינד, איז יעדער אין שטאָדט געווען זיכער, אז דאָס איז, ווייל די מענשען זיינען זינדיג.

האָט מען מרדכי'ן געכאַפּט אין מיטען עסען דעם בייגעל און מען האָט איהם תיכף געשלעפּט צום רב.

— ווי נעמט עפּעס א איד עסען אין א תענית? — האָט דער רב גע־פרעגט.

— זאָגט נור רבי — האָט מרדכי געענטפערט — א שטייגער ווען איך זאָל אייך זאָגען, אז איך האָב מיט מיין היינטיגען עסען אריינגעבראכט א מזומנ'עם טויזענטער צו אַן אָרימער בתולה און איך האָב איהר מיט דעם געהאָלפען, זי זאָל קענען איין גיכען חתונה האָבען, וואָלט איהר געקענט גע־פינען פאר מיינעטוועגען א זכות?

— יאָ! — האָט דער רב געענטפערט — אָבער ווי אזוי איז דאָס געשעהען?

— גאָר פשוט! — האָט מרדכי געזאָגט — ווען איך בין היינט אין דער פריה געגאַנגען צום דאַווענען, זיינען געשטאַנען צוויי מיידלעך לעבען א ברונעם, האָט איינע געזאָגט צו דער אנדערער: „עשרה בטבת איז אַזאַ קליינער טאָג, אז איך וואָלט געגאַנגען א געוועט, אז עס וועט זיך נישט היינט געפינען ביי אונז אין שטאָדט קיין איינציגער איד, וואָס וועט נישט פאַסטען"... האָט די אנדערע מיידעל אויף דעם געענטפערט: „וואָלט איך

מיר פון דעסטוועגן געוואונשען, צו פארמאָגען אזוי פיעל טויזענטער, ווי־פיעל אידען עס וועלען היינט נישט פאסטען!"

—האָב איך זיך דאן וועגען דער דאָזיגער מיידעל נאָכגעפרעגט — האָט מרדכי געזאָגט — און איך האָב אויסגעפונען, אז זי איז אן אָרימע יתומה, און כדי אזא אָרימע יתומה זאָל האָבען נאָך א טויזענטער, איז שוין כדאי נישט צו פאסטען א תענית...

## אומבאַשטראָפט שלאָגען

— פאר וועלכען שלאָגען ווערט מען נישט בעשטראָפט?
— ווען מען שלאָגט זיך „על חטא".

## גאָט ווייסט וואָס ער טהוט

דער אידישער פילאָזאָף מענדעלסאָן, האָט אין זיינע יונגע יאָהרען געדיענט ערגיץ אין א געשעפט ביי א רייכען אידען, וועלכער איז אין גאַנץ בערלין בעקאַנט געווען אלס אן אומגעבילדעטער מענש.

— זעה, ווי אומגערעכט גאָט קען אמאָל זיין — האָט א פריינד באמערקט צום פילאָזאָף, — איהר זייט אזא גרויסער געלעהרטער און איהר דאַרפט ארבייטען פאר אזא מין נפש?

— דאָס ווייזט, אז גאָט ווייסט וואָס ער טהוט! — האָט מענדעלסאָן געענטפערט. — וואָרום ווען ער וואָלט מאַכען פארקעהרט, וואָס וואָלט איך געטהון מיט אזא גראָבען יונג?...

## ווער איז געשטאָרבען?

מיינער א באַקאַנטער האָט געהאַט צוויי באַקאַנטע ברידער, וועלכע זיינען געווען א צווילינג און האָבען אויסגעזעהן זעהר עהנליך איינער צום אנדערען. עס האָט זיך געמאַכט, אז איינער פון זיי איז געשטאָרבען און דער צווייטער האָט באַגעגענט דעם באַקאַנטען אין גאַס.

— אָה, ווי א שאָד, אזא אומגליק! — האָט מיין באַקאַנטער באַדויערט — אָבער זאָגט מיר נאָר, זייט איהר דאָס געשטאָרבען, אָדער אייער ברודער?

## דאָס „עהרען-וואָרט" פון א פריץ

צו א פוילישען פריץ איז אריינגעקומען א איד קויפען תבואה. מושה געוואָרען מכח'ן מקח, בעט זיך דער איד, אז דער פריץ זאָל ביי איהם נעהמען דערוויי'ל א העלפט פון דעם אָבגעשמועסטען האַנד־געלט, און דאָס רעשט וועט ער איהם צוטראָגען מאָרגען.

— אויף וואָס קוקענדיג זאָל איך דיר גלויבען ? — פרעגט דער פּריץ.
— איך וועל דיר, אדוני פּריץ געבען מיין „עהרען וואָרט".
— ווי קומט צו א אידען אן עהרען וואָרט? — פרעגט דער פּריץ.
— פּארשטעהסטו מיך, פּריצ'וניו, — ענטפערט דער איד — ביי מיר האָט מיט אַ דריי יאָהר צוריק אַ גאָר געהויבענער יאַסניע־וועלמאָזשני־פּאַן געליהען 300 רובעל און געגעבען מיר זיין עהרען וואָרט אַז אין אכט טאָג וועט ער מיר דעם חוב אָבגעבען. און אָט איז שוין 3 יאָהר אַז איך האַלט דעם עהרען וואָרט אין קעשענע. יעצט קען איך דיר פּאַניע פּריץ, איהם אוועקגעבען.

---

# אַלט-נייע גלייכווערטלעך

אז אַ קאַרגער זאָל אָפּגעבען דאָס לעצטע שטיקעל ברויט צו'ן אַ צווייטען, קאָן נאָר טרעפען ערב פּסח.

* * *

דער דוהיגער שלאָף פון אנדערע, שטערט זעהר אָפט דעם שלאָף פון מאנכע מענשען.

* * *

אַ גוטער פריינד איז געגליכען צו וויין, וואָס לענגער ער האַלט זיך, אַלץ בעסער איז ער.

* * *

מאנכע מענשען פרעהען זיך מיט זייער גליק נור דארום, ווייל זיי ווייסען אַז אנדערע מענשען האָבען דערפון גרויס שברות־הלב.

---

# די נייסטע נייעס

צו אַ באוואוסטען פּראָפעסאָר פון געשיכטע איז לעצטענס געקומען אַ גאַסט און ווי געוועהנליך ביים באַגעגנען זיך מיט איינעם, וועלכען מען האָט שוין לאַנג ניט געזעהן, טהוט דער גאַסט אַ פרעג :
— נו, וואָס איז עפּעס איצט די לעצטע נייעס ?
— וועל, — גיט דער פּראָפעסאָר אַ פּאַרקנייטש זיין שטערען, — דאָס סאַמע נייסטע פון דער לעצטער צייט איז, אַז עס שוין פּאָזיטיוו פעסטגע־שטעלט געוואָרען, אַז די ים־שלאַכט ביי סאַלאַמיס אין 480 פאר דער וועלט־ליכער צייטרעכענונג, איז פאָרגעקומען אין אַ דינסטאָג און ניט ווי מען האָט ביז איצט געמיינט, אין אַ מאָנטאָג...

---

# זי וויל נישט שרייען

ער : אז איך וועל אייך אַ קוש טאָן, וועט איהר שרייען און רופען די מאַמע ?

זי : נאָכוואָס ? ווילט איהר דען קושען די גאַנצע פאַמיליע ?

## דיזעלבע עלטער און נישט גלייך

וואס מאכט איהר, מר. קילקע? — האט א יונגערמאן באגריסט אן עלטערען אידען אין א טריין.

אלעס דאס זעלבע, — האט דער עלטערער געענטפערט, — נישט מעהר איך בין געווארען אביסעל טויבליך אויפ'ן לינקען אויער.

נו, וואס איז דער וואונדער, א מענש אין אייערע יאהרען? — האט דער יונגערמאן באמערקט.

יאהרען, שמארען! — האט דער עלטערער בייזלעך אויסגערופען, — מיין רעכטער אויער איז אין די זעלבע יאהרען מיט מיין לינקען, און דאך איז ער אל ראיט!

---

## ר' נחמן בראצלאווער זאגט:

ווען דו האלטסט דיין האנד פאר די אויגען, פארשטעלסטו מיט דיין קליי־נער האנד די גרעסטע בערג; אזוי פארדעקען די קליינע מענשליכע תאוות דאס גרויסע ליכט און די גרויסע סודות מיט וועלכע די וועלט איז פול.

ווער עס קען זיינע אויגען עפענען, ווער עס קען זיין האנד פון די אויגען אראבנעהמען, דער זעהט די גרויסע סודות פון דער וועלט.

---

## טעאריע און פראקטיק

פאטער: מיין ליעב קינד, זאלסט קיין מאל ניט זאגען קיין ליגען, ווייל דאס איז זעהר א מיאוס'ע זאך. פרעג דיין טיטשער, וועט ער דיר אויך זאגען אז וואשינגטאן האט קיינמאל קיין ליגען געזאגט.

(דערווייל קלינגט די טהיר בעל).

— געה מיין קינד, עפען אויף די טהיר, און אויב עס וועט זיך ווער פרעגען אויף מיר, זאלסטו זאגען, אז פאפא איז ניטא אין דער היים.

---

## אין באנק

מר. וואסערשטראהל באגעגענט זיך אין דער באנק מיט זיין אמאליגען פריינד, מר. צאבאן, וואו זיי זיינען ביידע דעפאזיטארס, באריהמען זיי זיך ביידע, איינער פאר'ן אנדערן, ווי הויך זייערער א טשעק קען זיין.

— איך קען יעצט אנשרייבען א טשעק אויף הונדערט טויזענד דאלאר! — האט מר. וואסערשטראהל געזאגט.

—שרייבען אזא טשעק קען יעדער! — האט מר. צאבאן געענטפערט

— די פראגע איז נור, צי דער יונגער־מאן ביים פענסטער'ל וועט איהם האנארירען...

— אודאי מוז ער האבען „רעדי קעש" פאר אזא גרויסע סומע! — האט מר. וואסערשטראהל געזאגט.

— נישט ער, נור דו! — האט מר. צאבאן געענטפערט.

## אַן אוקאַז איז אַן אוקאַז

א רוסישער גענעראַל האָט איינמאָל באַזוכט אַ פּאָלק פון זיינע סאָלדאַטען און האָט זיי געפונען זעהר ניט אין אַ ריינעם צושטאַנד, האָט ער זיי געגעבען אַ באַפעהל, זיי זאָלען איבערבייטען זייערע אונטערוועש.

„מיר האָבען אָבער קיין אַנדערע וועש", האָט דער פּאָלקאָווניק איהם געענטפערט.

„קיין אויסרייד, איהר מוזט טהון ווי איך הייס אייך!" האָט דער גענעראַל אויסגערופען, „זאָל יעדער סאָלדאַט זיך בייטען די וועש מיט'ן אַנדערען".

## ניט פאַרגונען אַזאַ טויט

אין אַ קליין שטעדטעל איז אַ גוי געשטאָרבען אין ניסן. אַ אידענע, וועלכע איז פאַרבייגעגאַנגען דעם טויטען-וואָגען האָט איהם גענומען באַדויערען: „אויב שוין יאָ געשטאָרבען אין ניסן, וואָלט דאָס געדאַרפט זיין אַ איד!"...

## געדאַנקען-שפּריצלעך

פריהער טראַכט און דערנאָך זאָלסטו רעדען. הער אויף רעדען איידער מען וועט דיר זאָגען — גענוג. דער מענש איז העכער פאַר אַלע חיות מיט זיין כח הדבור. ער איז אָבער נידעריגער פון זיי ווען ער מיסברויכט מיט זיין כח הדבור.

* * *

אויב איהר ווילט אָבהאַלטען אַ מענשען פון וועלכער ס'איז אונגעווינשטער טהאַט, לאָזט איהם וואָס מעהר רעדען וועגען דעם, וואָרים וואָס מעהר אַ מענש רעדט, אַלץ וועניגער איז ער גענייגט צו טהאָן עפּעס.

* * *

קיין קלוגער ריכטער באַשטראָפט ניט, זאָגט פּלאַטאָן, ווייל עס איז געזינדיגט געוואָרען, נור כדי צו פאַרהיטען אין דער צוקונפט פון זינד.

* * *

קיין זאַך לויפט ניט שנעלער ווי די יאָהרען.

* * *

פאַרליעבטע האָבען ליעב די לבנה, ווייל זיי דאַרפען נישט די זון זאָל זיי וואַרימען.

* * *

דאָס לעבען איז אַ קאַמף — אָבער ניט אַלע באַנוצען דערצו די ריכטיגע וואַפען.

* * *

עס איז ניט וויכטיג וויפיעל פריינד דו האָסט, נאָר וויפיעל דו האַלטסט ווירקליך פאַר אַזעלכע.

* * *

אַז דו וועסט אויף דיר ניט אַכטונג געבען, וועסטו זיך אַליין פאַרלירען און זיך אפשר מעהר ניט קענען געפינען.

# פון מרדכי ראקאָווער׳ס חכמות

איינמאָל ערב פסח אין דער פריה איז שוין געווען צייט דעם חמץ צו פאַרברענען און דער רב האָט זיך זעהר פאַרטראַכט וועגען אָרימע לייט, וואָס עס איז דאָ וויינינג מעות חטים און די חסידים האָבען נישט געהאַט דעם עזות צו זאָגען דעם רב, אַז עס איז שוין צייט צו דאַוונען.

דערווייל איז אָנגעקומען מרדכי ראקאָווער, האָבען זיי איהם דערצעהלט, אַז דער רבי האָט זיך פאַר׳דבקה׳ט און נאָך נישט געדאַווענט און עס איז שוין אַזוי שפּעט.

האָט ער זיי געזאָגט, אַז עס וועט זיין רעכט.

איז ער טאַקי גלייך אריין צום רב און געזאָגט :

— רבי, איך האָב איבערגעלייגט דעם קאַסטען און האָב געפונען מיין ווייב׳ס כתובה פאַר׳חתמ׳עט מיט זויערטייג, פרעג איך אייך צי מעג איך היינטיגען פסח וואוינען מיט מיין ווייב צי ניין, ווייל טאָמער ניט, האָב איך נישט קיין מלכה און עס איז שוין אַזוי שפּעט, עס איז שוין צייט דאָס חמץ צו פאַרברענען און דאַוונען געוויס.

דאַמאָלס האָט זיך דער רבי דערמאָנט וואו ער האַלט און ער האָט געהייסען דעם עולם דאַוונען.

* * *

איינמאָל זיינען ביינאַכט אריין גנבים צו מרדכי ראקאָווער אין שטוב. זיי זוכען אויף דער ערד, זיי טאַפּען אויף די ווענט, טאָמער הענגען מלבושים אָדער לייכטער. עס איז אָבער גאָר ניט צו געפינען.

זיין ווייב האָט דערהערט, וועקט זי איהם שטילערהייד : „מרדכי ! דו הערסט ? גנבים זיינען דאָ !" — זאָגט מרדכי : „שווייג שטיל, אויף מיר פלאַמט דאָס פּנים, זיי האָבען נעבעך נישט וואָס צו נעמען און דו שרייסט נאָך און עס אַרט דיך גאָר ניט !"...

* * *

איינמאָל איז געקומען צו מרדכי׳ן א בעל־חוב, וואָס האָט איהם גע־ליהען מזומן געלד פופציג רייניש, ווען מרדכי האָט געדאַרפט א קינד חתונה מאַכען און ער האָט איהם ניט געהאַט אָפּצוגעבען.

זאָגט ער צום בעל־חוב :

— ווען דו גיסט מיר נאָך צוויי רייניש, האָב איך א פּלאַן, ווי איך קען דיר דעם חוב אָפּגעבען און מיר זאָל אויך עפּעס בלייבען.

האָט איהם יענער געגעבען צוויי רייניש, ווייל ער האָט געוואָלט זעהן, וואָס פאַר א פּלאַן ער האָט.

— הכלל, לאָמיר שוין זעהן — זאָגט דער בעל־חוב — וואָס דו וועסט טאָן מיט די צוויי רייניש...

* * *

זאָגט ער צו איהם : קום מיט מיר.

ער איז מיט איהם געגאַנגען אויף דעם מאַרק און ער האָט געקויפט פינף הינער. זעהסטו די פינף הינער וועלען לייגען אייער, יעדער הון צו דרייסיג, בס"ה הונדערט פופציג אייער. די הינער וועל איך באַזעצען אויף די אייער, וועלען זיי אויסבריהען הינדלעך. אַזוי לאַנג וועט עס געהן, ביז איך וועל אויסהאָדעווען א סך הינער, וועל איך פאַרקויפען די הינער און וועל דיר באַצאָהלען דיין חוב.

## מגידים וואָס ווייסען אַ קרענק

דער פסוק זאָגט: „ויאמר ליוסף: הנה אביך חולה”. מאכט רש"י: „אחד מן המגידים” — ד. ה. איינער איז געקומען אָנזאָגען יוסף'ן, אַז זיין פאָטער איז קראַנק. פון דעם איז געדרונגען, אַז עס זיינען פאַראַנען מגידים, וואָס ווייסען אַ קרענק.

## דער „גוטער איד” און דער משוגע'נער

עס איז אַמאָל געקומען צו פאָהרען אַ גוטער איד אין אַ שטעדטעל. אַ משוגענער, וועלכער האָט זיך געפונען אין דער שטעדטעל, איז אריין צו איהם אין קאַרעטע און האָט בשום אופן ניט געוואָלט אַרויסגעהן.
וואָס שפּאַרט דיר דוקא צו פאָהרען מיט'ן רבי'ן? — האָט איהם אַ חסיד געפרעגט.
איך וויל, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיין אונזערע — האָט דער משוגע־נער געענטפערט — ווייל נאָך דעם רבי'ן לויפען משוגענע און נאָך מיר קלאָרע, אַז מיר וועלען פאָהרען ביידע צוזאַמען, וועט די גאַנצע וועלט זיין אונזערע.

## ער ווייסט וואָס ער רעדט

אַ בעל־עגלה האָט זיך באַריהמט, אַז איהם איז קלאָרער דער וועג פון זיין שטעדטעל ביז קראָקע, מעהר ווי אַ איד אין אשרי.
— סטייטש? — האָט מען איהם געזאָגט — אַ איד זאָגט דאָך אשרי דריי מאָל אַ טאָג און דו פאָהרסט נאָר איין מאָל אַ וואָך, ווי'זשע איז מעגליך, אַז דיר זאָל דער וועג זיין מעהר קלאָר ווי אַ איד אין אשרי?
— אדרבה, — האָט דער בעל־עגלה געענטפערט — נעמט אפילו דעם רב און הייסט איהם זאָגען אשרי אויף צוריק, וועט ער ניט קענען, און איך פאָהר דאָך אַהין און צוריק.

## וועמען איז ערגער?

אַ רב באַגלייט אַ אידען, וואָס מען האָט געפיהרט הינגעריכטעט צו ווערען אויפ'ן גאַלגען. עס איז געווען אַ קאַלטער ווינטערדיגער טאָג און דער רב האָט זיך גוט איינגעוויקעלט אין זיין פוטער, און ציטערענדיג האָט ער זיך צום פאַראורטיילען אָנגערופען: „אוי, ווי מיר איז קאַלט!”
—מיר איז אויך קאַלט! — האָט דער פאַראורטהיילטער געענטפערט — מיר ווארפט אזש אַ צאָהן אין אַ צאָהן!
— אָבער, — האָט דער רב געזאָגט, — אייך איז גוט. איהר וועט פאַרשפּאָרען צוריק צו געהן, און איך מוז נאָך אין אזא קעלט געהן צוריק אהיים.

## עלענד אויפ׳ן בית-עולם

תשעה־באב נאָך די קינות, האָט זיך א אידענע אָנגערופען צו איהר גרינער פריינדין, צי זי וויל געהן אויפ׳ן בית־עולם.

— וואָס זאָל איך געהן? — האָט די פריינדין מיט טרעהרען אין די אויגען געענטפערט — מישטיינס געזאָגט, ווען איך האָב דאָרטען, אז איך בין עלענד ווי א שטיין. אייך איז גוט, איהר האָט דאָרטען א סך!...

---

## פון מרדכי ראקאָווער׳ס חכמות

שבת בייטאָג, נאָכדעם ווי מרדכי ראקאָווער האָט זיך אויסגעשלאָפען נאָכ׳ן טשאָלענט, ער זיצט און קוקט אריין אין א ספר. עס דורשט איהם שטארק, עס וויל זיך א גלעזעל טהיי. נור וואָס טהוט מען? ווי קאָן מען עס דערוויזען? אמת, פאראַן א שבת־גויה אין הויז, אָבער על פי דין טאָר מען דאָך ניט הייסען אפילן א גוי עפּעס טהון, אויסער ביי פקוח נפש. איז ער געפאַלען אויף א המצאה, און לערנענדיג אין דער הויך די דינים פון שבת, זאָגט ער צו זיך:

— יאָ, יאָ, על פי דין טאָר מען ניט זאָגען: מאַריניו פאָסטאַוו סאַמאָ־וואַר, מאַריניו, פאָסטאַוו סאַמאָוואַר! עס הייסט „אמירה לנכרי״...

און אזוי ווי די גויה האָט דאָס דערהערט, האָט זי תיכף אויפגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר אויף טהיי.

---

## ער האָט א ברודער א רב

ווי דער פסוק זאָגט: „יש לי רב אחי״, איז דאָס א סימן, אז אפילו די מופקרים, וואָס מאַכען חוזק פון אידישקייט, פון גאָט און פון דער תורה, דאָך אז איהר צורעדט זיך מיט זיי, וועלען זיי באַלד אויפווייזען זייער יחוס: דער האָט א זיידען א צדיק, דער האָט געהאַט א ברודער א רב און אזוי ווייטער. עשו, דער ערשטער רשע, פלעגט אויך ליעב האָבען צו באריהמען זיך מיט זיין יחוס: „יש לי רב, אחי!״ — מיין ברודער איז א רב!

---

## ווען צוויי לויפען

צוויי „אַלרייטניקעס״ באגעגענען זיך אין גאַס און ביידע איילען זיך אהיים צו לויפען.

זאָגט איינער: „האַלט מיך נישט אויף, ווייל איך מוז גיך אהיים לויפען. די דיענסט מיינע איז היינט אוועקגעגאַנגען און מיין ווייב איז אַליין אין הויז!״

ענטפערט אויף דעם דער צווייטער: „איך דאַרף אויך ווי צום גיכסטען לויפען. מיין ווייב איז היינט אוועקגעפאָרען אין קאַנטרי און די דיענסט איז געבליבען אליין אין הויז...״

## דער בעסטער „דיינו״

— זאָג מיר נאָר גוטער ברודער — האָט איין ליץ געפרעגט דעם צווייטען — וועלכער „דיינו״ אין דער הגדה געפעלט דיר בעסער ?

— „אלו נתן לנו את ממונם ולא נתן לנו את התורה״. אָט דער „דיינו״ געפעלט מיר אמבעסטען — האָט יענער געענטפערט.

## א דאָקטאָר׳שער האָנאָראַר

אן אלטער קראָקעווער גביר, וועלכער האָט שטארק ליעב געהאַט פיש, איז איהם אמאָל אין א פריינטאָג־צו־נאַכטס געבליבען שטעקען א גרעט פון א פיש אין זיין האלז; ניט ארונטער צו שלינגען און ניט אויס צו שפייען, אזוי אז עס איז שוין טאַקע געווען סכנת־נפשות. האָט מען גערופען דעם דאָקטאָר קירשבוים, ער זאָל דעם גביר אָפּראַטעווען. דער דאָקטאָר איז אויך תיכף געקומען צו לויפען און ער האָט געטראָפען דעם גביר כמעט א גוסס. האָט ער איהם אויף גיך אריינגעשטעקט א קליין צווענגעלע אין האלז אריין און די גרעט איז באלד געווען אין דרויסען.

דער גביר איז געווען אן איבערגליקליכער.

— פאַניע דאָקטאָר — טהוט ער דאַן א זאָג — איהר האָט מיר מיט׳ן אויבערשטענ׳ס הילף געראַטעוועט דאָס לעבען, און ווי אזוי קען איך אייך אָפּדאַנקען ?

האָט אויף דעם דאָקטאָר קירשבוים קאָלטבלוטיג געענטפערט :

— גיט מיר א העלפט דערפון, וואָס איהר האָט געוואָלט געבען, ווען איהר האָט נאָך געהאַט די גרעט אין האלז...

## אַלט־נייע גלייכווערטלעך

דעם גליקליכען, וואָס לעבט זיך ברייטלעך און ער איז צופרידען מיט א זאַטען מאָגען, איז גוט צו ריידען, אויסצופרעגען אַנדערע און זיי געבען גוטע עצות. וואָלט ער זיך אָבער געדאַרפט שעהמען, ווען ער זאָל באַדענקען, ווי לעסטיג זיינע פראַגען און זיינע עצות זיינען פאַר יענע, וואָס ליידען הונגער.

* * *

פאַראַן פיעלע פאַלען אין מענשליכען לעבען, ווען יעדער טרייסט איז א נידערטרעכטיג גראַבלען־זיך אינ׳ם צווייטענס וואונד. דאָס נעמליכע איז אויך, ווען עס ווילט זיך אמאָל איינעם וויינען און מען נודיעט איהם מיט דער פראַגע, וואָס ער וויינט. א דייטש שפּריכוואָרט זאָגט, אז „ווייבער וויינען״. דאַגעגען איז פאַראַנען א לויב פאַר מאַנסבילען, וואָס קענען וויינען, וויל טרוקענע אויגען זיינען אויך טרוקענע הערצער.

* * *

ווען מאַן און פרוי וואַרפען שמוץ איינס אויפ׳ן אַנדערען, פאַלט דער גאַנצער שמוץ אויף די קינדער.

## למדנות פון אַן אַלטען שניידער

ביי היינטיגע שניידער טרעפט זיך שוין זעלטען, אז איינער פון זיי זאָל זיך קענען אריינמישען אין א שמועס מיט „לומדים“. אָבער פריהער איז דאָס געווען א וואָכענדיגער גאנג — און איינער אַן אַלטער שניידער האָט אַמאָל גענייהט ביי א באַלעבאָס אין הויז, וואָס זיין ווייב האָט געהאַט איהר אייגענס א הינטעל. ויהי היום, איז דאָס הינטעל ערגיץ פארפאַלען געוואָרען. האָט די באַלעבאָסטע אין איהר גרויסער פארצווייפלונג געפרעגט דעם שניידער, צי ער האָט נישט אפשר דאָס הינטער געזעהן. האָט זיך דער דאָזיגער שניידער פון אזא מין פראגע געפיהלט באַליידיגט און ער האָט איהר באַלד אָפּגעענטפערט מיט א פסוק פונ'ם חומש: „לא ידעתי, השומר אחי אנכי?“

---

## א משל מיט א ליכט

איינער האָט אויפגעוואָרפען א רב, אז דאָס אידישקייט איז היינטיגע צייטען געוואָרען א ביזנעס. א באַוויז: דער גבאי פון דער שוהל, וואו דער רב דאַווענט, איז שטענדיג מכבד מיט „פעטע“ עליות אַלע בעלי־עברות און מחללי שבתות, ווייל זיי באַצאָהלען דערפאַר.

האָט דער רב איהם געענטפערט מיט א משל פון א ליכט:

א חלב'נע ליכט איז דאָך געווים טרפה, און דאָך באַנוצען מיר עס אין שוהלען און בתי־מדרשים. נאָך־מעהר: אז איהר צינדט אָן א ליכט און איהר האַלט עס מיט'ן פייער ארויף, לייכט עס, פארשיינט דאָס גאַנצע הויז און מאַכט לעבעדיג און פרעהליך. פּרובירט אָבער האַלטען דאָס ליכט מיט'ן פייער אראָפּ, דאַן שמעלצט זי אוים, פאַרשפּרייט אַן אונאַנגענעהמען גערוך און אַמאָל פארפלעקט זי אויך די קליידער. דאָסזעלבע איז, וואָס מען טיילט אַמאָל צו כבוד צו א בעל־עבירה און מחלל־שבת. ניט צוליעב די עטליכע דאָלער טהוט מען דאָס, נאָר כל זמן דער מחלל־שבת לייכט מיט'ן פנים ארויף, דאָס מיינט, אז ער קומט אין שוהל און האַלט זיך ביי אידיש־קייט, מוז מען איהם מקרב זיין, כדי ער זאָל ניט נעהמען לייכטען מיט'ן פנים אראָפּ און אין גאַנצען אויסגעלאָשען ווערען.

---

## דער רבי ר' געטהע

ווען דער דייטשער דיכטער געטהע איז געשטאָרבען און די נאַכריכט איז אָנגעקומען קיין זשאָלקווא, וואו ר' הירש חיות איז דאַמאָלס געווען רב, איז דער רב געבליבען זיצען פאַר'ן הויז אַ נידערגעשלאָגענער. איז פאַרביי געגאַנגען איינער פון די שטאָדטישע באַלעבאַטים, און ווי ער האָט געזעהן דעם נידערגעשלאָגענעם רב, האָט ער איהם געפרעגט, וואָס עס איז געשעהן. האָט איהם דער רב געזאָגט, אַז געטהע איז געשטאָרבען. האָט יענער באַלע־באָס תיכף פאַרשפּרייט די נאַכריכט איבער דער גאַנצער שטאָט, אַז דער רבי ר' געטהע איז געשטאָרבען.

עס האָט איהם נעבעך נישט געקענט איינפאַלען, אז דער רב טרויערט וועגען דעם טויט פון אַ גוי...

# ר׳ משולם טיסמעניץ און די טיס־מעניצער בעלי־עגלות

פרעשבורג איז אן אלט־בעקאנטע אידישע שטאדט, וואו עס האבען אמאל „געקיניגט" די גרעסטע אידישע גאונים. בעפאר דער לעצטער מלחמה האט זי באלאנגט צו אונגארן, היינט איז זי טשעכאסלאוואקיש.

איינער פון די פרעשבורגער גאונים איז געווען ר׳ משולם טיסמעניץ. און „טיסמעניץ" האט מען איהם גערופען, ווייל איידער ער איז געווארען רב אין פרעשבורג, איז ער געווען רב אין טיסמעניץ, א קליין שטעדטעל אין מזרח־גאליציען, וועלכעס איז דאן געווען בעקאנט אלס אן ארט פון תורה, און עס איז דארט דער מינדעסטער בעל־עגלה געווען א בקי בש״ס. אין יענער צייט איז דאס אפילו נישט געווען קיין גרויסע „רבותא", ווי עס דער־צעהלט אויך דער בעל „נודע ביהודה", אז ווען ער איז געפארען איבער־נעמען דאס רבנות אין פראג, האט ער זיך אפגעשטעלט אויף עטליכע טעג אין קראקא, וואו ער האט געהאלטען אן עצה מיט די קצבים וועגען זיין פראגער שטעלע. און דאביי גיט ער א באמערקונג, אז די קראקאווער קצבים פון זיין צייט זיינען נישט געווען עפעס גלאט אזוי אידען פון א גאנץ יאהר, ווייל יעדער פון זיי האט געקענט איסור והיתר, און איז געווען ראוי להוראה.

וועגען דער גרויסקייט פון ר׳ משולם טיסמעניץ דערצעהלט דער „חתם סופר", אז ווען ער איז זיך צונויפגעקומען דאס ערשטע מאל מיט ר׳ משולם׳ן, איז עס פאר איהם געווען א גליק, וואס עס האט זיך דאן דער שמועס אנגע־הויבען פון דער שטעלע אין דער גמרא, וועלכע ער האט שוין פון פריהער גוט געקענט, ווייל ער וואלט זאנסט דעם שמועס גאר נישט געקענט אנהויבען. ר׳ משולם׳ס חריפות איז איבערהויפט געווען אזא שטארקע, אז אפילו א למדן האט איהם זעהר שווער געקענט נאכפאלגען און זיינע דרשות זיינען בדוחק פארשטאנען געווארען אפילו פון די גרעסטע מפולפלים.

ר׳ משולם טיסמעניץ האט איבערגעלאזט א ספר „איגרא רמה". ווערט וועגען איהם באהויפטעט, אז דער מחבר האט אין זיין גרויסער שארפקייט פארגעסען פיעלעס אויפצושרייבען, אדער ער האט עס גאר אפשר יא אויפגע־שריבען, נור ער האט נישט באמערקט, אז אנשטאט צו שרייבען אויפ׳ן פאפיער, האט ער א העלפט פונ׳ם ספר געשריבען העכער פונ׳ם פאפיער אדער נעבען דעם פאפיער.

אמאל אין א פורים איז צו ר׳ משולם׳ן געקומען א גאסט פון וויען — זיינער א געוועזענער תלמיד, וועלכער איז ארויס „לתרבות רעה" און איז דערנאך געווארען רעדאקטאר פון א דייטשען וויענער וויצבלאט. זיינען דאן פלוצים אריינגעקומען צום רבי׳ן עטליכע בעלי־עגלות מיט די בייטשען אין דער האנד און אלע זיינען געווען שטארק מבושם׳דיג פון דער פורים׳דיגער סעודה.

— גוט יום־טוב, רבי! — האבען זיי אלע ברייט א זאג געטאן.

— א גוט יאהר אייך אלעמען! — האט זיי ר׳ משולם געענטפערט —

זאָלען זיך אידען אװעקזעצען צום טיש און נעהמען א ביסעל „לחיים״ לכבוד פּורים.

— מיר זײנען נישט געקומען בײם רבי׳ן זיצען און מיר װעלען אויך נישט טרינקען ! — האָט אײנער פון די בעלי־עגלות א שטרענגען זאָג געטאָן.

— צו װאָס דען זײנען אידען הײנט צו מיר געקומען ? — האָט ר׳ משולם װײטער געפרעגט.

— מיר זײנען געקומען זעהן, צי דער רבי האָט נישט פארגעסען דאָס לערנען ! — האָט יענער בעל־עגלה געענטפערט.

— װי קענט איהר מיך חושד זײן, אז איך האָב פארגעסען דאָס לער־נען ? — האָט דער רבי א זאָג געטאָן מיט א װײכער שטימע — װען איך זיץ כסדר בײם לערנען און בין נישט מפסיק א רגע ?

— דאָס איז נישט אמת ! — האָט אן אנדערער פון די בעלי־עגלות אונטערגעכאפּט — דער עולם אין שטאָדט מוטשעט אײך צופיעל מיט זײערע שאלות און דין־תורה׳ס און לאָזט אײך נישט לערנען !

— נו, אויב אזוי — האָט דער רבי װײטער געזאָגט — קענט איהר מיך פּרעגען, װעט איהר זעהן, אז איך האָב נאָך דאָס לערנען נישט פארגעסען !

— טאָ זאָל דער רבי זאָגען פון אויסענװײניג דעם גאנצען דף נ״ב פון מסכת שבת ! — מאכט יענער בעל־עגלה.

האָט דער רבי א ביסעל פארקנײטשט דעם שטערען און א רגע נאָכגע־קלערט. דערנאָך האָט ער באלד ארונטערגעזאָגט פון אויסענװײניג דעם גאנצען דף נ״ב פון מסכת שבת מיט רש״י און תוספות.

— גוט ! — האָט אויף דעם דער בעל־עגלה א זאָג געטאָן — און װען איך זאָל דעם רבי׳ן פרעגען, צי ער קען מיר פונקט אזוי, למשל, זאָגען דעם דף ל״ט פון מסכת נדרים מיט׳ן ר״ן ?

האָט װײטער דער רבי א ביסעל פארקנײטשט דעם שטערען און א רגע נאָכגעקלערט — און דערנאָך האָט ער ארונטערגעזאָגט פון אויסענװײניג דעם גאנצען דף ל״ט פון מסכת נדרים מיט׳ן ר״ן.

דאָס זעהענדיג, האָט ר׳ משולם׳ס גאסט, דער רעדאקטאר פון א װיענער װיצבלאט, א זאָג געטאָן צום בעל עגלה :

— ר׳ בעל־עגלה־לעבען ! אפשר װאָלט איהר מיך אויך געפרעגט עטליכע אזעלכע שאלות ?

האָט אויף דעם דער בעל־עגלה נערװעז געענטפערט :

— װאָס ? דיך דײטשוק זאָל איך אויך פרעגען ? דו קענסט דען אויך לערנען ?

האָט אָבער דער „דײטשוק״ נישט נאָכגעלאָזט און דער בעל־עגלה האָט איהם אָנגעהויבען שטעלען פראַגען אין לערנען, צוערשט אין שפּאס און דערנאָך גאנץ ערנסט. האָט זיך דאָן געװיזען, אז א טיפּמעניצער בחור קען נישט פארגעסען, װאָס ער האָט אמאָל געלערנט, גלײך װי זײן רבי האָט נישט געקענט פארגעסען.

---

גיט אָפּ כבוד דעם אלטען — ער האָט אויסגעטראָטען די װעגען, אויף װעלכע דו געהסט איצט.

* * *

אפילו דער װײטסטער װעג האָט אויך א סוף.

# „בן" אָהן א דגש

דער רבי ר' העשעל איז אַלס קינד געווען א גרויסער שטיפער, האָט ער געהאַט א שוועסטער'ל מיט'ן נאָמען שרה, מיט וועלכער ער פלעגט אָפט צאַנקען.

איינמאָל האָט דער טאַטע זיינער געהאַלטען א שעהנעם ביין, און די קינדער האָבען שטאַרק חשק געהאַט צו איהם. רופט זיך אָפּ דער טאַטע: „ווער עס וועט זאָגען א גוטען וויץ באַקומט דעם ביין!"

האָט זיך שרה'לע אָנגערופען: „שטעהט שוין אין פסוק: לשרה בן". האָט דער טאַטע איהר די צאַצקע אוועקגעגעבען. כאַפּט ר' העשעל פון איהר ארויס דעם ביין און גיט איהר נאָך א פּאַטש, אז זי האָט אויש אָנגעהויבען וויינען.

פרעגט איהם דער טאַטע: פאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן? — האָט ער געענטפערט: אין חומש שטעהט „בן" אָהן א דגש אין בית, מאַכט דאָס וויין. הייסט דאָס, אז שרה'לע דאַרף טאַקע וויינען...

---

# ביזנעס איז ביזנעס

א באַוואוסטער ניו יאָרקער גענגסטער איז געשטאַרבען. האָבען חברה אָרגאַניזירט א געהויבענע לויה. ווי צו אַלע גרויסע לויות, זיינען געקומען א סך מיט צדקה-פּושקעס, און די חברה-לייט האָבען זיך טאַקע געלאָזט דערקענען וואַרפענדיג אין יעדער פּושקע היבשע מטבעות.

אויפ'ן בית-הקברות האָבען זיי באַגעגענט א יונגע ווייבעל שטעהענדיג מיט א פולער פּושקע פּאַר עפּעס אַן אַנשטאַלט. איינער פון די גנבים האָט אין דער פּושקע אַריינגעוואָרפען א גאָלדענעם פינף דאָלער שטיק, אָבער געהענדיג צוריק האָט ער פון דער ווייבעל'ס הענט ארויסגעריסען די פּושקע.

דאָס ווייבעל איז איהם נאָכגעלאָפען און געפרעגט: „איך פאַרשטעה אייך ניט, איהר האָט דאָך אַריינגעוואָרפען אַזאַ גרויסע נדבה, טאָ ווי כאַפּט איהר נאָכדעם אוועק די גאַנצע פּושקע?"

— צדקה איז צדקה, און ביזנעס און ביזנעס! — האָט דער חברה-מאַן געענטפערט.

---

# גריזען זיך אין די ניין טעג.

א ליץ איז אַמאָל אַריינגעקומען צו א גביר אין הויז אין די „ניין טעג", האָט ער באַמערקט, ווי די באַלעבאָסטע גריזעט זיך אין קיך און שרייט אויף די דיענסטען, וואָס די בלינצעס צום עסען זיינען נישט קיין געראָטענע.

— אום גאָטעס ווילען, וואָס טהוט איהר? — האָט דער ליץ א זאָג געטאָן צו דער באַלעבאָסטע — איהר פאַרגעסט, אז מען טאָר זיך היינט נישט גריזען?

— פאַר וואָס? — האָט די באַלעבאָסטע געפרעגט.

— אז איהר גריזעט זיך — האָט דער ליץ געענטפערט — עסט איהר דאָך פון זיך דאָס פלייש, און איהר ווייסט דאָך, אז מען טאָר היינט נישט עסען קיין פלייש...

# דער שאַרפער חוש-הריח

א יונגען מאַן׳ וואָס איז מיט צוואַנציג יאָהר צוריק געקומען אין אמעריקע און איז פאַר דער צייט געוואָרען רייך, האָט זיך פאַרגלוסט א פאָהר צו טאָן אויף א באַזוך אין זיין געבורטס־שטעדטעל. קומענדיג אהיים, האָט ער דערזעהן די נויט פון זיינע קרובים און גוטע באַקאַנטע פון דער יוגענד, האָט ער יעדען ארויסגעהאָלפען, ווי ווייט מעגליך עס איז געווען. דער עולם האָט דערזעהן, אז דער גאַסט צוטיילט פיל געלט, האָט מען זיך צו איהם אָנגעהויבען ווענדען פון פאַרשידענע זייטען וועגען אונטערשטיצונג.

ניט וויסענדיג וואָס עס איז נויטיגער און ריכטיגער, האָט ער איבערגעלאָזען ביי דעם רב פון שטעדטעל צוויי טויזענד דאָלער, ער זאָל דאָס צוטיילען לויט זיין פאַרשטאַנד, און איז אוועקגעפאָהרען.

אז דער עולם האָט זיך דערוואוסט, אז ביי דעם רב איז פאַראַן אזא מטמון מיט געלד, האָט מען אָנגעהויבען געהן צום רב.

צוויי אידען פון שטעדטעל, באוואוסטע קמצנים, וואָס האָבען קיינמאָל גאָר ניט געגעבען אויף צדקה, זענען אויך געקומען צום רב. דער רב, דערזעהענדיג די צוויי קמצנים׳ האָט ער זיי געבעטען זיצען און זיך געווענדעט צו זיי :

— וואָס וועט איהר זאָגען גוטעס ? עפּעס מוזט איהר האָבען זעהר וויכטיגעס צו זאָגען׳ ווייל איך האָב אייך ביז איצט קיינמאָל ניט געזעהן ביי מיר אין שטוב.

— מיר זיינען געקומען צו אייך, רבי, ווייל מיר האָבען געהערט, אז דער אמעריקאַנער גביר האָט ביי אייך איבערגעלאָזט געלט אויף שטאָדטישע באַדערפעניסען, זענען מיר געקומען אייך זאָגען, אז אזוי ווי דער גדר פון הייליגען אָרט איז צובראָכען, און חזירים קריכען אויף דעם הייליגען אָרט און מאַכען קאַליע די מצבות׳ האָבען מיר געוואָלט ביי אייך פועל'ן, אז איהר זאָלט געבען א פאָר הונדערט דאָלער אויף תקון הגדר.

— יאָ ! — זאָגט דער רב — דאָס איז טאַקע זעהר וויכטיג, אָבער מיך וואונדערט נאָר פון וואַנען האָבען זיך די חזירים דערוואוסט, אז ביי מיר איז דאָ געלט, און האָבען אָנגעהויבען קריכען אויפ'ן הייליגען אָרט ?...

---

# געדאַנקען-שפּריצלעך

**חרטה האָבען הייסט נישט צוגעבען צו דער באַגאַנגענער נאַרישקייט א פרישע.**

* * *

**דאָס גוטע געדענקט זיך לאַנג, דאָס שלעכטע נאָך לענגער.**

* * *

**אז מען קען נישט איבערוואַרטען דאָס שלעכטע, קען מען דאָס גוטע ניט דערלעבען.**

* * *

**דער מענש פאַרשטעהט נאָר דאָס לעבען ווען ער האָט צוטרויען צו זיך זעלבסט.**

# אַ טרייסט

ס'איז א טרייסטונג פון דער אייביג מילדער נאכט,
אז דאַרטען, וואו א הארץ פאר'יתומ'ט איינזאם וואכט,
קומט פּלוצים אָן מיט טריט מיט שטילע די נחמה —
און דרינגט ווי באלזאם טיעף אין דער נשמה.

דאָרט לייכט זי מילד אריין און לינדערט יעדע פּיין,
מיט צערטליכקייט און גראַציע, מיט ליעבע און מיט חן,
זאנפט לאַשטשעט זי די חושים מיט איהר גרויסען כח,
ביז זי באַרוהיגט אַלע ליידען און רייניגט אָפּ דעם מוח.

זי שטרעקט ליעבליך א רחמנות־האנד צום וועלטען־רוים,
צו ברענגען צו דעם ליידענדען א נייעם פריהלינגס־טרוים,
וואס זאָל פארגעסען מאַכען איהם אַלעס וואס איז מיאוס
און אין האפנונגען פארוויעגען איהם — צוקער־זיס.

## א פּסוק פאר א פסוק

א באוואוסטער מגיד איז אמאָל פארבייגעגאנגען פאר'ן הויז פון א מופקר, וועלכער האָט געדרייצט זיין הונד אויפ'ן מגיד. האָט אָבער דער מגיד געהאט אין זיין האנד א שטעקען, און ער האָט דעם הונד גוט מכבד געווען.

ווי דער מופקר האָט דאָס דערזעהן, האָט ער א געשריי געטאָן:
— למה תכה רעך?

האָט דער מגיד אויף דעם געענטפערט:
— האחיכם יצאו למלחמה ואתם תשבו פה?

## פאַרוואָס האָט דער חשבון נישט געשטימט?

איינמאָל איז ביי מרדכי ראקאָווער געווען זעהר שלעכט די צייט. ער האָט ניט געהאט קיין שטיקעל ברויט אין הויז. איז מרדכי געגאנגען צו א מענשען, וועלכער האָט געהאלטען א בראנפען־געשעפט און ער האָט איהם דערצעהלט, אז עס איז איהם שלעכט, ער איז א מחוסר־פרנסה, בעט ער איהם, אז ער זאָל איהם געבען א פעסעל בראנפען, וועט ער דאָס פארקויפען ביס־לעכווייז, וועט איהם השי"ת העלפען, ער זאָל זיך דערפון פאַרדיענען זיין ברויט.

דער מאַן האָט איהם צוליעב געטאָן און האָט איהם געגעבען דאָס פערלאנגטע פעסעל בראנפען און ער האָט איהם אויך אָנגעזאָגט: „זעהט, ר' מרדכי, אז איהר וועט פארקויפען בראנפען, זאָלט איהר מיר אָפּגעבען דאָס געלט, וועל איך אייך נאָך אַמאָל געבען.

האָט מרדכי גענומען דאָס פּעסעל בראַנפּען און איז געגאַנגען גלייך אהיים.

איז ער דאָן געקומען צו זיין ווייב זעהר פרעהליך און ער האָט געזאָגט: „נאַ דיר, מיין ווייב, דאָס פּעסעל בראַנפען, זאָלסט פערקויפען און למען־השם ניט געבען קיינעם אָהן געלד. דערנאָך איז ער אוועקגעגאַנגען דאַוונען.

שפּעטער, ווען ער איז געקומען פון דאַוונען, זאָגט ער צום ווייב: „נאַ דיר א דרייער און גיב מיר א טרונק בראַנפּען". האָט זי ביי איהם גענומען דעם דרייער און האָט איהם געגעבען א טרונק בראַנפען. זי אליין האָט אויך געוואָלט נעהמען אביסעל בראַנפּען, זאָגט זי צו איהם: „נאַ דיר א דרייער און גיב מיר א טרונק בראַנפּען". אזוי האָבען זיי זיך געצאָהלט כסדר. ווען ער האָט געוואָלט אביסעל בראַנפּען, האָט ער איהר געגעבען דעם דרייער, און ווען זי האָט געוואָלט אביסעל בראַנפּען, האָט זי איהם געצאָהלט דעם דרייער, ביז גאָט האָט געהאָלפען, זיי האָבען אויסגעליידיגט דאָס פּעסעל.

נעמט מרדכי דעם דרייער מיט'ן פּעסעל און געהט גלייך אוועק צום סוחר פונ'ם בראַנפּען און גיט איהם דעם דרייער מיט'ן ליידיגען פּעסעל.

זאָגט דער סוחר: „סטייטש, פאַר א גאַנץ פּעסעל בראַנפּען גיט איהר מיר א דרייער?"

זאָגט מרדכי צו איהם: „איך שווער אייך בנאמנות, אז איך האָב ניט גענומען איין ביסעל בראַנפען, ביז איך האָב ניט באַצאָהלט מיין ווייב א דרייער, און מיין ווייב אויך דאָס גלייכען, ווען זי האָט גענומען אביסעל בראַנפּען האָט זי מיר באַצאָהלט. קען איך דערפאַר גאָר נישט פאַרשטעהן, וואו דאָס געלד פאַר'ן בראַנפּען איז אהינגעקומען."...

---

# דער רב און דער מופקר

א באַוואוסטער מופקר איז אַמאָל געקומען מאַכען א באַזוך ביים רב, וועלכער איז גראָד דאַמאָלס געלעגען שווער קראַנק און מען האָט קיינעם ניט צוגעלאָזען צום רב.

ווען מען האָט דעם רב געזאָגט, אז דער מופקר וויל איהם זעהן, האָט ער איהם תיכף געהייסען אריינלאָזען.

— ווי קומט עס, רבי, — האָט דער מופקר געפרעגט — וואָס איהר לאָזט מיך צו זיך ווערענד אייערע פריינד לאָזט מען ניט אריין?

— פאַרשטעהט איהר מיך — האָט דער רב געענטפערט — מיינע פרומע בעלי־בתים וועל איך קענען טרעפען אויף יענער וועלט, אָבער אייך, ווער ווייסט צי איך זעה אייך ניט איצט דאָס לעצטע מאָל?...

---

# לאָזט מיר כאָטש זעהן

אין א קליין שטעדטעל האָט א שוהל געברענט און א גרויסער עולם האָט זיך פאַרזאַמעלט צוצוקוקען צו דער שרפה. אין מיטען דערינען איז אָנגעלאָפען אן אלטע אידינע, האָט זיך גענומען שפּאַרען און שטופען, און מיט רחמנות זיך גענומען בעטען: „אידען, פאַרדינט א מצוה און לאָזט מיר זעהן דאָס פייער. איך האָב ניט געהאַט די זכיה צו זעהן דעם בית־המקדש ברענען, לאָזט מיר כאָטש זעהן ווי די שול ברענט."...

## א ביישפּיעל פון משה רבינו

אין אמעריקע קענען ווערען חזנים מענשען וואָס האָבען אין דערהיים ניט געקענט זייער מויל עפענען. זיי האָבען זיך גענומען א ביישפּיעל פון משה רבינו. ווען גאָט האָט איהם געשיקט צו פּרעה'ן, האָט ער געזאָגט, אז ער קען ניט רעדען, אָבער ווען ער איז געקומען איבער'ן ים, איז „אז ישיר משה", האָט ער שוין געקענט אפילו זינגען.

## די קונסט פון שווימען

איינער האָט זיך געבאָדען אין טייך און איז שיער נישט דערטרונקען געוואָרען. אז מ'האָט איהם אָפּגעראַטעוועט, האָט ער געשוואָרען, מעהר נישט אריינצוגעהן אין וואַסער אזוי לאַנג ווי ער וועט נישט קענען גוט שווימען.

## די ערד איז פאַרנומען

די ערד איז אין גאַנצען פאַרנומען
פון באַנדיטען און שופטען,
טאָ איז עס נישט קיין וואונדער,
וואָס מענשען פליהען אין די לופטען.

## א קנעפּעל קומט אויך צו-נוץ

מאַן: וואָרום האָסטו אין דער פּושקע פאַר די יתומים אריינגעוואָרפען א קנעפּעל?

פרוי: ווייל איך האָב געהערט, אז זיי קלייבען קליידער פאַר די יתומים, דאַרפען זיי דאָך געוויס האָבען קנעפּלעך.

## פון מרדכי ראַקאָווער'ס חכמות

מרדכי ראַקאָווער קומט אמאָל אריין אין בית-המדרש דאַווענען, לויפט צו צו איהם א יונג איידימעל און זאָגט איהם מיט א שמייכעל, אז אַלע זאָלען הערען:

— ר' מרדכי, מען זאָגט אויף אייך אז איהר זייט א נאַר!

— גלויב ניט וואָס מען זאָגט — ענטפערט מרדכי — אָט זאָגט מען אויף דיר, אז דו ביסט א קלוגער, און ווער'זשע וועט דאָס גלויבען?

* * *

אויף א ברית מילה, אויף וועלכען עס איז געווען א גרויסער עולם, האָט מרדכי אונטערגעהאַלטען דעם עולם מיט זיינע וויצען.

איינער פון דעם עולם, וועלכען מען האָט גערופען חייקעל חקרן, האָט ניט געקאָנט לײַדען מרדכי'ס חכמות. צום אונגליק איז איהם נאָך אויס־געקומען צו זיצען פונקט אנטקעגען מרדכי'ן. האָט ער זיך מישב געווען

צו געבען איהם א שטאָכוואָרט, אפשר וועט ער שוין דעמאָלס אויפהערען פּלוידערען.

טהוט ער א פרעג:

— זאָג מיר, מרדכי, ווי ווייט איז פון דיר ביז צו א נארישען עזעל?

— דו ווייסט נישט? — האָט מרדכי געענטפערט — ס'איז אזוי ווייט, ווי דו זיצסט פון מיר.

* * *

מען האָט מרדכי'ן אמאָל גערופען צו א קארגען גביר, וועלכער האָט שוין געהאַלטען ביי גסיסה און מרדכי איז געקומען וידוי זאָגען מיט איהם. זעהט ער, ווי דער חולה קרעכצט זעהר ביטער און לאָזט אלע מאָל ארויס שווערע זיפצען.

— וואָס קרעכצט איהר אזוי — פרעגט איהם מרדכי — שטארבען מוז דאָך יעדער מענש און אייביג לעבט ניט קיינער!

— אַך, מיין ליעבער איד! — ענטפערט דער חולה — איך קרעכץ ניט דערויף, וואָס איך דארף שטארבען, נאָר מיר איז א גרויסער וועהטאָג, וואָס איך געה אין דער ערד אריין און מיין גאָלד און זילבער בלייבט דאָ איבער.

— גלויבט'זשע מיר — זאָגט מרדכי — אז פאר אייער גאָלד און זילבער איז גלייכער, וואָס עס בלייבט דאָ איבער, ווארום דאָרט וואוהין איהר געהט אוועק, איז אזוי שטארק היים, אז דאָס גאָלד וואָלט באַלד צושמאָלצען געוואָרען...

---

## דייטשע מענשענפריינדליכקייט

כדי עס זאָל ווייניגער בלוט פארגאָסען ווערען, האָבען די נאַצים אין א געוויסער דייטשער שטאָדט באשלאָסען, צו הרג'נען די קליינע אידישע קינדער און צו האַלטען די דערוואקסענע אין קאָנצענטראַציע־לאַגערען.

---

## דער האָהן איז די כפרה

— וואָס האָט זיך דער האָהן פארזינדיגט, וואָס מען שלאָגט מיט איהם כפרות?

— דאָס איז, ווייל ווען מען שלאָגט אידען, קרעהט אפילו נישט קיין האָהן.

---

## דער „שתי וערב"

צווישען די נגעים אין דער תורה געפינט זיך א געוויסע נגע, וועלכע רופט זיך „או בשתי או בערב".

האָט ר' שאול לאנדא פון קראָקע וועגען דעם געזאָגט, אז דאָס איז די גרעסטע נגע, וואָס איז אויף אידען געקומען און זיי האָבען אויך איצט פון דעם צו ליידען, ווייל אלע זייערע צרות קומען פונ'ם „שתי וערב" (צלם בלע"ז).

## אימיגראַציע און אַסימילאַציע

נאָך „לך לך מארצך" קומט „ואעשך לגוי גדול". איז די דאָזיגע הבטחה פינקטליך דערפילט געוואָרען. אז מען לערענט מיט אידען די סדרא „לך לך" און מען הייסט זיי אויסוואַנדערען איז קומענדיג קיין אַמעריקא ווערד באַלד מקויים די צווייטע הבטחה „ואעשך לגוי גדול".

מיין טאַטע ז"ל פלעגט זאָגען: „נע ונד" מאַכט „נישט עסען וגם נישט דאַוונען".

---

## דעם אַרענדאַר'ס „זכות אבות"

קומענדיג צוריק פונ'ם פריץ, האָט דער אַרענדאַר דערצעהלט צו זיין ווייב, אז בשעת ער איז געשטאַנען מיט'ן פּריץ און גערעדט, האָט ער גע־זעהן בערל'ען געהן אויסדינגען די אַרענדע, נאָר דעם פריץ'ס צוויי הינט זיינען איהם באַפאַלען און ער האָט געמוזט אוועקגעהן, האָט זיך עס איהם דערפאַר איינגעגעבען, וואָס ער האָט דעם פאַכט באַקומען אין גלייכען געלט.

— דו מיינסט, — האָט די אידענע געזאָגט, — אז די הינט זיינען פשוט'ע הינט געוועזען. דאָס זיינען געוועזען אונזערע „זכות אבות", מיין טאַטע און דיין טאַטע, זאָלען אַ ליכטיגען גן־עדן האָבען, וואָס האָבען זיך פאַר אונזערטוועגען געמיהט.

---

## אַלט-נייע גלייכווערטלעך

אז דו וועסט מוחל זיין דעם מענשען וואָס האָט דיר געגעבען אַ פּאַטש אין איין באַק, וועט ער דיר זיכער דערלאַנגען אַ פּאַטש אין די צווייטע באַק.

* * *

די צרה איז ניט דאָס, וואָס דער מענש איז געקנאַטען פון ליים, נאָר דאָס, וואָס די מעהרסטע זיינען ניט דערבאַקען.

* * *

ריידען איז אַ נאַטור־זאַך. שווייגען דאַרף מען קענען.

* * *

רעפּוטאַציע איז ווי געזונד: מיר שאַצען אָפּ דעם ווערטה דערפון דאַן, ווען מיר ווערען דאָס אָן.

* * *

פון לייכטזיניגע געדאַנקען ווערט דער קאָפּ שווער.

* * *

וועגען וואַסערדיגע ענינים דאַרף מען נישט שרייבען מיט פייערדיגע ווערטער.

* * *

מיט די שוואַרצסטע טינט, קען מען אָנשרייבען די קלאָרסטע געדאַנקען.
אַן אומגליקליכע מינוט איז פיעל לענגער, ווי אַ גליקליכע שעה.

## ווען „גרינע" ווערען געל

איינער האָט אַמאָל געפרעגט: פאַר־וואָס מען רופט די ערשט־אָנגע־קומענע אין אַמעריקע — גרינע, און די וואָס זיינען שוין עטליכע יאָהר אין לאַנד הייסען — געל?

האָט מען איהם דערקלערט: סוכות־צייט, ווען דער הערבסט פאַנגט זיך אָן, הויבען אָן די בלעטער אַראָפּפאַלען פון די בוימער און ווערען געל. פּסח־צייט, אין אָנהויב פריהלינג, בליהען די בלעטער, דאָס גראָז איז גרין און פול מיט פרישקייט. דאָסזעלבע איז אויך מיט אַ פריש־אָנגעקומענעם איד, ער איז נאָך פרום און פול מיט אידישקייט, איז ער ווי אַ גרינע גרע־זעלע, אָבער דער וואָס איז לאַנג אין לאַנד ווארפט פון זיך אַראָפּ דאָס אידישקייט אין גאַנצען און ער ווערט פאַרוואַנדעלט אין געל, ווי די בלעטער אין הערבסט.

---

## לעבעדיגע עדות

אַ קליינשטעדטעלדיגער איד האָט געדאַרפט האָבען אַ דין־תורה. דער רב האָט איהם אָבער געזאָגט, אַז ער וועט די דין־תורה פאַרשפּיעלען.

— פאַרוואָס? — האָט דער איד פאַרוואונדערט געפרעגט.

— ווייל איהר האָט קיין עדות ניט, — האָט דער רב געענטפערט.

— אָבער וואָס וועט זיין, רבי, אַז איך וועל אייך ברענגען צוויי לע־בעדיגע עדות? — האָט דער איד געזאָגט.

— אדרבה, וואו זיינען זיי? — האָט דער רב געפרעגט.

— צוויי אינדיקעס אויף פּסח! — האָט דער איד מיט אַ שמייכעל געענטפערט.

---

## אַ „פּאַסיגער" שליח־צבור

אין די צייטען פון ר' שאול לאַנדא, וועלכער איז געווען אַ רב אין קראָקע, איז אין אַ געוויסען זומער נישט געגאַנגען קיין רעגען. האָט מען אויסגערופען אַ תענית, און מען איז זיך צוזאַמענגעקומען אין רב'ס בית־המדרש זאָגען תהלים און בעטען גאָט אויף אַ רעגען. צו מנחה, בשעת מען זאָגט דעם יהי רצון אויף אַ רעגען, איז אריין געקומען אַ בעל־עברה'ניק, וואָס האָט יענעם טאָג געהאַט יאָהר־צייט, און איז צוגעגאַנגען צום עמוד און זיך געוואָלט שטעלען דאַוונען. דער עולם האָט איהם געוואָלט אָוועק־טרייבען, אָבער ר' שאול לאַנדא האָט אַ וואונק געטהאָן, אַז מען זאָל איהם יאָ לאָזען דאַוונען. נאָכ'ן דאַוונען האָט מען ר' שאול'ן געפרעגט: „ווי קומט דאָס, וואָס ער האָט אַזאַ בעל־עברה'ניק ערלויבט צו דאַוונען?" — האָט ר' שאול מיט אַ שמייכעל געענטפערט: „אַזעלכע ווי ער האָבען דעם מבול געבראַכט אויף דער וועלט, טאָ אויב ניט אַ מבול, וועט ער חאָטש ברענגען אַ רעגען".

## ער וואַקסט אַ מלאך

אַ פאָטער האָט אַמאָל געפרעגט זיין קינד'ס מלמד, ווי אזוי זיין קינד געהט אין לערנען.

— ער וואַקסט אַ מלאך! — האָט דער מלמד געענטפערט.

— וואָס מיינט איהר? — האָט דער פאָטער זיך געוואונדערט.

— די גמרא זאָגט — האָט דער מלמד דערקלערט — „לא נתנה תורה למלאכי השרת”, מלאכים דאַרפען ניט און קענען ניט לערנען, און לויט זיין קענען לערנען איז אייער קינד געגליכען צו די מלאכים...

---

## ער איז אַ בילעכערער יורש

אַן אָרימאַן איז געקומען צו'ן אַ גביר בעטען אַ נדבה אויף הכנסת כלה פאַר זיין טאָכטער. דער גביר איז געווען אַ נדבן און ער האָט איהם געגעבען פופציג רייניש. איבער אַ יאָהר איז דער אָרימאַן ווידער געקומען בעטען אויף הכנסת כלה. רופט זיך אָפּ דער גביר: „איך האָב דאָך גע־הערט, אַז אייער מיידעל איז געשטאָרבען, וואָסזשע קומט איהר בעטען נדבות איהר חתונה צו מאַכען?”

— עס איז אמת, — האָט דער אָרימאַן געענטפערט — אַז זי איז גע־שטאָרבען, אָבער איך בין דאָך נעהענטער צו איהר און איך דאַרף זיין איהר יורש, נישט איהר!...

---

## אַלט-נייע גלייכווערטלעך

ווערטער דאַרף מען וועגען, ניט צעהלען.

* * *

די גאַנצע וועלט ליגט אויפ'ן שפּיץ פון אַ מענשענ'ס צונג.

* * *

די אויגען דערצעהלען וואָס אין הארצען טהוט זיך.

* * *

די צונג האָט קיין ביינער ניט און צובּרעכט ביינער.

* * *

מיט גוטע רייד קען מען ווייך מאַכען דעם האַרטעסטען חבר.

* * *

ווער עס זוכט אַ פריינד אָהן חסרונות, בלייבט אָהן אַ פריינד.

* * *

„עני חשוב כמת”, אָבער מחילה-בעטען ביי איהם, ווען מען טהוט איהם אַמאָל שלעכטס, וועט קיינער נישט.

* * *

ווער עס וויל דורכגעהן די וועלט מיט'ן הוילען אמת, דאַרף אָנגרייטען אַ סך שיך.

# די טראָפּאָווער רבי׳צין

(פון די פאַרשוואונדענע היימישע טיפּען)

אַנומעלט האָב איך באַגעגענט איינעם פון מיינע אַמאָליגע באַקאַנטע. האָט ער מיר דערצעהלט, אַז די אַלטע טראָפּאָווער רבי׳צין איז געשטאָרבען. האָט עס מיר געגעבען אַ קלאַפּ אין מוח און כמעט ווי ניט ווילענדיג האָט זיך ביי מיר ארויסגעריסען אַ קרעכץ.

האָט אויף דעם דער באַקאַנטער מיינער צוגעגעבען: „איבער ניינציג יאָהר“, ווי איינער זאָגט: וואָס איז דאָ צו קרעכצען, אַז אייביג לעבען קען מען סיי־ווי ניט?

איז דאָס פונדעסטוועגען נישט געווען פאַר מיר קיין טרייסט, ווייל די אַלטע טראָפּאָווער רבי׳צין איז געווען אַזאַ זעלטענער טיפּ, וועלכער איז היינטיגע צייטען ניט מעהר בנמצא.

דאָס שטעדטעל טראָפּאָוו, וואו איהר מאַן האָט געקיניגט אַלס רב, איז אַזאַ קליינטשיגס, אַז עס פאַרנעמט נישט אפילו אַ פּינטעלע אויף דער לאַנד־קאַרט. פון דעסטוועגען האָט דאָרט דער רב תמיד געהאַט פולע הענד מיט ארבייט. אָט איז געווען אַ דין־תורה און אָט האָט מען געדאַרפט דורכפיה־רען אַ גט, אָט איז געווען אַ חתונה און אָט — רחמנא ליצלן — אַ לויה. און איז דאָרט אַמאָל ניט געווען וואָס צו טהון אין קהל׳שען לעבען, האָט דער רב געפיהרט אַ ישיבה פון אַ צוויי צעהנדליג תלמידים, וואָס אַ העלפט פון זיי זיינען געווען פרעמדע פון די אַרומיגע שטעדטלאך און דער רב האָט זיי געדאַרפט באַזאָרגען מיט עסען און אַנדערע הצטרכות׳ן.

פלעגט דער רב ארומגעהן אין זיין ראַצימאָרענעם שפּענצער (איבער־געארבייט פון אַן אַלטער ראַצימאָרענער קאַפּאָטע) מיט אַ לאַנגען ליולקע־ציבוך אין האַנד און לערנען אַלסדינג אויף אויסוויינינג. גאַנץ ש״ס בבלי וירושלמי מיט אַלע מפרשים האָט ער אַרומגעטראָגען אין זיין קאָפּ און זעל־טען ווען האָט ער געכאַפּט אַ קוק אריין אין דער גמרא ביים לערנען.

שכירות האָט דער רב באַקומען פיער רייניש אַ וואָך. אויף אַמערי־קאַניש געלד וואָלט דאָס געהייסען איין דאָלאַר מיט זעכציג סענט. ער האָט אָבער אויסערדעם געהאַט נאָך אַנדערע הכנסות, וועלכע האָבען געקענט אַמאָל דערגרייכען ביז צו אַ העלפט פון דער געוועהנליכער שכירות.

קינדער האָט ער ניט געהאַט. איז געווען ביי איהם איינגעפיהרט, אַז יעדען שבת האָבען די צוויי צעהנדליג תלמידים געמוזט עסען ביי זיין טיש, קיין אונטערשיעד צי דאָס זיינען געווען אָרימע בחורים, וועלכע פלעגען אַ גאַנצע וואָך עסען „טעג“ אין די בעלי־בתישע הייזער, אָדער עס זיינען געווען בעלי־בתישע קינדער פונ׳ם שטעדטעל, וועלכע האָבען געהאַט אַן איי־גענע היים.

איז אַמאָל אַנגעקומען אין טראָפּאָוו אַן אורח פון דער פרעמד. ער האָט געהאַלטען אין קויפען דאָרט אַ וואָלד ביים פּריץ. איז דאַמאָלס אין טראָ־פּאָוו ניט געווען קיין אכסניא, האָט יענער סוחר געהאַלטען שבת ביים רב. האָט ער דאַן געזעהען דעם רב׳ס התנהגות און זיין גרויסע גאונות. איז איהם געקומען דער געדאַנק, אַז אַזאַ רב וואָלט געדאַרפט זיין אין אַ גרויסער שטאָדט.

געווען איז יענער סוחר א טיסמיניצער און א תקיף אין זיין שטאָדט. האָט ער געמאַכט מיט'ן רב א שמועס, צי ער וואָלט ניט אַנגענומען א רבנות אין אזא שטאָדט ווי טיסמיניץ.

האָט דער רב בלויז געזאָגט, אז ער ווייסט נישט, צי דאָס קען זיין מעגליך, ווייל לויט געזעץ דאַרף אזא שטאָדט ווי טיסמיניץ האָבען א רב מיט „שקאָלעס". האָט יענער סוחר געזאָגט, אז אזוי ווי ער איז א חשוב ביים סטאַניסלאַווער סטאַראָסטא, קען ער ביי איהם אלסדינג פועל'ן.

איז דער רב געווען שטאַרק צופריעדען פון דעם דאָזיגען ענין און מען האָט דאָן פאַרבראַכט גאַר א וואוילען שבת. דער רב האָט געזאָגט תורה ביים טיש, די רביצין האָט געשיינט פאַר שמחה און די זמירות פון די תלמידים האָבען זיך געטראָגען אין דער לופטען איבער'ן גאַנצען שטעדטעל.

עטליכע וואָכען שפּעטער איז אָנגעקומען א בריעף פון דער טיסמיניצער קהלה צום טראַפּאָווער רבי, געשריבען אין א שעהנער גע'כתיבה'טער האַנד-שריפט און אָנגעפיקעוועט מיט פיינע מליצות, וועלכער האָט זיך געלייענט ווי פאָלגט:

„אזוי ווי מיר האָבען געהערט רעדען וועגען אייערע גרויסע מעלות אין די טויערען און דאָס הערען פון אייער גאונות געהט ארום אין אלע לענ-דער, האָבען מיר זיך צונויפגענומען און מיר האָבען מסכים געווען אלע מיט איין מיינונג, אז איהר זייט דער איינציג פּאַסיגער, צו פאַרנעהמען ביי אונז אין שטאָדט דעם פּלאַץ פון א קאָפּ און א פיהרער, וועלכער זאָל אונז לערנען און משפּט'ן. צוליעב דעם געזעץ פון דער הויכער רעגירונג, וואָס איהר ווירדיגקייט זאָל דערהויבען ווערען, קענען מיר אייך ליידער ניט געבען דעם טיטעל רב, ווי איהר פאַרדינט, ווייל מען פאַרלאַנגט פון אונז, מיר זאָלען נעהמען א רב, וועלכער האָט דורכגעמאַכט זייערע שקאָלעס און זאָל קענען רעדען מיט שונאים אין טויער. מיר פאַרזיכערן אייך אבער, אז אייער כבוד וועט נישט חלילה געמינערט ווערען, ווייל איהר וועט זיין דער איינציגער קאָפּ פון אונזער קהלה, איהר וועט אונז דאַרפען ווייזען דעם וועג וואָס מיר זאָלען געהן און אויף אייער מויל וועט אלסדינג ארויסגעהען און אריינקומען".

וועגען שכירות האָט דער בריעף צוגעזאָגט אכט רייניש א וואָך, דאָס הייסט, צוויי מאָל אזוי פיעל ווי אין טראַפּאָוו, חוץ די געוועהנליכע הכנסות פון א רב. על-כן — האָט זיך דער בריעף פאַרענדיגט — זאָל ער זיך ניט פאַרזאַמען, נור ער זאָל קומען צו פליהען ווי אויף די פליגלען פון אן אָדלער אויף איינעם פון די נאָהנטע שבתים, וואו מען וועט ארומרעדען די ווייטערע פונקטען פון זיין רבנות.

האָט דאָן דער רב געהאַלטען אין א כסדר'דיגען איבערשמועסען דעם ענין מיט דער רביצין און מיט מאַכען פאַרשיעדענע פּלענער וועגען דער צוקונפט. ער האָט זיך אויך אָנגעהויבען לערנען חתמ'נען זיין נאָמען מיט א נייעם צוג, אריינגעשריבען די ווערטער „ראב"ד דק"ק טיסמיניץ והגליל".

א וואָך שפּעטער האָט די טיסמיניצער קהלה ארויסגעשיקט צוויי ספּע-ציעלע שלוחים קיין טראַפּאָוו, זיי זאָלען ברענגען דעם רב אין שטאָדט אריין. זיינען די דאָזיגע שלוחים אָנגעקומען אין טראַפּאָוו אין א דיענסטאג פריה מיט דער מיינונג, אוועקצונעהמען דעם רב טאַקע באַלד, כדי ער זאָל נאָך זיין אין טיסמיניץ אויף שבת.

האָט זיי דער רב געזאָגט, אז אזוי ווי עס איז איהם שווער צו פאַר-לאָזען דאָס שטעדטעל, וואָס די בעלי-בתים דאָ זיינען טאַקע אָרימע אידען,

אבער זיי האבען גרוים דרך־ארץ פאר זייער רב און זיי טהוען פון זיינעט־וועגען מעהר ווי זייער יכולת. זאלען זיי בלייבען אין שטעדטעל איבער שבת און נאך שבת אי"ה וועט מען זעהן, וואס מען האט צו טהאן.

און דערוויילע האט דער רב ווייטער איבערגעשמועסט דעם ענין מיט דער רביצין פון אלע זייטען, ווי ארים די לאגע איז אין טראפאווי ווי קליין די שכירות זיינע איז אקעגען די שכירות פונ'ם טיסמיניצער רבנות — און וואס מען וועט קענען אויפטהון מיט אכט ראניש א וואך.

די רביצין האט אויך מסכים געווען צו אלעמען. זי האט אפילו גע־קלערט, אז דאס לעבען אין אזא שטאדט ווי טיסמיניץ וועט איהר זעהר שווער אנקומען, ווייל וואס פאר א באטרעף קען אזא פרוי ווי זי האבען צווישען די דאמען פון דער טיסמיניצער קהלה ? ווי וועלען זיי אויף איהר קוקען ? אט באגעגענט זי אמאל אזא דאמע, וועלכע קומט זומער קיין טראפאוו „אויף לופט", האט דאס ניט קיין אידישע צורה און עס זעהט נור אויס ווי עפעס א גוי'שע פריצה. אויסער דעם איז זי שוין אזוי צוגעוועהנט צו די מענשען אין טראפאוו, אז זי ווייסט וואס עס טהוט זיך ביי איטליכען אין טעפעל. ביי יעדער צרה אין א הויז קומט מען צו איהר און זי העלפט אויך אומעטום, ווי ווייט א מענש קען העלפען. און ווי אזוי קען זי פארלאזען די ארימע בחורים פון דער ישיבה, פאר וועלכע זי וואשט מיט איהרע אייגענע הענד א העמד אויף שבת און זי העלפט אויך יעדען באזארגען מיט „טעג" ?

טיסמיניץ איז טאקע א שעהנע שטאדט, וועט מען אבער דארט אוועק־נעהמען ביי איהר אלע מצוות. דער רב וועט גאנצע טעג זיין פארנומען מיט די בעלי־בתים, מיט זייערע דין־תורה'ס און מיט זייערע שאלות. דארט וועט ער ניט קענען פיהרען קיין ישיבה און ער וועט אויך ניט האבען קיין ארימע בחורים ביי זיין טיש. פאר איהם וועט די שטאדט געבען גענוג בא־שעפטיגונג. אבער זי וואס וועט טהון ?

און יענעם דאנערשטאג, ווען זי האט פארקנאטען ברויט און חלה אויף שבת, האט זי איינגעזעהען, אז טיסמיניץ איז ניט פאר איהר. אט קנעט זי דאס ברויט און די חלה פאר א געזינדעל מענשען, קיין עין־הרע. און וואס וועט זי טהון אין טיסמיניץ ? — האט זי זיך באגאסען שטילערהייד מיט טרעהרען.

מעהר נאך איז איהר אויסגעקומען גיסען טרעהרען, ווען זי איז שפע־טער געשטאנען ביי דער וועש, וואו זי האט אויסגעוואשען פאר יעדען פון די ארימע בחורים א העמד אויף שבת. ס'האט זיך איהר געדאכט, אז מען וויל ביי איהר אוועקרויבען איהר חלק עולם הבא.

האט דער רב געזעהן די טרערען פון דער רביצין, האט עס איהם צו־ריסען דאס הארץ און ער האט ביי זיך באשלאסען, ניט צו איילען זיך מיט'ן אננעהמען דאס רבנות אין טיסמיניץ. די רביצין — האט ער געזעהען — וועט זיך ניט קענען דארט צופאסען צו די אומשטענדען און זי וועט דערפון שרעקליך ליידען.

און ווען דער רב איז אהיים געקומען יענעם פרייטאג צו נאכטס פונ'ם דאווענען און ער האט געזונגען דעם „אשת חיל", און ווען ער איז צוגעקומען צום פסוק „צופיה הליכות ביתה" און ער האט א קוק געטהון אויף דער רביצין'ס פארוויינטע אויגען, איז ביי איהם געבליבען, ניט אנצונעהמען דאס רבנות אין טיסמיניץ...

## נישט געוואוסט וואָסערע בהמה

צו דאָקטאָר ביק אין לעמבערג, וועלכער איז געווען א באוואוסטער פּאָליטיקער און א גרויסער אַדוואָקאַט, איז אמאָל געקומען א קליינשטעדטעלדיגער גביר מיט א פּראָצעס.

אינ'ם שמועס מיט'ן אַדוואָקאַט האָט יענער קליינשטעדטעלדיגער כסדר גערופען דעם דאָקטאָר ביק: „הער דאָקטאָר אָקס!"

פרעגט איהם דאָקטאָר ביק: „וואָס רופט איהר מיך עפּיס אָקס, ווען איך הייס ביק? — האָט אויף דעם יענער געענטפערט: „איך האָב גע־וואוסט, אז איהר האָט דעם נאָמען פון א בהמה, נור איך האָב פארגעסען וואָסערע בהמה!"

---

## די מדה פון אויפריכטיגקייט

איהר ווערדע איז נישט אָפּצושאַצען, סיי פאַר זיך אליין און סיי פאַר דער מענשליכער סביבה, ווייל ווער עס לעבט שטענדיג לויט זיינע אינעווייניגסטע געדאַנקען, שטימט מיט זיך אליין, מיט זיין גאָט און מיט דער גאַנצער אומגעבונג זיינער. ער איז אויך צופרידען מיט דעם גוטען, וואָס ער פאַרמאָגט, גלייך ווי ער איז גוט אפילו מיט די שלעכטע פון צווישען זיינע שכנים. דער קוק זיינער איז תמיד א פרייער, און ווען ער דערלאַנגט אי־מיצען די האַנד, האָט ער נישט קיין שום נעבען־געדאַנקען. דערפאַר עפענען זיך פאַר איהם אַלע מענשליכע הערצער און זיין וואָרט איז ווי א היילונג פאַר אַלע ליידענדע.

---

## פּאָפּולאַריטעט

— האָסט קיין באַגריף ניט ווי מיין פּאָפּולאַריטעט האָלט אין וואַקסען. אָט ווערען איצט מיינע שריפטען געלייענט פון צוויי מאָל אַזוי פיעל מענשען ווי פריהער.

— מזל טוב דיר! איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אז דו האָסט שוין חתונה געהאַט!

---

## געדאַנקען־שפּריצלעך

אוועק צו נעהמען ביי אימיצען דאָס גליק, איז זעהר גרינג; אָבער צו געבען איינעם דאָס גליק, איז זעהר שווער.

* * *

ווער עס האָט טענות וועגען אומדאַנקבאַרקייט, האָט קיינמאָל גאָר נישט געטהון פון זיין מענשליכער איבערצייגונג, נור צוליעב זיין אייגענ־ליעבע, ווייל ווער עס האַלט פאַר זיין שולדיגקייט, צו טהון פאַר דער מענשהייט, וויפיל ער קען, אזא איינער וועט זיכערליך נישט ריידען וועגען דאַנקבאַרקייט.

# א טובה פאַר א שדכן

א שדכן האָט אמאָל זיינעם א חבר געבעטען, ער זאָל איהם טהון א טובה. אזוי ווי ער דאַרף ביי א געוויסען גביר ריידען דער טאָכטער א שדוך, זאָל ער איהם העלפען אויספיהרען דעם שדוך.

— מיט וואָס קען איך דיר העלפען, אז איך קען גאָר נישט דעם חתן ? — האָט דער חבר געפרעגט.

— דאַרפסט איהם גאָר נישט קענען ! — האָט דער שדכן א זאָג געטהון — דאַרפסט נאָר בלויז צושטימען צו דעם, וואָס איך וועל זאָגען, און אמאָל א ביסעלע מגזם זיין. יעדען לויב, וואָס איך וועל זאָגען וועגען דעם חתן, זאָלסטו א ביסעל פאַרגרעסערען.

— גוט — האָט יענער געענטפערט — וועסט שוין זעהן, וואָס איך קען !

זיינען זיי דאַן ביידע אוועקגעגאַנגען צום גביר, און וויפיל דער שדכן האָט דעם חתן געלויבט, האָט דער חבר זיינער יעדען לויב פאַרגרעסערט.

— א חתן א לערנער איינער אין דער וועלט ! — האָט דער שדכן געזאָגט.

— שייך צו זאָגען א לערנער — האָט דער חבר צוגעגעבען — א גאון עולם, אלע רבנים מעגען ביי איהם פּעטשערעס הייצען.

— א שרייבער איינער אין דער וועלט ! — האָט דער שדכן געזאָגט.

— שייך צו זאָגען א שרייבער — האָט דער חבר צוגעגעבען — א פּראָשעניע אָנצושרייבען נעמט ביי איהם איינס-צוויי. זיינס א פּראָשעניע, אז זי קומט אָן צום געריכט, קענען זי דאָרט אלע בעאמטע נישט לייענען...

דאָ איז שוין דער שדכן א ביסעל אומגעדולדיג געוואָרען און ער האָט אויף זיין חבר א בייזען קוק געטהון.

— אלע גאַזעטען זיינען פול מיט איהם ! — האָט דער שדכן צוגעגעבען.

— שייך צו זאָגען פול ! — האָט דער חבר א זאָג געטאָן — יעדער רעדאַקטאָר ווערד פאַר איהם די כפרה און בעט זיך ביי איהם, ער זאָל עפּיס אריינשרייבען אין זיין גאַזעט.

— ער איז איינער פון די גרעסטע פּאָעטען ! — האָט דער שדכן צוגעגעבען.

— שייך צו זאָגען א פּאָעט ! — האָט דער חבר א זאָג געטהון — איך זאָל אזוי זעהען משיח'ן פאַר מיינע אויגען, ווי איך האָב געזעהען, וואָס דער גרויסער פּאָעט שעקספּיר האָט צו'ן איהם געשריבען...

— דאַביי איז ער א פאַרשוין מיט'ן חן פון יוסף הצדיק ! — האָט דער שדכן צוגעגעבען — ווי אַן אתרוג'ל א הדר, נור א ברכה צו מאַכען.

— טאַקי נור א ברכה צו מאַכען — האָט דער חבר א זאָג געטהון — „ברוך משנה הבריות“ — און זעהענדיג א צווייטען בייזען קוק פונ'ם שדכן, האָט ער זיך פאַרבעסערט און א זאָג געטהון : — איך האָב געמיינט „על נטילת לולב“...

— ביי אזעלכע גרויסע מעלות — האָט דער שדכן צוגעגעבען — מעג א מענש האָבען א שטיקעל פעהלער אויך, און איך וועל נישט זאָגען קיין ליגען. ער איז א ביסיל קורצזיכטיג !...

— שייך צו זאָגען קורצזיכטיג! — האָט דער חבר א זאָג געטהון — האלב־בלינד בנאמנות זאָג איך אייך, מען כ ז איהם כמעט פיהרען..
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס עס איז דאָרט ווייטער פאָרגעקומען, דאַרף מען נישט דערצעהלען.

---

## געפאַסט און געגעסען

אין א דייטשער שטעדטעל האָבען די מענשען אמאָל אין א תענית געדרונגען איינעם, ער זאָל פאַר זיי פאַסטען, איז דאַן איינער אַריין צו איהם און האָט איהם געפונען עסען, זאָגט ער צו איהם: „מען האָט דיך דאָך געדונגען, דו זאָלסט פאַסטען און דאָ עסט דו גאָר?" — „איך פאַסט נור פאַר עטליכע מענשען — האָט ער געענטפערט — פאַר א גאַנצע שטאָדט קען איך איינער אליין ניט פאַסטען!"

---

## אַלט-נייע גלייכווערטלעך

דריי מענשען קריכען וואו מען וויל זיי ניט ליידען: א גנב אין א פרעמד הויז, א נאַר אין געזעלשאַפט און א פּראָסטער בעל־גאוה אויבענאָן.

* * *

דאָס לעבען לערנט בעסער ווי א לעקטשורער און ביכער.

* * *

ווילסטו וויסען, צי דיינע פריינד אָדער דיינע שונאים זיינען גוטע מענשען, דאַרפסטו בלויז א קוק געבען, צי זיי גלויבען אין דער גוטהאַרציגקייט פון אַנדערע.

* * *

יאָגענדיג זיך נאָך גליק, אַנטלויפט מען דערוויייל פון צופרידענהייט.

* * *

האָב מורא פאַר דעם, וועלכער האָט מורא פאַר דיר.

* * *

פרעהליכע מענשען זיינען נישט בלויז גליקליכע מענשען, ווייל זיי זיינען אויך געוועהנליך גוטע מענשען, וואָס פאַרמאָגען נישט די מינדעסטע קנאה און שנאה.

* * *

דעם גרעסטען כבוד דאַרף מען אָפּגעבען צו אזעלכע מענשען, וועלכע קענען זיך פאַר זייער אייגענער פּערזאָן אָפּזאָגען פון די גענוסען, וואָס דאָס לעבען קען זיי געבען, ווען זיי ווייסען, אז ווען זיי וועלען אויף זייער אייגען גליק פאַרציכטען, וועלען זיי פאַרמעהרען דאָס גליק פון די מענשען.

# די מאַמעס אויגען

ווי שטערען אינ׳ם הימעל שטראַהלען גליקליך אויגען,
ס׳איז אַ מאַמע באַלד נאָך איהרע גרעסטע שמערצענס־שטונדען ;
אַ מענשעל ערשט־געבוירען ליגט אין איהרע טרייע אָרעמס,
זי דריקט איהם צאַרט צום האַרצען — און איהר וועהטאָג איז פאַרשוואונדען.

וואונדערפול צו קוקען, אומפאַרגלייכליך שעהן,
ווי ס׳ליגט דאָס קליינע מענשעל ביי דער מוטער׳ס ברוסט ;
די מאַמע׳ס אויגען לאַשטשען איהם, באַשטראַהלען איהם זיין צורה,
נאָך איידער ער קען זעהן ליכט און פיהלען לעבענס־לוסט.

די מוטער־אויגען זיינען הייליג־העלע זונען־שטראַהלען,
און זייער ליכט איז פול מיט ליעבשאַפט און ברענגט זעגען ;
ס׳איז זייער גלאַנץ פון דער נאַטור׳ס געהיימע טיפענישען
און פון איהרע געטליך־סודות׳דיגע וועגען.

---

## ער וויל נישט פאַרשטעהן

קאָנדוקטאָר (צו׳ן אַ פּאַסאַזשיר אין דער קאַר, וואָס רויכערט) : עס וועט זיין בעסער, איהר זאָלט נישט סמוקען !

פּאַסאַזשיר : מערקווירדיג, אַלע מיינע פריינד זאָגען דאָסזעלבע !

קאָנדוקטאָר : אָבער איהר טאָרט נישט סמוקען !

פּאַסאַזשיר : דאָסזעלבע זאָגט מיין דאָקטאָר !

קאָנדוקטאָר (בייז) : איך ערלויב אייך נישט צו סמוקען !

פּאַסאַזשיר : מיין ווייב שרייט אויך אַזוי !

---

## אַ סימן אויף אַ גביר

ביים אַלטען סאַנדזער צדיק איז אַמאָל געווען אַ גרויסע אסיפה פון רבנים וועגען דער מחלוקה זיינער מיט די סאַדאַגערער — און ווען די פאַר־זאַמעלטע זיינען געווען פאַרטיעפט אינ׳ם ענין, איז אָנגעקומען אַ באַקאַנטע סאַנדזער גביר׳טע מיט אַ שרעקליך געשריי, אַז זי האָט זעהר אַ וויכטיגע שאלה און דער רבי מוז זי תיכף אויסהערען.

און ווען מען האָט איהר פּרובירט דערקלערען, אַז דער רבי האָט קיין צייט נישט, האָט זי נאָך העכער געשריגען, אַז עס איז פשוט סכנת־נפשות, ווייל זי קען חלילה שטאַרבען, אויב דער רבי וועט זי נישט אויסהערען.

האָט דער סאַנדזער געבעטען די אַנדערע רבנים, זיי זאָלען איהם מוחל זיין אויף עטליכע מינוט, ווייל ער מוז אויסהערען, וואָס די אידענע וויל.

ווען דער צדיק איז דאַן צוריק אַריין־געקומען, האָט זיך באַוויזען אַ שמייכעל אויף זיינע ליפּען. זיינען די אַנדערע רבנים געווען נייגיריג, צו וויסען, וואָס די אידענע האָט פון איהם אַזוינס געוואָלט, אַז ער שמייכעלט אַזש.

— די אידענע האָט געוואָלט, איך זאָל איהר פּותר חלום זיין, עס האָט זיך איהר גע'חלומ'ט, אז איהרער א זוהן איז משוגע געוואָרען.
— און ווי אזוי האָט איהר פּותר־חלום געווען ? — האָבען די רבנים געפרעגט.
— איך האָב איהר געזאָגט, אז דאָס איז א סימן, אז דער זוהן וועט זיין א גרויסער גביר !

# א „נס מן השמים"

אין א פינסטערער נאכט איז אמאָל אויסגעבראָכען אין א שטעדטעל לעבען קראָקא א שרפה. איז זיך דאָס גאנצע שטעדטעל צונויף־געלאָפען צום לעשען. צווישען אלע אנדערע איז אויך געקומען דער רב פונ'ם שטעדטעל. און נאָכדעם ווי דאָס פייער איז שוין געווען אויסגעלאָשען, האָט ער זיך אוועקגעשטעלט אין א זייט און א זאָג געטהון צום עולם :
— פלאי פלאים, השגחת הבורא !
און ווען דער עולם איז געווען נייגעריג צו הערען, וואו עס איז דאָ אייגענטליך דאָס גרויסע וואונדער, האָט דער רב צוגעגעבען :
—ווען נישט דאָס פייער פון דער שרפה, וואָלט מען אין אזא פינסטע־רער נאכט ווי היינט נישט געזעהן צו לעשען...

# מדה כנגד מדה

פּאָטער : יעצט באַקלאָגסטו זיך פאר מיר אויף דיין פרוי, אז זי איז א שלעכטע, אָבער ווען דו ביסט געגאַנגען הייראַטהען, האָסטו מיך נישט געפרעגט.
זוהן : און דו האָסט עפּיס ביי מיר געפרעגט, ווען דו ביסט געגאַנגען חתונה האָבען ?
פּאָטער : וואָס האָב איך דיך געדאַרפט פרעגען ? איך האָב דאָך חתונה געהאַט מיט דיין מאַמע און דו ביסט געגאַנגען און האָסט זיך פארשלייערט מיט א פרעמדער מויד !...

# גליק און צופרידענהייט

גליק איז ווי א מוהמע, וואָס לאָזט איבער א שעהנע ירושה. געוועהנליך דארף מען דאָס גליק געפינען, און דוקא דאמאָלס ווען מען זוכט עס נישט. צופרידענהייט איז ווי א גוטער מלאך, וואָס באַווייזט זיך זעלטען.
דאָס געפיהל פון א גליקליכען דריקט זיך אויס אין א פריידען־געשריי. דער גליקליכער איז גרייט, ארום צו האַלזען די גאַנצע וועלט און צו טיילען זיך מיט איטליכען מיט זיינע געפיהלען. דער צופרידענער באַווייזט זיין גע־פיהל אין א שטילער רוהיגקייט, אין א ליעבשאַפט צו אלע מענשען, אויף וועלכע ער קוקט מיט א שמייכעל.

גליקליך איז מען אין ערֿאבערונג און זיעג. צופרידען איז מען, ווען מען האָט עטוואָס פארלוירען און מען געפינט עס צוריק. גליק איז א שפּיעל פונ'ם צופאל און צופרידענהייט האָט איהרע ווארצלען אין דער נשמה.

דאדורך קען זיך א פלוצים'דיג גליק פארוואנדלען אין אן אומגליק. זי קען מאכען דאָס הארץ פלאצען און זי קען ברענגען שגעון אָדער טויט.

אנדערש איז צופרידענהייט, וועלכע איז ווי אן אָפענער צוגאנג צום אייביגען לעבען.

---

## פאַרדיענט צעהן דאָלאַר

אינגעל (קומט אהיים פון סקוהל מיט א שמייכעל): פאפא! האָסט היינט פארדיענט א צעהנער!

פאָטער: ווי אזוי?

אינגעל: האָסט מיר צוגעזאָגט צעהן דאָלאר, אז איך וועל פראָמאָוטעד ווערען, בין איך נישט פראָמאָוטעד געוואָרען!...

---

## אַ דייטשער נאַצי לויבט העברעאיש

אין בערלין איז דאָ ערשט נישט לאנג פאָרגעקומען א פארזאמלונג פון אידישע „נאצים". האָט איינער פון זיי געשריגען, אז דאָס גאנצע אומגליק פון די אידען איז, וואָס זיי דאוונען אין העברעאיש, אין אן אלטער שפּראך, וואָס קיינער פארשטעהט נישט.

האָט אויף דעם א דייטשער נאצי (אן אמת'ער „אריער") מיט'ן נאָמען פּראָפעסאָר זאָנדקוהל אָפּגעענטפערט:

„דאָס דאוונען אויף העברעאיש איז דאָס וואונדערבאר שעהנסטע ביים אידישען גאָטעסדינסט, וועלכער וואָלט אָהן העברעאיש גאנץ ווערטהלאָז געוועזען"...

---

## געדאַנקען-שפּריצלעך

א גאנצע וועלט וואָלט מען געקענט גליקליך מאכען מיט דעם גליק, וואָס געהט געוועהנליך אומבאנוצט פארלוירען.

* * *

גליקליך צו שאצען איז דאָס „גליק", וואָס עס איז בלינד, וויל ווען עס וואָלט געווען זעהענדיג, וואָלט עס זיך זיכער געפיהלט אומגליקליך, צו זעהן די פארשוינען, וועלכע זי האָט געלייטזעליגט.

* * *

צום מעהרסטען גליקליך איז דער מענש, וואָס מען קען וועגען איהם זאָגען, אז ער האָט זיין גליקליכע לאגע נישט צו פארדאנקען דעם גליק.

* * *

אינ'ם חלום'ען וועגען דער צוקונפט פארשלאָפט מען געוועהנליך די גע-גענוואַרט.

## חזירים פאַרשטעלטע פאַר הינט

אין קראָקע האָט זיך אַמאָל אין אַ שוהל געמאַכט, וואָס דער חזן איז אַלט געוואָרען און די גבאים פון דער שוהל האָבען גענומען קלערען, אויפ־צונעמען אַ נייעם חזן, אַ אינגערען. איז דעריבער געוואָרען אַ מחלוקה צווישען די באַלעבאַטים, וואָס פיעלע פון זיי האָבען גע'טענה'ט: „וואָס הייסט? ווי קען מען צונעהמען ביי אַן אַלטען חזן די פרנסה?"

דאַגעגען האָט דער אַנדערער צד גע'טענה'ט, אַז מען קען זיך נישט העלפען, ווען דער חזן איז פאַרט אַן עלטערער מענש און מען הערט איהם נישט מעהר, ווען ער דאַווענט.

האָט מען זיך אַזוי לאַנג אַרומגעצאַנקט, ביז די גבאים האָבען באַשלאָסען, צונויף צו רופען די באַלעבאַטים פון דער שוהל, זיי זאָלען וועגען דער דאָזיגער פראַגע שטימען, און ווי דער רוב פון די באַלעבאַטים וועט שטימען, זאָל עס אַזוי בלייבען.

זיינען זיך אַלע באַלעבאַטים צונויף־געקומען אין דער שוהל און מען האָט דורכגעפיהרט אַ געהיימע אָפּשטימונג. און ווי עס איז געקומען צום צעהלען די שטימען, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אַלע חוץ איין־איינציגען האָבען געשטימט דערפאַר, אַז מען דאַרף אויפנעהמען אַ נייעם חזן.

איז זיך דער אַלטער חזן געשטאַנען אין אַ ווינקעל און ער האָט גאָר נישט געזאָגט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז נעגען אַ רבים קען מען זיך נישט שטעלען. עס האָט איהם בלויז פאַרדראָסען, וואָס פונ'ם גאַנצען קהל איז בלויז געווען איינער, וואָס האָט געהאַלטען פאַר איהם.

און אַזוי ווי ער איז געשטאַנען אינ'ם ווינקעל אַ דערשלאָגענער, קומט צו צו'ן איהם אַ באַלעבאָס און זאָגט:

— עס טהוט מיר זעהר לייד, וואָס איך האָב נישט דורכגעזעצט מיין מיינונג, ווייל די איינע שטימע, וואָס איהר האָט געקראָגען, איז טאַקי מיינע!

דערנאָך איז צוגעקומען אַ צווייטער באַלעבאָס און האָט איהם געזאָגט דאָס נעמליכע. שפּעטער זיינען ווייטער אַנדערע באַלעבאַטים צו'ן איהם צוגעקומען און יעדער פון זיי האָט איהם פאַרזיכערט, אַז די איינע שטימע וועלכע איז אָפּגעגעבען געוואָרען פאַר איהם, איז נישט קיינעמ'ס, נור זיינע.

האָט דאָן דער חזן געבעטען, מען זאָל איהם ערלויבען זאָגען אַ וואָרט — און די גבאים האָבען איהם דאָס ערלויבט.

— זעהט איהר, מיינע טהייערע באַלעבאַטים! — האָט דער חזן געזאָגט — איהר ווייסט, אַז איך קען אייך שוין זעהר לאַנג און איך ווייס גוט, וואָסערע חזירים איהר זענט. ביז היינט האָב איך אבער געמיינט, אַז איהר פאַרשטעלט זיך נישט. איהר זענט טאַקי חזירים, נור איהר שעהמט זיך נישט דערמיט און עס האַרט אייך נישט, ווען די גאַנצע וועלט וועט וויסען, אַז איהר זענט חזירים. היינט האָב איך מיך איבערצייגט, אַז איהר זענט גאָר נישט קיין אמת'ע חזירים. איהר זענט גאָר הינט, וואָס פאַרשטעלען זיך פאַר חזירים. איז דאָס פאַר מיר אַזאַ נייעס, וועלכעס האָט מיך פּשוט דערשמעלעט!...

---

פון די וואָלקען קומט דאָס גליק, דירעקט פונ'ם אויבערשטען. מען דאַרף נור אויסנוצען דעם אויגענבליק.

## ווען „למנצח" און „מזמור לתודה" קומען זיך צוזאמען

אין א געוויסער שטאָדט האָט מען צוגענומען א חזן, וועלכער איז דעם רב פון יענער שטאָדט נישט געפעלען. איז ער דערפאַר נישט מעהר געקומען דאַוונען אין דער שטאָדטישער שוהל און ער האָט געמאַכט א מנין ביי זיך אין הויז. האָט זיך אָבער געמאַכט א סבה, וואָס אום הושענא-רבה האָט דער רב געמוזט קומען דאַוונען אין דער שטאָדטישער שוהל. אזוי ווי ער איז געווען א כהן און אין זיין שכנות איז געווען א מת, איז ער דאַן געגאַנגען צום דאַוונען אין שוהל אריין. האָט דאָרט איינער אויף דעם געזאָגט: אזוי ווי „למנצח" און „מזמור לתודה" קומען זיך בלויז היינט צונויף, ווייל ווען מען זאָגט „למנצח", זאָגט מען נישט קיין „מזמור לתודה", פונקט אזוי איז זיך דער רב מיט'ן חזן צונויף-געקומען בלויז היינט!...

---

## אַ באַשטראָפטער „בעל תוקע"

אין די צייטען פונ'ם „חתם סופר" איז געווען אין פרעשבורג איינער פון די חשובים, א למדן און א גרויסער סוחר, וועלכער פלעגט זיין דער „בעל-תוקע" אינ'ם רב'ס בית-המדרש. איז אמאָל דער דאָזיגער בעל-תוקע געווען אויף א געשעפטס-רייזע, און אזוי ווי ער איז זיך דאָרט צנויף-געקומען מיט גויים, איז ער געווען געצוואונגען, צו עסען מיט זיי אין-איינעם — און עס איז דאַן דערצעהלט געוואָרען, אז ער האָט געגעסען האָזען-פלייש.

האָט איהם דער „חתם סופר" באַלד גע'פסל'ט זיין שופר-בלאָזען. איז ער דאַן געקומען צום רב, און האָט געבעטען א „תשובה". האָט איהם דער רב געהייסען פאַסטען עטליכע תעניתים און געבען א געוויסע סומע פאַר אָרימע לייט.

דעם גע'פסל'טען בעל-תוקע האָט זיך אָבער הויפּטזעכליך געהאַנדעלט וועגען דעם, ער זאָל קענען ווייטער שופר-בלאָזען, האָט ער אַרגומענטירט מיט'ן רב וועגען דער ווערדע פון „תשובה" און ער האָט ציטירט דעם מאמר פון דער גמרא „במקום שבעלי תשובה עומדים, צדיקים גמורים אינם יכולים לעמוד".

האָט איהם דער „חתם סופר" געענטפערט: „ווער עס קען עסען האַאָס, דער דאַרף נישט בלאָזען!"...

דער חתם-סופר איז געווען א פראַנקפורטער און ער האָט גערעדט פראַנקפורטער זשאַרגאָן, וואו מען זאָגט אויף „הייס": האָאס (מיט א ברייטען פתח) און א האָז הייסט אויך האָז (מיט א פתח).

---

## קאַמפף

נישט פאַראַן קיין מענשען-לעבען, וואָס זאָל עקסיסטירען אָהן א קאַמפף אָדער אָהן יעדען מאַנגעל. אפילו דאָס גליקליכסטע לעבען מוז האָבען קאַמפף און עס דאַרף אויך אמאָל עטוואָס פעהלען. קען מען דערפאַר זאָגען, אז אמת גליקליך איז נור אזא מענש, וואָס זיינע געפיהלען האָבען נישט קיין שייכות צו זיין שיקזאַל.

# „מאָדע" אָדער „סטייל"

וואָס מען רופט אין אַמעריקע „סטאַיל", הייסט אין אייראָפּע — „מאָדע". איז דאָס אַזא חולאת, וואָס פרעסט אויף דעם מענשען'ס אַלע כחות און עס מאַכט פון איהם אַ פּשוט'ע מאָנקי.

אונזערע חכמים רעכענען דריי מינים „יצר הרע": איינעם צו עבודה זרה, איינעם צו געלד און איינעם צו שעהנע פרויען. פון אַלע דריי אַלטע יצר־הרע'ס איז אָבער דער היינטיגער יצר־הרע פון דער „מאָדע" דער גרעסטער און דער שטאַרקסטער. דאָס פייער זיינס ברענט מעהר, ווי עס האָט געברענט דער יצר־הרע פון עבודה־זרה אין דער צייט פון אונזערע תנאים.

דאָס גאַנצע מאָדערנע לעבען איז נישט מעהר ווי אַ לאַנגע קייט פון מאָדע, וועלכע האָט ארויפגעלעגט איהר חותם אויף אַלעמען אין הויז און אין גאַס, אין געזעלשאַפט, אין ליטעראַטור און אין דער מאָראַל. אין די פענסטער פון אַלע געוועלבען לויערט אויף אונז אַן אומפּארגלייכליכער לוקסוס, וועלכער רייצט אויף דעם אַפּעטיט און צינדט אָן אַ פייער פון תאוה אין אונזער האַרץ. דער ראַפינירטער געשמאַק האָט געמאַכט „יד אחת" מיט דער מאָדערנסטער קונסט־פערטיגקייט פון דער היינטיגער אינדוסטריע. דריי פערטעל פון אָט די געוועלבער איז געמאַכט, צו קיצלען די נערוועז פון אונזערע פרויען און זיי אויפרייצען ביז צו אומדערטרעגליכקייט.

פאַר פרויען איז דער סטאַיל דאָס וויכטיגסטע אין לעבען, נישט צו קענען באַקומען די שעהנע זאַכען, וואָס אַ פרוי ווינשט זיך, מאַכט זי אמת'דיג אומגליקליך. „אשה משתוקקת לתכשיטין" (אַ פרוי גאַרט צו פּוץ) איז אַן אַלטער כלל אין דער גמרא. דאָס גאַנצע דענקען פון אַ פרוי איז דאַדורך נור וועגען שעהנע קליידער. דאָס איז די הויפּט־זאַך אין איהר לעבען — און דערנאָך ערשט קעהרט זיך איהר זין פאַר אַ שעהנער וואָהנונג מיט שעהנע מעבעל.

שעהנע קליידער און שעהנע דירות ווערט אַלץ מעהר און מעהר אַ באַדערפעניש אין די ברייטערע שיכטען פונ'ם פאָלק. דער לוקסוס דעמאָקראַטיזירט זיך און לאָזט זיך יעדעס מאָל טיפער צו די נידעריגערע קלאַסען פון די מענשען, אַלעס וויל באַזיצען און געניסען. וואָס מעהר איינער האָט, אַלץ מעהר וואַקסט זיין באַגעהר צו אַלערליי רייצענדע שעהנהייטען פונ'ם לעבען.

דאָס עמפּפינדען פאַר שעהנהייט איז היינט שטאַרקער ווי ס'איז געווען אַמאָל. עס איז אויך וואַהרשיינליך, אַז די מאָדערנע קולטור האָט איבערהויפּט פיעל געווירקט אויף דער אַנטוויקלונג פון אונזערע פרויען. אין זייער פּנים ווי אין דער האַלטונג פון זייער קערפּער שפּיעגעלט זיך אָפּ די געשיכטע פון אָט דער אַנטוויקלונג. אָהן אירגענד וועלכע געדאַנקען פון זינד קען אַ מאָדערנער מענש ביי היינטיגע צייטען נישט דורכגעהן אין סטריט אָדער זיצען אין אַ קאַר, אַז זיין בליק זאָל נישט צוגעצויגען ווערען יעדע מינוט צו אַן אַנדערער ערשיינונג, ביי וועלכער עס ווערען אויפגעריסען די אויגען פון זיך אַליין אין אַן אַנטציקטער באַוואונדערונג און מיט אַ פרעכען קוק, גלייך ווי מען קוקט אויף אַ פעטע גאַנז און מען האָט אין זינען דעם געשמאַק פון איהר פלייש. אויף אַזאַ מין קוק איז ניט כדאי זיך אָפּצושטעלען און נישט איהם מיינט מען. דער קוק, פון וועלכען עס ווערט דאָ

גערעדט, מיינט אַ מין מאַגנעטישען צוג, גלייך ווי רבי עקיבא האָט געקוקט אויף דער פרוי פון טורנוס רופוס, אדער ווי ר׳ שמעון בן גמליאל האָט באַוואונדערט די גרויסקייט פון גאָט׳ס מעשים ביים אָנבליק פון אַ שעהנער כותית.

דער ערגסטער פון אַלע טייוואָלים איז „וועגוס״, זאָגט היינע. וועגוס, די געטין פון שעהנהייט איז דער שטאַרקסטער רייץ אין דער וועלט. נערוועז פון שטאָהל און אַ הויט פון בלעך מוזען זיך בויגען פאַר איהר כח, אָבער דער מאָדערנער מענש האָט ליעב דעם רייץ, דעם צושטאַנד פון אַן אומבאַפרידיגטער תאוה — און אָט דאָס איז טאַקי דער סוד פונ׳ם כח, וועלכער שטעקט אין די גרויסע „דעפּאַרטמענט־סטאָרס״ און אין די ערפינדונגען פון דער מאָדע. אָט דאָס איז דער מאָדערנער צושטאַנד פון דער גאַנצער מיטעלער קלאַס מענשען ביז צום נידריגסטען ארבייטער. אַלעס איז באַהערשט פון „וועגוס״ מיט׳ן כח פונ׳ם סטאַיל.

---

## די חכמה פון אַ ליסקער

צוויי ליסקער זיינען קראַנק געוועזען אויף איין קראַנקהייט, יעדען האָט וועה געטהון דער רעכטער פוס מיט אַ שמערצליכען וועהטאָג. האָבען דאָקטוירים ערקלערט, אַז זיי ביידע ליידען פון איין וועהטאָג און מען דאַרף ביידען קורירען מיט דערזעלבער מעדיצין און זיי מוזען האָבען שטאַרקע מאַסאַזשען דורך עלעקטרי, צוליעב דעם דאַרפען זיי פאָהרען אין אַ גרויסען קראַקעווער האָספּיטאַל.

זיינען זיי ביידע געקומען אין קראָקע, און דער פּראָפעסאָר האָט אויך דערקלערט אַז ביידע ליידען אויף איין קראַנקהייט, האָט מען גענומען איינעם, איהם געלייגט אויפ׳ן טיש און מען האָט איהם געריבען זיין פוס. ער האָט געמאַכט גרויסע קולות, שרעקליכע געשרייען פון וועהטאָג, מען האָט דעם אַנדערען נאָכדעם, אויך גענומען מאַכען די זעלבע רייבונג, און ער האָט געשוויגען אַזוי ווי אַלע מאָל. ווען ער איז אַראָפּ געגאַנגען פון טיש, פרעגט איהם דער דאָקטאָר, ווי אַזוי האָט ער זיך געקענט איינהאַלטען, אַז זיין חבר האָט אַזוי שטאַרק געשריגען.

— וואָס פאַרשטעהט איהר ניט? — זאָגט ער צום דאָקטאָר — אַז איך בין קליגער פון מיין חבר. ער האָט געגעבען אייך צו רייבען דעם קראַנקען פוס, האָט ער געשריגען פון וועהטאָג, אָבער איך בין קלוג, איך האָב אייך געגעבען צו רייבען דעם געזונטען פוס, רייבט וויפיל איהר ווילט, און מיר טהוט ניט וועה!...

---

## גוטע און שלעכטע שליחות

אין קראָקע איז אַמאָל געווען אַ מחלוקת וועגען אַ שמש, וועלכען מען האָט געוואָלט אַראָפּזעצען פון זיין אַמט און נעהמען אַ נייעם אויף זיין פּלאַץ. האָט די שטאָדט געוואָלט, אַז דער רב זאָל אויך מסכים זיין. האָט

זיך דער רב געשטעלט זאָגען א דרשה און האָט אָנגעהויבען מיט דיזע ווער־טער:

„פון א לאַנגע צייט איז מיר שווער געווען, צו פאַרשטעהן די געשיכטע פון דער עקדה. צו שחט'ן יצחק'ן האָט גאָט אַליין געהייסען, אָבער דערנאָך איהם ניט שחט'ן, האָט ער באַפוילען דורך א מלאך, פאַר וואָס האָט ער באַלד אין אָנפאַנג ניט געזאָגט דורך א מלאך?

„דער תירוץ איז, ווייל מיט אזא שליחות צו שחט'ן א מענש, וואָלט קיין מלאך ניט געוואָלט געהן. אָבער מיט א גוטער שליחות, איהם ניט צו שחט'ן, האָט דער מלאך געאיילט זיך אָנצוזאָגען. אזוי איז אויך, ווען מען וואָלט געקלערט מוסיף צו זיין דעם שמש אויף די שכירות, וואָלט איך געווען דער ערשטער מסכים צו זיין, אָבער צו שחט'ן א מענש און אוועקנעהמען ביי איהם די פרנסה, וועל איך בשום אופן ניט מסכים זיין"...

---

## ער האָט גערעדט פון היץ

א קאַרגער גביר איז שטאַרק קראַנק געוואָרען. ער איז געלעגען אין שטאַרקע היץ און די דאָקטוירים האָבען אויפגעגעבען זיין לעבען.

זיין ווייב און קינדער האָבען פון זייער־וועגען געהייסען זאָגען תהלים און צוטהיילט פופציג דאָלער אויף צדקה. דערנאָך האָט גאָט געהאָלפען און דער גביר איז געזונד געוואָרען.

ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון דעם גרויסען אומגליק, אז מען האָט א גאַנצן פופציגער צוטיילט אויף צדקה, איז ער געוואָרען אָן אָנגעצונ־דענער, האָט ער גענומען שרייען און בייזערען זיך, למאי מען האָט אָהן זיין וויסען אזא זאַך געטהון.

— וואָס הייסט? — האָט דאָס ווייב געזאָגט — דו אליין האָסט דאָך אונז געהייסען די סומע צוטיילען!

—איך האָב גערעדט פון היץ! — האָט ער געענטפערט — און דו האָסט מיר געגלויבט.

---

## די באַליידיגונג פון א פורים־רב

אין פריהערע צייטען איז געווען א מנהג, אויסצוקלייבען יעדעס יאָהר אויף פורים איינעם א לץ און איהם צו קרוינען אלס „פורים־רב". האָט עס אמאָל אין קראָקא פאַסירט, וואָס איינער אזא לץ האָט זיך אין זיין פורים'דיגער דרשה ערלויבט צו זאָגען, אז אזוי ווי ער קען בעסער לערנען פונ'ם רב, וואָלט מען איהם געדאַרפט אויפנעהמען אלס רב פאַר א גאַנץ יאָהר — און דעם רב פון דער שטאָדט וואָלט מען געדאַרפט מאַכען פאַר א „פורים־רב".

האָט מען דאָס באַלד דערצעהלט דעם רב און ער האָט דערפון געהאַט גרויס „חלישות הדעת". און ווען מען האָט דערנאָך דערמאָנט דעם „פורים־רב", וואָס ער האָט אין זיין „דרשה" געזאָגט, האָט ער זיך פאַרטיידיגט, אז ער איז געווען שכור און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס ער רעדט.

פון דעסטוועגען איז ער דאן תיכף געלאָפען, דעם רב איבערבעטען — און ער האָט איהם אויך געזאָגט דעמזעלבען תירוץ, אז ער איז געווען שכור און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס ער רעדט.

האָט דעם רב׳ס שמש אויף דעם געזאָגט: „גלויבט איהם נישט, רבי, אז ער האָט נישט געוואוסט, וואָס ער רעדט, ווייל וואָס עס איז ביי א ניכ־טערען אויף דער לונג, איז ביי א שכור אויף דער צונג.

— דאָס איז אָבער בלויז געזאָגט ביי א מענש — האָט דער רב געענט־פערט — נישט ביי א בהמה.

— ווי איז דאָס געמיינט? — האָט דער לץ געפרעגט.

— גאַנץ פשוט! — האָט דער רב געזאָגט — ווען דאָס באוואוסטע ווערטעל, אז „וואָס עס איז ביי א ניכטערען אויף דער לונג, איז ביי א שכור אויף דער צונג", וואָלט אויך שולט געווען ביי א בהמה, וואָלט מען נישט געדאַרפט האָבען קיין „בדיקת הריאה", ווייל עס וואָלט געווען גענוג, צו געבען דער בהמה א ביסעל בראַנפען אויף דער צונג, וואָלט מען שוין געוואוסט, וואָס עס טוט זיך ביי איהר אויף דער לונג...

---

# אַלט-נייע גלייכווערטלעך

זיי ניט צו־זיס, כדי מען זאָל דיך ניט אויפעסען; זיי ניט צו־ביטער, כדי מען זאָל דיך נישט אויסשפייען.

* * *

גאוה ליגט אין מיסט, ווער עס וויל קען עס נעהמען אומזיסט.

* * *

שכל, איינזעהעניש און חרטה קומען אַלע מאָל צו שפעט.

* * *

דער בעסטער פערד דאַרף האָבען א רייטער, דער קליגסטער דאַרף האָ־בען אן עצה און די פרומסטע פרוי דאַרף האָבען א מאַן.

* * *

מיט פרעמדע צייהן קען מען ניט קייען און מיט פרעמדען שכל קען מען ניט לעבען.

* * *

מקיים זיין די מצוה פון הכנסת אורחים מיט צופרידענהייט קען נור א בעל אכסניא.

* * *

א סך מענשען ווערען שפיציג ווען זיי קריגען אריין די „קיילעכדיגע".

* * *

די צונג פיהרט דעם מענשען צום גליק און צום אומגליק.

* * *

**פאַלשע פריינד זענען ווי די וואנדער־פייגעל, וועלכע קומען נאָר צו פליהען אין דער גוטער צייט און אין דער שלעכטער צייט פליהען זיי אוועק.**

* * *

**מוטה איז די קראַפט פונ׳ם שוואכען.**

# חלומות

אי אפשר לחלום בלא דברים בטלים (ברכות דף נ״ה עמוד א׳).

א גאנץ באזונדערע שפראך האבען חלומות — און עס איז פשוט א סגולה פאר דער נשמה, צו גריבלען זיך אין זיי, אין די חלומות הייסט עס. חלומות מאכען פארגעסען די ווירקליכקייט. שטומע ווערען אין חלום ריי־דעוודיג און נאראנים פארוואנדלען זיך אין קלוגע. ביי חיות און בהמות קו־מען אויך פאר אזעלכע חלומות. קען זיך אמאל א פערד חלומ׳ען, אז ער איז א מענש. שטעלט ער זיך דאן אוועק אין דער פאזע פון א „בן־אדם״, נעמט זיך א פעדער הינטער׳ן אויער און ווערט א שרייבער.

חלומות זיינען עראינערונגס־בילדער פון איינצעלנע לעבענס־עפיזאדען, וועלכע לאזען זיך איבערדערצעהלען. אט אזא „עפיגראם״ וואלט גוט געווען, צו געבען אלס א „ציטאט״ אויפ׳ן נאמען פון א גרויסען שריפטשטעלער, ווען איך וואלט געדענקט, ווער עס האט דאס אמאל געזאגט, אדער צי עס האט דאס אימיצער איבערהויפט אמאל געזאגט.

ס׳איז אויך שווער צו וויסען די אורזאך, פארוואס עס האבען זיך גראד געוויסע שטיקער חלומות ארויסגעשיילט פון אונזער זכרון און נישט קיין אנדערע, ווייל עס איז דאס נאך קיינער נישט דערגאנגען, און וואס עס איז וועגען דעם געזאגט געווארען ביז היינט, איז נישט מעהר ווי פוסטע השערות.

נישט תמיד איז די באזונדערע לעבהאפטיגקייט אדער דייטליכקייט פון א חלום די אורזאך, וואס מיר דערמאנען זיך אן דעם אויפ׳ן וואהר, ווייל אפטמאל ווייזען זיך אונז חלומות, וועלכע האבען כמעט גאר נישט קיין זין. צום מיסטישען געגייגטע פערזאנען זעהען חלומות, וואס זיינען אין איינ־קלאנג מיט זייערע פאנטאזיעס און נישט מיט דער אלטעגליכקייט פון זייער לעבען. פון דאנען קומט אויך דאס אויסטייטשען פון יעדען טרוים, ווייל מען זוכט געוועהנליך דעם באטייט פונ׳ם חלום אין זיין באציהונג צום לעבען אויפ׳ן וואהר.

ווי באלד מיר הויבען אן חלומ׳ען, הויבט זיך אן א שפיעל פון א צוויי־טען לעבען, וועלכעס איז א פאלגע פון דעם, וואס אונזערע דענק־געוואוינ־הייטען האבען זיך פלוצים געלאקערט און עס ווערט איבערגעריסען די פאר־קניפונג פון ארט און צייט. א פאנטאזיע א קראנקהאפטע ארבייט דאן אינ׳ם מענשליכען מוח מיט אוממעגליכע אילוזיעס, קען זיך יעדען בהמה׳וואטע „עובר־בטל״ אויסדאכטען, אז ער איז נאך נישט קיין „ליטעראַרישער נפטר״, נעמט זיך ויזתא שרייבען היסטארישע שטודיען און שמעריל מארודניק האלט זיך נאך אלץ פאר א ווארט־פיהרער אין דער אידישער גאס.

די וועלט, וועלכע שלאפט נישט, האבען מיר אלע בשותפות. אבער די וועלט פון חלומות האט יעדער פאר זיך — און אינ׳ם לעבען פון די חלומות באווייזט זיך יעדע זאך אין א משונה׳דיגער צורה.

צומאל איז דער חלום פון א מענשען ווי א פראטעסט געגען די לעס־טינע קייטען, וואס באשרענקען אונזער פרייהייט. אפענבארט זיך דאמאלס דער „בעל החלומות״ אין זיין אמת׳ן כאראקטער. און האט אימיצער שרעק־ליכע חלומות, איז נאך געגען דעם נישט אויסגעפונען קיין מיטעל — און

עס איז בלויז פאראן איין טרייסט, אז מענשען טרוימען פון שרעקליכקייטען, ווייל יעדער חלומ'ט זיך אליין, זיין אייגענעם „איך", אזוי ווי ער איז אין דער נאקעטער ווירקליכקייט, אהן אן איינהיל און אהן א מאסקע.

פאראנען חלומות, וואס ווידערהאלען זיך. איז דאס דער בעסטער סימן, אז דער „בעל החלומות" טרוימט פון די דאזיגע זאכען אויפ'ן וואהר. אנדערע חלומות זיינען אזעלכע, וואס ווען מיר הערען זיי דערצעהלען, וויל זיך יעדען פון אונז א זאג טהון: „אזא חלום וואלט איך נישט געקענט האבען!" — זאגט זיך דאס אבער אפטמאל מעהר אין א טאן פון באדויערען איידער פון צופרידענהייט.

אונזער פאנטאזיע אין חלום געהט פיעל ווייטער ווי אונזער איינביל־דונגס־קראפט אויפ'ן וואהר. טרעפט זיך דאדורך זעהר אפט, וואס דער חלום ברענגט אין א נאהנטער באציהונג אזעלכע זאכען, וואס קלעפען זיך נישט. אויפ'ן וואהר קענען אונז אויך אמאל איינפאלען אומזיניגע געדאנקען. האבען מיר אבער דאמאלס די קאנטראלע איבער'ן מוח מיט אלע זיינע פארלאנגען און ליידענשאפטען. ווילען דערפאר מאנכע באהויפטען, אז דער טרוים איז ווי א דערפרישונג פאר דער געבונדענער פאנטאזיע, וואו עס ווערען אלע בילדער פונ'ם לעבען דורכאנאנדער־געווארפען און די שטענדיגע ערנסטהאפ־טיגקייט ווערט פארוואנדעלט אין א פרעהליכען קינדער־שפיעל.

---

## זי וויל פרובירען איהר מזל

א יונגע פרוי האט זיך אנגעזעצט אויף איהר מאן, ער זאל ארויס־נעהמען אן „אינשורענס פאליסי". יעדעס מאל פלעגט זי איהם אויפוואר־פען, אז ער איז א גרויסער עגאאיסט, ער זארגט ניט פאר איהר, טאמער וועט מיט איהם עפעס פאסירען. דערביי האט זי איהם אנגעוויזען אויף איהרע חבר'טעס, וואס זייערע מענער זיינען פאראינשורט.

— אבער — האט ער זיך פרובירט ארויסדרעהען — וואס האבען זיי פון דעם? זיי צאהלען און צאהלען און האבען גארניט פון דעם.

— ווער ווייס? — האט זי געענטפערט — אפשר וועל איך האבען א בעסערען מזל פון זיי...

---

## גוי'אישע ליוב-ווערטער פאר'ן אידישען פאלק

ערצבישאף דר. פאולהאבער פון מינכען האט אין דער צייט פון דעם שטארקסטען נאצישען אנטיסעמיטיזם געהאלטען א רעדע, וועלכע וואלט גע־דארפט פארשפרייט ווערען צווישען אידען אפשר מעהר ווי צווישען גויים.

די געשיכטע — האט דער ערצבישאף געזאגט אין זיין רעדע — לערנט אונז, אז גאט האט תמיד באשטראפט די פייניגער פון זיין אויס־דערוועהלט פאלק, פון די אידען... דער גאט פון ישראל האט דעם דרייסיגסטען יוני געשיקט א שטראף נעגען א טייל פון זיינע פייניגער. שעצען דארפען מיר די אידען, וועלכע האבען געגעבען דער וועלט דאס גרעסטע און טייערסטע געשענק — די ביבעל... מיט האס און רדיפות וועלען מיר דאס דאזיגע אלטע און עלטעסטע פאלק נישט אויסראטען...

קלערט־אויף אייערע ברידער, אז ראסען־האס איז א ווילד געוויקס אין אונ־זער לעבען. דערצעהלט אייער הויז־געזינד, ווער עס זיינען די אידען. ראָט־אויס דעם שרעקליכען אוממענשליכען פאָראורטייל געגען דעם אייביג־לייד־דענדען פאָלק. טהוט תשובה, אויב איהר האָט ווען עס איז שלעכטס געטהון צו גאָט׳ס פאָלק די אידען !...״

נישט בלויז די גויים, נור אויך אידען וואָלטען זיך געמעגט איינהערען און איבערנעהמען מיט די דאָזיגע ווערטער, מען וואָלט זיי גאַנץ דרייסט געמעגט פאַרלייענען אין די שוהלען, וויל אונזער אומגליק איז, וואָס נישט נור מיר ווערען געהאסט פון פרעמדע, נור מיר ווערען אויך געהאסט פון זיך אליין. אידען אליין זיינען דורכגענומען וועגען זיך מיט א געפיהל פון מינדערווערטיגקייט, פון שפלים ונבזים, גלויבענדיג טיילמאָל ווירקליך, אז „אשמנו מכל עם בושנו מכל דור״. אמווינציגסטען האָבען אידען רעס־פעקט פאר אידען. עס זיינען פאראן — האָט אמאָל געזאָגט איינער פון אונזערע גדולים—צווייערליי מיני ענוות. פאראן אזא מין ענוות, וואָס דער מענש קומט צו דער מיינונג, אז מיר האָבען זיך נישט וואָס גרויס צו האלטען, אז מיר אַלע זיינען גאַרנישט, איך בין גאַרנישט און יענער איז גאַרנישט, און פאראן דאנעגען א צווייטע מדרגה פון ענוות, וואָס דער מענש טראַכט זיך, אז יעדער איינער האָט עפּעס א ווערט, נור ער אליין האָט קיין ווערט נישט... מיר, אידען, זיינען שוין צוגעקומען צו דער דאָזיגער צווייטער מדרגה, ווען מיט׳ן מויל זאָגען מיר טאקע „אתה בחרתנו״, אָבער אין הארצען טראַכטען מיר גאָר אַנדערש. פאר אַלעמען האָבען מיר דרך־ארץ א חוץ פאר זיך אליין, וועלכע מיר זיינען מבטל בתכלית הביטול.

עס שאַדט אַלזאָ נישט אויסצוהערען און צו פארטראַכטען זיך איבער די ווערטער פון א דר. פאולהאבער, דורך וועלכע מיר אַליין זאָלען אָנהויבען באַקומען א בעסערע מיינונג וועגען אידישען פאָלק.

---

## א „נאמן״ איז אויך א קרענק

איינער א נביר, וואָס האָט געפיהרט גרויסע געשעפטען און האָט אויך געהאַלטען ביי זיך עטליכע „נאמנים״, איז פּלוצים קראַנק געוואָרען און וועהרענד זיין קראַנקהייט זיינען די געשעפטען זיינע שטארק געפאַלען, דער־נאָך האָבען איהם די „נאמנים״ באַ׳גנב׳עט און ער איז בדיל הדל געוואָרען. פלעגט ער דאַן זאָגען : „מחליים רעים ונאמנים דליתנו״, פון בייזע קראַנק־הייטען און פון נאמנים בין איך בדלות געוואָרען...

---

## שמשים ברענגען נישט צום ציעל

צו ר׳ שלמה קלוגער, וועלכער איז געווען ראש־בית־דין און מגיד אין בראָד, איז אמאָל געקומען א רב אין באַזוך אין באַגלייטונג פון צוויי שמשים. האָט ר׳ שלמה קלוגער יענעם רב געפרעגט וועגען די באַגלייטערס, האָט איהם דער רב געענטפערט, אז דאָס זיינען מענשען, וואָס באַגלייטען איהם שטענדיג וואו ער געהט.

האָט דאָן ר׳ שלמה קלוגער אַ זאָג געטהון:

איהר געדענקט דאָך אודאי, וואָס דער פסוק דערצעהלט וועגען אברהם אבינו, אַז ווען ער האָט געפיהרט יצחק׳ן צו דער עקדה, האָט ער מיט זיך מיטגענומען „שני נערים״, צוויי שמשים, וואָס זאָלען איהם באַדינען, דערפאַר שטעהט ווייטער „וירא את המקום מרחוק״, ער האָט דערזעהן, אַז דער אויבערשטער איז פון וויטען, ווייל דער איבערשטער האָט פיינט מענשען, וואָס דאַרפען האָבען שמשים. און ערשט שפּעטער, ווען ער האָט איבערגעלאָזען זיינע שמשים צוזאַמען מיט די אייזלען, איז ער צוגעקומען צו יענעם אָרט, וואו די שכינה האָט גערוהט...

---

# לשם שבו ואחלמה

איינעם אַ גביר האָט מען אַמאָל גערעדט אַ שדוך פאַר זיין טאָכטער אַ יונגען מאַן, אַ למדן און אַ מושלם און דער שדוך האָט שוין געהאַלטען ביי געשלאָסען ווערען, איז מען פלוצים געוואָהר געוואָרען, אַז דער חתן־בחור האָט אַן עלטערען ברודער אַ מופקר. האָט שוין יענער גביר מורא באַקומען, צו טהון דעם שדוך, טאָמער וועט דער חתן־בחור אויך נתפקר ווערען.

האָט דער שדכן געגעבען אַן עצה, מען זאָל געהן פרעגען דעם קראָקאָווער רב — און ווי אַזוי ער וועט הייסען טהון, זאָל מען פאָלגען.

איז די דאָזיגע עצה דעם מחותן זעהר געפעלען געוואָרען. און אַזוי ווי מען האָט פאָרגעלייגט דעם קראָקאָ׳ווער רב די שאלה, האָט ער תיכף ארויסגענומען אַ חומש שמות און ער האָט דעם מחותן געוויזען דעם פסוק „לשם שבו ואחלמה״. און ווען דער מחותן האָט לכתחלה נישט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ שייכות עס האָט דער דאָזיגער פסוק צו זיין שאלה, האָט דער רב נעזאָגט: „לשם שבו, צוליעב דעם וואָס דער בחור אליין פאַרמאָגט, טהוט מען אַ שדוך, ואח־למה, טאַ צו־וואָס דאַרף מען קוקען, ווער דעם חתן׳ס ברודער איז?״...

---

# געדאַנקען־שפּריצלעך

קיינער האַלט נישט אַזוי פון אַ „שלעכט אויג״ ווי אַן אויגען־דאָקטאָר.

* * *

ווען חרבונה וואָלט נישט געוועזען „איינער פון די סריסים״, וואָלט מען איהם חושד געוועזען אַז ר׳האָט זיך געליעבט מיט זרש׳ן, האָט ער געוואָלט פון המן פטור ווערען.

* * *

ווען מען זאָל צופּאַסען קליידער צו די נשמות, וואָלטען מיר אפשר נעהאַט די קלענסטע מלבושים.

* * *

**אַ איד איז ערגער, ווי אַ הושענא. אַ הושענא שלאָגט מען אָב און מען לאָזט זי איבער אויפ׳ן אָרט, און אַ איד שלאָגט מען, און דערנאָך טרייבט מען איהם אַרויס.**

# אין אַ זומערדיגען פאַרנאַכט

איך קוק פאַרפרומט אַרויף צום הימעל,
ווען אין אַ זומערדיגען פאַרנאַכט —
עס מאָהלט אַ הערליך בילד זיך אויבען,
אַ בילד פון שעהנסטער פאַרבען־פּראַכט.

אַ וואונדערליכע פּאַנאָראַמאַ — — —
האַרמאָניע הערשט אין אַלעם אַרום;
די גאַנצע וועלט ווי אַ געזאַנג איז —
און ערד און הימעל האָרכען שטום.

---

## אַ מענש מיט קלענערע עברות

פאַר איינעם אַ יונגען רב האָט מען פאָרגעשלאָגען צוויי רבנות׳ן, איינע אין אַ גרעסערער שטאָדט און איינע אין אַ קלענערער שטאָדט, האָט ער אויסגעקליבען דאָס רבנות אין דער קלענערער שטאָדט, און ווען מען האָט איהם געפרעגט, צוליעב וואָס ער האָט דאָס געטהון, האָט ער געענטפערט, אַז אַזוי ווי איינער איז עולה לגדולה, איז איהם דער אויבערשטער מוחל זיינע זינד, דאַרפען געוועהנליך די זינד זיין לויט דער שטאָדט. איז אַזוי ווי ער פיהלט, אַז ער האָט נאָך יעצט ווייניג זינד, האָט ער ליבערשט אויס־געקליבען דאָס רבנות אין אַ קלענערער שטאָדט.

---

## שמוציגע ווערטער זיינען ערגער פון שמוציגע הענד

איינער אַ גביר אַ גרויסער תלמיד־חכם און אַ מוסמך להוראה האָט בשום אופן נישט געוואָלט ווערען קיין רב. האָבען זיך אָבער די מענשען פון דער שטאָדט אָנגעזעצט אויף זיין פרוי און זיי האָבען זי באַוואויגען, זי זאָל צורעדען דעם מאַן איהרען, ער זאָל וועלען ווערען רב. האָט דאָס איהר דער מאַן פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט צוליעב טהון. האָט זיך אַמאָל אַזוי געמאַכט, אַז זי האָט צו׳ן איהם גערעדט אַ גאַנצע שעה וועגען דער רבנות, האָט ער שוין נישט געקענט לענגער אויסהאַלטען איהרע רייד און ער האָט איהר געזאָגט: „אויב דו וועסט מיר קויפען אויף סוכות אַן אתרוג אַן אמת׳ן הדר, וועל איך אָננעמען די רבנות!”

האָט די פרוי אָוועקגעשריבען אַ בריעף צו׳ן אַ גרויסען סוחר פון אתרוגים אין טריעסט, ער זאָל איהר צושיקען אַן אתרוג אַ הדר, וואָס זיינס־גלייכען זאָל נישט זיין צו געפינען אין גאַנצען לאַנד, ער מעג קאָסטען ווי פיעל, וועט וועגען דעם פּרייז נישט זיין קיין מניעה. האָט איהר דער אתרוגים־סוחר געשיקט אַן אתרוג, וואָס אַלע מענשען פון דער שטאָדט זיינען געלאָפען איהם באַוואונדערען — און דער מאַן איהרער האָט זיי אַלעמען געלאָזט אויף איהם בענשען.

און ווען עס איז דאָן אָנגעקומען דער טאָג פון הושענא־רבה, איז דער אתרוג שוין געווען אַזוי שוואַרץ ווי קויל. אַזוי ווי איטליכער האָט איהם געהאַלטען אין דער האַנד, האָט ער פאַרלוירען זיין מראה. האָט דער גביר צוגערופען זיין ווייב און ער האָט צו איהר געזאָגט: „קוק וואָס שמוציגע הענד האָבען געמאַכט פון מיין אתרוג! ווילסטו טאַקי, אַז שמוציגע מיילער זאָלען מיך האַלטען צווישען זייערע ציינער, ווען איך וועל זיין ביי זיי אַ רב? לאָז מיך אַלזאָ אַזוי ווי איך בין און דאַנק גאָט, וואָס איך נויטיג זיך נישט, אַז די שמוציגע מיילער זאָלען זאָגען זייער מבינות וועגען מיר!"...

---

## וועגען שחיטת עופות

אין אַ שמועס צווישען רבנים וועגען דעם דין פון שחיטת עופות איז אויסגעקומען צו ריידען, אַז שחיטת עופות איז מדרבנן, ווייל „וזבחת ואכלת" שטעהט נור ביי בהמות. האָט זיך איינער אַן עם־הארץ אָפּגערופען: „ס'איז דאָך אַ בפירוש'ער פסוק אין דער תורה, אַז דאָס פלייש פון עופות רעכענט זיך נישט אַלס פלייש" — און ווען עס האָבען זיך די רבנים איינער דעם אַנדערן פאַרוואונדערט אָנגעקוקט, האָט יענער פאַרשווין צוגעגעבען: „איהר האָט שוין פאַרגעסען, וואָס דער פסוק זאָגט: „ואת הצפור לא בתר", וועלכעס מיינט, אַז פויגעל־פלייש איז נישט קיין פלייש!"...

---

## די נייעסטע געאָלאָגישע מיינונגען געפינען זיך אין מדרש

עס לערנט אונז די מאָדערנע געאָלאָגיע (פאָרשונג וועגען דער אַנטשטעהונג און אַנטוויקלונג פון דער ערד), אַז אונזער ערד איז נישט באַשאַפען געוואָרען אין ששת ימי בראשית גלייך, אַזוי ווי זי איז איצט, נאָר זי איז דורכגעגאַנגען גאַנצע עפּאָכעס פון אַנטוויקלונג און אויך פון איבערקערענישען. אויף דער ערד זיינען שוין געווען פאַר אונז גאַנצע עפּאָכעס מיט די פאַרשידענסטע באַשעפענישען, און דאָס אַלעס איז אונטערגעגאַנגען. די דאָזיגע לעהרע פון געאָלאָגיע איז די סאַמע מאָדערנסטע און איז אַנטשטאַנען ערשט אין די לעצטע 150 יאָהר.

איז עס אַ פאַקט, אַז די דאָזיגע מאָדערנע געאָלאָגישע שיטה איז שוין פאַראַן אין מדרש בראשית־רבה אויפ'ן פסוק „ויהי ערב ויהי בקר", זאָגט דאָרט רבי אבהו, אַז „הקדוש ברוך הוא בורא עולמות ומחריבן, דין הניין לי ויתהון לא הניין לי" (גאָט האָט באַשאַפען פאַרשידענע וועלטען און האָט זיי חרוב געמאַכט, זאָגענדיג, אַז די געפעלען איהם נישט און די געפעלען איהם יאָ, ביז עס איז אַנטשטאַנען אונזער ערד).

שרייבט וועגען דעם דער באַריהמטער גאון ר' ישראל ליפשיץ, מחבר פון „תפארת ישראל" (צום סוף פון פירוש משניות אויף סדר נזיקין), אַז דער געדאַנק פון דעם דאָזיגען מדרש איז קלאָר, אַז דאָס מיינט מען, וואָס אונזער ערד האָט דורכגעמאַכט פאַרשידענע עפּאָכען און פאַרענדערונגען, און אַז דאָס האָט געדויערט מיליאָנען יאָהרען.

# דעם יאכמיסטרישטשער מגיד׳ס דרשות

## פון וואַנען ער האָט זיי גענומען געהט אונז נישט אָן ....

**השמרו לכם פן תשכחו וכו׳ ועשיתם לכם פסל תמונת כל אשר צוך ה׳ אלהיך . . .**

איהר זאָלט נישט איינוויקלען די שמד׳קייט אין דער יראה. איהר זאָלט אויך נישט מאַכען קיין „פסל תמונת כל״, און דערביי זיך נאָך באַמיהען צו באַווייזען — „אשר צוך ה׳ אלהיך״, אז עס איז גאָר א מצוה, אז דער אויבערשטער אַליין האָט אַזוי געהייסען . . .

* * *

**ואהבת את ה׳ אלהיך . . .**

רבי יהודה צבי פון סטרעטין (אַ תלמיד פון רבי אורי סטרעליסקער) איז געווען מפורסם אַלס בעל-סגולות. איינמאָל איז געקומען צו איהם אַ חסיד מיט אַ בקשה, ער זאָל איהם געבען אַ סגולה צו אהבת־השם.

דאָס איז אַ גאַנץ לייכטע זאַך — האָט איהם רבי יהודה צבי געענט־פערט — די סגולה צו אהבת־שמים איז אהבת־ישראל . . .

* * *

**וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך . . .**

„על מזוזות ביתך״ — כדי דער אָרימאַן, וואָס וועט איבערטרעטען דיין שוועל, זאָל זעהן די אויפשריפט „ה׳ אלהינו ה׳ אחר״, אַז דיין גאָט איז אויך זיין גאָט און זיין באַשעפער און ער מעג דעריבער דרייסט אַריינגעהן צו דיר און פאַרלאַנגען, דו זאָלסט איהם העלפען און אונטערשטיצען . . .

* * *

**השמר לך פן תשכח את ה׳ . . .**

דער „השמר לך פן תשכח״ איז געזאָגט געוואָרען נאָכ׳ן „ובתים מלאים כל טוב אשר לא מלאת״, אויף די, וועלכע זיינען נתעלה געוואָרען און האָבען זיך ערוואָרבען אַ פאַרמעגען אומגעריכט, ווייל אַממעהרסטען האָבען אַ טבע צו פאַרגעסען די אויפגעקומענע גבירים . . .

* * *

**את ה׳ אלהיך תירא**

„שמעון העמסוני וכו׳ היה דורש כל אתין שבתורה וכו׳ עד שבא רבי עקיבא ולימד את ה׳ אלהיך תירא, לרבות תלמידי חכמים״ (בבא קמא דף מ״א).

מיט׳ן דאָזיגען דרוש האָט ר׳ עקיבא געמיינט צו מוסר׳ן זיינע איי־גענע תלמידים, ווי עס דערצעהלען די חז״ל (יבמות ס״ב), לא נהגו כבוד זה בזה, האָט ער זיך דעריבער געווענדעט צו זיי און געזאָגט: „את ה׳ אלהיך תירא לרבות תלמידי חכמים״, אַז נישט נאָר אַן עם־הארץ, נאָר אויך די תלמידי־חכמים אַליין דאַרפען דרך־ארץ האָבען און נוהג כבוד זיין איינער דעם צווייטען . . .

## די שיטה פון קאָפּערניקוס אין אונזערע אַלטע ספרים

די אַנטדעקונג פון דעם באַוואוסטען אַסטראָנאָם קאָפּערניקוס, אַז אונ־זער ערד מיט אַלע אַנדערע פּלאַנעטען דרעהען זיך ארום דער זון און אַז די ערד דרעהט זיך ארום איהר אַקס, איז געווען די גרעסטע אַנטדעקונג פון דער מאָדערנער וויסענשאַפט. און זי האָט ארויסגערופען אַן איבערקערעניש נישט בלויז אין דער אַסטראָנאָמיע און פיזיק און אַ רייהע אַנדערע וויסענ־שאַפטען, נאָר אויך אין אונזער גאַנצער וועלט־אויפפאַסונג, אין אונזערע באַ־גריפען.

איז אַ פאַקט, אַז אין דעם הייליגסטען קבלה־ספר זהר (ויקרא י׳) איז פאַראַן גאַנץ דייטליך: „כל ישובא מתגלגלא בעיגולא ככדור אילין לתתא ואילין לעילא״. דאָס הייסט, אַז די ערד דרעהט זיך ארום זיך ווי אַ באַל. ווען מען זאָל אפילו אָננעמען די קריטישע מיינונג, אַז דער זוהר שטאַמט נישט פון די צייטען פון דער גמרא, איז קלאָר, אַז דאָס איז געשריבען געוואָרען פאַר קאָפּערניקוס, וועלכער האָט געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון 15טען יאָהרהונדערט — מיט העכער 200 יאָהר יאָהר שפּעטער פון דעם זוהר.

איבריגענס, איז זיכער, אַז די דאָזיגע ווערטער פון זוהר זיינען אַ פּראָג־מענט פון גאָר אַלטע אידישע פילאָזאָפישע ספרים, וואָס שטאַמען פון דער גמרא׳ס צייטען, און אפשר נאָך פון פריהער.

עס איז אויך צו באַמערקען, אַז אין דעמזעלבען אָרט אין זוהר ווערט געזאָגט, אַז אויף דער ערד זיינען פאַראַן ערטער, וואו עס איז טיילמאָל בלויז טאָג און טיילמאָל איז בלויז נאַכט, ווי עס איז אין ווירקליכקייט אין די געגענדען פון נאָרד־פּאָל און זיד־פּאָל, וואָס זיינען אין יענע צייטען פון זוהר און גמרא גאָר נישט באַקאַנט געווען צו דער וויסענשאַפטליכער וועלט.

---

## וויפיל שטערען זיינען פאַראַן אויפ׳ן הימעל?

שוין לאַנג צוריק, אין די גאָר אַלטע צייטען, האָט מען פּראָבירט איבער־צעהלען די שטערען, וואָס מיר זעהען אויפ׳ן הימעל מיט אונזער מענשליך אויג. געוועהנליך, איז זייער צאָהל נישט מעהר ווי עטוואָס העכער פון 3,000; דער, וואָס האָט גאָר גוטע אויגען, קען אָפּצעהלען איבער 4 טוי־זענד, אָבער נישט מעהר. ערשט ווען מען האָט אַנטדעקט דעם טעלעסקאָפּ, האָט מען אָנגעהויבען זעהן מעהר שטערען, וואָס האָבען שוין דערגרייכט אין די צעהנדליגער טויזענדער. וואָס בעסערע טעלעסקאָפּען מען האָט געמאַכט, אַלץ מעהר שטערען האָט מען געזעהן מיט דער הילף פון די דאָזיגע גלעזער. מיט די סאַמע נייעסטע ריזיגע טעלעסקאָפּען האָט מען אויסגעפונען אויסער־געוועהנליכע ווייטע שטערען, זאָגאָר ווייטע נעבעל־פלעקען, וואָס זיינען אַ זאַמלונג פון שטערען, און זייער צאָהל, וואָס מען זעהט שוין איצט דורך די טעלעסקאָפּען, דערגעהט אין די ביליאָנען.

דאַרף מען דאַדורך באַמערקען, אַז שוין אין די צייטען פון דער גמרא, ווען אַלע אַסטראָנאָמען האָבען געוואוסט נאָר פון עטליכע טויזענד שטערען, האָבען די אידישע חכמים אָנגעגעבען אַן אויסערגעוועהנליך גרויסע צאָהל שטערען אויפ׳ן הימעל. די גמרא (ברכות דף ל״ב עמוד ב׳) זאָגט, אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפען צוועלף מזלות און יעדער מזל האָט דרייסיג

חילות און יעדער חיל האָט דרייסיג לעגיאָנען און יעדער לעגיאָן האָט דריי־סיג ראָטעס און יעדע ראָטע האָט דרייסיג רעגימענטען און לויט דער צאָהל פון יעדען רעגימענט געפינט זיך אויפ'ן הימעל 365 טויזענד מאָל צעהנ־טויזענד שטערען, וועלכעס צעהלט שוין אין די ביליאָנען.

האנדעלט זיך דאָ נישט, צי די דאָזיגע צאָהל איז גענוי ריכטיג, אָבער עס איז קלאָר פון דאָרט צו זעהן, אז נישט קוקענדיג דערויף, וואָס מיט'ן בלויזען אויג האָט מען דאמאָלס געזעהען שטערען נישט מעהר ווי א פּאָר טויזענד, האָבען שוין די אידישע חכמים געוואוסט, אז די ריכטיגע צאָהל דערגרייכט אין די ביליאָנען מאָל אזוי פיעל, און האָבען אזוי ארום געהאט דאָס קלאָרע בילד פון דער מאַיעסטעטישער גרויסקייט פונ'ם קאָסמאָס, פון דער גאַנצער וועלט, געגען וועלכער אונזער ערדעלע איז א גאָרנישט מיט גאָר־נישט. מען דאַרף אויך וויסען, אז די חכמים פון דער גמרא האָבען געוואוסט אָפּצושאַצען די גרויסקייט פון א שטערען און האָבען נישט געמיינט, אז א שטערען איז עפּיס א קליין פינטעלע. די גמרא (פּסחים דף צ"ד) זאָגט: „כל הישוב כולו תחת כוכב אחד הוא עומד" (די גאַנצע ערד געפינט זיך אונטער איין שטערן).

---

# אַלט-נייע גלייכווערטלאַך

גליקליך זיין אויף די עלטערע יאָהרען, איז גלייך ווי א שעהן וועטער אין צייט פון הערבסט.

* * *

דאָס גליק איז דער אמת'ער פּרוביר־שטיין פון א מעשענ'ס ווערטה אָדער זיין ווערטהלאָזיגקייט.

* * *

אויב איינער ארבייט ניט, מוז זיין איינער, וואָס ארבייט צופיעל. אויב איינער איז צו זאַט, מוז זיין איינער וואָס איז הונגעריג.

* * *

אז וועה איז צו דעם מאַן וואָס פאַרלאָזט זיך אז זיינע קינדער וועלען איהם העלפען.

* * *

האלט זיך פעסט אין דיין אַלטער רעליגיאָן און אין דיינע אַלטע פריינד.

* * *

דער טויט היילט אויס אַלע קראַנקהייטען.

* * *

א וואָלף ענדערט זיין פעל, אָבער נישט זיין כאַראַקטער.

* * *

פאַרלוירענע שטונדען קען מען צוריק ניט כאַפּען.

* * *

אַפילו די פינגער ביי א מענשען זיינען ניט אַלע גלייך.

* * *

וועה איז צו דעם הויז, וואו קעץ און מייז זיינען גוטע פריינד.

# פאָלקס ליטעראַטור

פאַראַן ביי אונז אַ מאָדנע מין ליטעראַטור, וועלכע ווערט געוועהנליך אין אנדערע ליטעראַטורען באַצייכענט אַלס „שונד", איז זי אָבער זעהר נאָהנט צום געוועהנליכען פאָלקס־מענש, ווייל זי ווייסט ווי אזוי צוצוקומען צו די פּרימיטיווע מענשליכע געפיהלען מיט איהרע איבערטרייבונגען און גוזמאות, גלייך ווי מיט איהרע סענטימענטאַליטעטען און טרערען.

קען מען וועגען דעם אויסרעכענען פאַרשיעדענע אורזאַכען. — און די נאָהנטסטע אורזאַך איז: די בענקשאַפט פון יעדען יחיד צו'ן אַ לעבען פון עשירות און גלאַנץ, וועלכעס איז דער פּועל־יוצא פון'ם מענשליכען באַגעהר צו התפעלות און יום־טוב'דיגקייט. ס'איז דאָס געפיהל, וועלכעס הייסט ד'ער פרוי, זי זאָל זיך אויספּוצען אין די שעהנסטע קליידער, וואָס זי פאַרמאָגט, צוצוציהען דעם חשק פון'ם מאַנסביל. ס'איז דער אינסטינקט, וואָס הייסט דעם ווילדען אָוועקגעבען די פעלעכער פון זיין געלעגער פאַר גלעזערנע פּאַ־טשערקעס. ס'איז דאָס געפיהל, וואָס ברענגט אַ קינד אין מיטן וויינען צו'ן אַ זינגען, לאַכען און פּאַטשען מיט די הענטלעך.

אָט די אזוי אָנגערופענע „פאָלקס־ליטעראַטור" פּאַסט זיך צו צום דאָ־זיגען באַגעהר פון'ם פּרימיטיווען לעזער, דערפאַר קומען פאָר אַלע איהרע האַנדלונגען אין רייכע הייזער אָדער גאָר אין קעניגליכע פּאַלאַצען, וואו עס שטראַהלען קרישטאָלענע סופיטען, וואו עס פינקלען באַגילדעטע ווענד און גלעזערנע שפּיגלען. אַלעס טונקט זיך אין אַ ים פון פאַרבען, און אַלעס וואָס ערשיינט פאַר די אויגען איז תמיד עפּיס אויסערגעוועהנליכעס. זייד איז נישט סתם זייד. צירונג איז תמיד דימענטען מיט ריזיגע ים־פּעריל. וויין איז שאַמפּאַניער און אַ פּשוט'ע פאַרווייליגונג איז אַ קעניגליכער באַל. אפילו אַ גאָרטען איז תמיד אַ לוסט־גאָרטען מיט נישט געזעהענע בוימער און פויגעל. תמיד איז עס עפּיס זעלטענעס, וואונדערליכעס, עפּיס „הימלישעס", צו וועלכען די נשמה גאַרט אַזוי, זיך אָנצוטרינקען דערמיט און פאַר'שכור'ן זיך.

פאַרשטעהט זיך, אַז אַזעלכע סיטואַציעס מוזען אויפ'ן פּשוט'ן, אומקרי־טישען לעזער שטאַרק ווירקען, ווייל עס גיט איהם די באַפרידיגונג פון אַזעל־כע ליידענשאַפטען, וואָס לעבען אין איהם פון זיין קינדהייט אָן. אָט אַזעלכע סיטואַציעס פיהרען איהם אריין אין אַ ווירקליכקייט, אין וועלכער ער קען אויף דער וואָהר קיינמאָל נישט אריינקומען, און שאַפען איהם די אילוזיע, ווי ער וואָלט זי פאָרט דערגרייכט, אפילו זיך אין איהר באַטייליגט.

דאָס צווייטע מיטעל, מיט וועלכען די פאָלקס־ליטעראַטור ווירקט אויפ'ן פּרימיטיווען לעזער, איז — די אַוואַנטורע. דאָס איז דער הונגער נאָך איינדרוקען, דער הונגער פון אונזערע געפיהלען נאָך טעטיגקייט און איבער־לעבונג, נאָך פרייער אַנטוויקלונג, גענוי ווי עס איז די שטרעבונג פון אונזערע קערפּערליכע איברים. דאָס איז אונזער באַגעהר, געריהמט און באַוואונ־דערט צו ווערען, באַליעבט און אויסדערוועהלט צו זיין. פון דאַנען נעמט זיך אויך אונזער פאַרעהרונג פאַר געוואַגטקייט, פאַר פיזישער קראַפט, פאַר מוט און פאַר נישט־געוועהנליכער קלוגשאַפט.

שטעלט דאָ אַוועק די פאָלקס־ליטעראַטור עפּיס אַן אויסערגעוועהנליכען

מענש מיט איבערנאַטירליכע פעהיגקייטען און דאָס ווייכסטע האַרץ פון דער וועלט. פאַר דער פאָלקס-ליטעראַטור איז עס אַלצאיינס, צי יענער מענש איז אַ גזלן אָדער אַ פאַרבאַרגענער אידעאַליסט. דער עיקר איז בלויז, אַז די מעשים פון יענע מענשען זאָלען זיין אויסערגעוועהנליכע, אַז אַלע זיינע ראַנגלעניִשען מיט דער נאַטור, מיט דער געזעלשאַפט, צי גאָר מיט דער פּאָ־ליציי, זאָלען זיין געוואַלדיגע, אַז זיי זאָלען קענען וועקען קנאה פאַר דעם מוט און קראַפט, פאַר דעם גייסט און קלוגשאַפט פון דעם העלד.

---

## ערשטער אייראָפּעער אויף אַמעריקאַנעם באָדען — אַ איד

לואיס דע טאָרעס איז געוועזן זיין נאָמען. ער איז אויך געוועזן דער ערשטער, וועלכער האָט געבראַכט טאַבעקאָ קיין אייראָפּאַ. אויסער דעם איז ער געוועזן דער ערשטער ווייסער מענש אין קיובאַ.

---

## שפּאַנישע מאַראַנען עסען חזיר-פליִיש אום יום-כיפּור

שפּאַנישע גויים, וואָס שטאַמען פון „מאַראַנען", האָבען אַ מנהג, אוועק צו זעצען זיך אין גאַס אום אידישען יום־כפּור און עסען עפענטליך פריש־געקאָכט חזיר־פליִיש, יעדער זאָל זעהן, אַז זיי האָבען נישט מעהר קיין שייכות צו אידען.

געבליבען ביי זיי איז דער דאָזיגער מנהג זייט יענער צייט, וואָס זיי האָבען זיך געמוזט אויסהיטען, מען זאָל זיי נישט חושד זיין, אַז זיי האַלטען נאָך אידישקייט.

---

## אַ משומד — אַ חסיד

לאַנדוי, וועלכער איז געוועזן אַ העברעאישער צענזאָר אין פּעטערסבורג און ער איז געוועזן גע'שמד'ט, פלעגט זיך יעדען שבת אריין־גנב'ענען אין פּעטערסבורגער חסידים־שטיבעל צו שלש־סעודות און פאַרברענגען דאָרט ביז נאָך הבדלה. דאַביי פלעגט ער זיך אויך באַטייליגען אין אַלע חסידישע שמועסען.

---

## אַ דראָהביטשער אידעל אַנטדעקט קעראָסין

שמואל קוהמערקער איז געוועזן זיין נאָמען. אין 1835 האָט ער גע־גראָבען אין זיינעם אַ שטיקעל פעלד, האָט דאַן פלוצים ארויסגעשפּריצט פון דער ערד עפּעס אַזאַ מין פעט וואַסער פון אַ טונקעל־שוואַרצער פאַרב, וועלכעם האָט זיך אַליין אָנגעצונדען און עס האָט געברענט ווי אויל.

## דער „סמבטיון" — אַן אמת

מאָדערנע רייזענדע האָבען געפונען אַ מערקווירדיגען טייך אין „לע־באַנאָניא", וועלכעס גרעניצט אָן ארץ־ישראל. דאָס לאַנד ווערט שוין זייט אריבער הונדערט יאָהר פאַרוואַלטעט אויטאָנאָם און עס איז באַוואוינט פון אראַבישע קריסטען. אַ איד איז דאָרט קיינמאָל נישט אהין־געקומען. ערשט לעצטענס זיינען דאָרט אָנגעקומען עטליכע איירָאָפּעאישע טוריסטען, דער־צעהלען זיי, אַז זיי האָבען דאָרט געפונען אַ טייך, וועלכער פליסט שטורמיש אַ גאַנצע וואָך און שבת פליסט ער שטיל. דער נאָמען פון אָט דעם טייך איז: סאַבאַטיאַן.

## דער „בליץ־אַפּלייטער" — אין דער גמרא

ווי באַוואוסט, איז דער גרויסער אַמעריקאַנער שטאַטסמאַן און געלערנ־טער בענדזשאַמין פראַנקלין געוועזען דער ערשטער, וואָס האָט וויסענשאַפטליך אויסגעפאָרשט די נאַטור פון בליץ, און ער איז דערגאַנגען, אַז דאָס איז די אויסלאָדונג פון עלעקטריע. האָט ער דעריבער געשאַפען דעם „בליץ־אַפּ־לייטער", וואו אַ שטיק אייזען ציהט־צו צו זיך דעם בליץ און שיצט אזוי־ארום די אַרומיגע זאַכען, אַז דער בליץ זאָל זיי נישט טרעפען. אויפ'ן גרונד פון דער דאָזיגער וויסענשאַפטליכער אַנטדעקונג זיינען געבויט אין אַלע הייזער די „בליץ־אַפּלייטערס" — דאָס זיינען די לאַנגע, שפּיציגע אייזענס, וואָס געפינען זיך אויף די דעכער פון די הייזער, און אין פאַל, ווען אַ בליץ טרעפט אין אַ הויז, פאַלט ער אריין אין דעם אייזען, און פון דאָרט — אין דער ערד.

קען מען דאָס זעהן דערצעהלט אין דער תוספתא פון מסכת שבת (פּרק ו'): „הנותנת ברזל בין האפרוחים מפני הרעמים ומפני הברק, הרי זה מותר, ואין בו משום דרכי האמורי" — דער טייטש דערפון איז, אַז מען מעג אַנידערלייגען אַן אייזען צווישען היהנער, כדי זיי צו שיצען געגען דונערען און בליצען, און עס הייסט נישט קיין „אַבערגלויבען" („דרכי אמורי"), ווייל דאָס איז באמת אַ שוץ.

פון דער דאָזיגער תוספתא איז קלאָר, אַז די חכמי התלמוד האָבען שוין געוואוסט פון דער אייגענשאַפט פון אייזען צו שיצען געגען אַ בליץ, — וואָס איז ערשט אַנטדעקט געוואָרען דורך בענדזשאַמין פראַנקלין.

עס איז אויך כדאי צוצוגעבען די פאָלגענדע באַמערקונג:

אין דער גמרא שבת (דף צ') איז פאַראַן, אַז אין בית־המקדש האָט מען אויפ'ן דאַך אריינגעבויט אַ שפּיציגען אייזען מיט'ן נאָמען „כליא עורב". צו וואָס דער שפּיציגער אייזען איז געוועזען, איז שווער צו ערקלערען. רש"י זאָגט דאָרט, אַז דאָס איז געוועזען, כדי פייגעל זאָלען זיך ניט ארויפזעצען אויפ'ן דאַך, אָבער אין דער גמרא (מועד קטן דף ט') איז צו זעהן, אַז דאָס איז געוועזען נאָר איין שפּיץ אייזען, גרויס פון אַן־אייל און האָט נישט צוגעדעקט דעם גאַנצען דאַך, — צו וואָס־זשע האָט ער גענוצט? דעריבער ווילען אַלזאָ געוויסע געלערנטע פאָרשער זאָגען, אַז שוין אין די גאָר אַלטע צייטען פון שלמה המלך האָבען די אידישע חכמים געוואוסט פון דעם בליץ־

אפליטער, און אז דער דאזיגער שפּיציגער אייזען, וואס מען האט אריינ־געבויט אויפ'ן דאך פון בית־המקדש, איז געווען דער בליץ־אפּלייטער צו שיצען די געביידע פון בית־המקדש געגען דונערען. דאס הייסט, אז די אנט־דעקונג פון בענדזשאמין פרענקלין איז שוין געווען באקאנט צו די אידישע חכמים מיט דריי טויזענד יאהר צוריק.

## פאסטעאור'ס אנטדעקונג אין דער גמרא

ביז מיט א יאהר 60 צוריק איז געווען א געוויסע קראנקהייט, געגען וועלכער די מעדיצין האט נישט געוואוסט קיין שום מיטעל. ווער עס איז אויף איהר קראנק געווארען, איז געשטארבען שנעל אין די שרעקליכסטע יסורים. דאס איז געווען די קראנקהייט, וואס איז ארויסגערופען געווארען, ווען א מענש איז געביסען געווארען פון א משוגע'נעם הונט, אדער פון אן אנדער משוגע'נער באשעפעניש. ערשט דער גרויסער פראנצויזישער מעדי־צין-פארשער, פאסטעאור, האט מיט עטליכע צעהנדליג יאהר צוריק אויסגע־פונען די טעאריע, אז אין דעם בלוט פון א משוגע'נעם הונט זעלבסט איז פאראן א געגען־גיפט, וואס ווירקט צו באזייטיגען די קראנקהייט, פאסטעאור האט אויסגעארבייט עקסטראקטען פון דעם בלוט פון א משוגע'נעם הונט און ער האט עס איינגעשפּריצט אין די קראנקע מענשען, וואס זיינען געביסען געווארען, און זיי זיינען ווירקליך אויסגעהיילט געווארען.

דאס דאזיגע מיטעל פון פאסטעאור איז געווען א רעטונג פאר דער מענשהייט.

איז דער הויפּט־געדאנק און די ערשטע וועג־ווייזונג צום דאזיגען מי־טעל פאראן אין דער גמרא.

ר' מתיא בן חרש זאגט אין דער משנה אין יומא (דף פ"ג): „מי שנשכו כלב שוטה מאכילין אותו מחצר כבד שלו", דאס הייסט, אז אויב איינער איז געביסען געווארען פון א משוגע'נעם הונט, מעג מען איהם גע־בען צו עסען דעם לעבער פון דעם משוגע'נעם הונט, כאטש דאס איז טריפה פלייש, ווייל דאס איז פאר איהם א רפואה.

מען דארף וויסען, אז די לעבער איז דער עקסטראקט פון בלוט, איז עס דערפאר קלאר, אז די חכמים פון דער גמרא האבען געוואוסט דעם געדאנק, אז אין בלוט פון א משוגע'נעם הונט איז פאראן דער געגען־גיפט און די ריכטיגע מעדיצין צו דער קראנקהייט.

דאס איז ווירקליך א רעטעניש, ווייל ווי די פארשער פון מעדיצין־גע־שיכטע שרייבען, איז אין קיינעם פון די אלטע גריכישע און רוימישע טעקסט־ביכער פון מעדיצין נישטא אפילו קיין ווארט וועגען אזא מיטעל געגען דעם ביס פון א משוגע'נעם הונט. עס איז נישטא אפילו די מינדעסטע אנווייזונג אויף דעם געגען־גיפט, וואס זאל זיך געפינען אין דעם בלוט פון דעם „קראנקהייט־ערוועקער", וואס דערויף שטיצט זיך די גאנצע מאדערנע מעדי־צין מיט אלע איהרע איינשפּריצונגס־מיטלען.

---

ווען מיר פיהלען זיך זעהר שוואך קערפּערליך, קענען מיר ערשט ווערען זעהר שטארק גייסטיג.

# מונקאַטשער חסידים ווילען ניט ר׳ יהודה הלוי׳ן

מונקאַטש איז אַ שטאָדט, וואָס איז פריהער געווען אונגאַריש, היינט איז זי טשעכאָסלאָוואַקיש, זיצט דאָרט אַ רבי מיט אַ גרויסען נאָמען, פון דער סאַמע „ערשטער קאַטעגאָריע״, מיט אַ ברייטער השפּעה אויפ׳ן אידי־שען לעבען אין זיין סביבה, אַ רבי, מיט וועלכען עס אינטערעסירען זיך זאָגאַר די פילם-געזעלשאַפטען. איז ער אַ פאַרביסענער שונא־ציון, און אַ חוץ זיינע אייגענע חסידים האָט ער פיינד אָהן אויסנאַהם אַלע אַנדערע אָרטאָדאָק־סישע אידען און אַלע מינים חסידים און רביים, וועלכע ער לייגט כסדר „אין חרם אריין״ און שעלט זיי אַלעמען מיט טויטע קללות. דאָס שעלטען איז ביים דאָזיגען רבי׳ן אַ ספּעציעלע עבודה, מיט וועלכער ער דינט דעם אוי־בערשטען ... יעדע תורה ביים שבת׳דיגען טיש און יעדע יום־טוב׳דיגע דרשה, ענדיגט זיך מיט פאַרשיידענע קללות אויף אידען, נאָך וועלכע דער עולם אַרום מוז ענטפערען הויך : אמן ! ... אַממעהרסטען אָבער ברענט דער דאָזיגער רבי מיט שנאה צו ארץ־ישראל, און צו לשון הקודש. און צוריק מיט עטליכע יאָהר האָט ער אמת זיך אָוועקגעלאָזט אָהין אויף אַ נסיעה, אָבער געטהון האָט ער דאָס, ערשטענס, כדי צו „באַקעמפען״ דעם ישוב מיט דער הילף פון זיינע קללות „אויפ׳ן אָרט״, במקום המעשה וועלען זיי אפשר זיין ווירקזאַמער. צווייטענס, האָט ער בלויז באַזוכט די קברים און מקומות הקדושים. און בשעת עס איז איהם אויסגעקומען אויפ׳ן וועג דורכצופאָהרען תל־אביב, האָט ער זיך אריינגעזעצט אין אַ פאַרמאַכטען אויטאָ אין וועלכען ער האָט פריהער געהייסען פאַרהענגען די פענסטערלעך, ער זאָל חלילה נישט אריינזאַפּען אין זיך דעם ריח און נישט אָנקוקען מיט זיינע אויגען דעם נייעם ישוב.

נאָך די בלוטיגע פּאָגראָמען אין ארץ־ישראל אין יאָהר 1929, בשעת עס זיינען געפאַלען צעהנדליגער אידישע קדושים, בשעת עס האָט געהאַלטען דערביי, אַז עס זאָל אַרויסגעגעבען ווערען אַ גזרה אָפּצושטעלען גענצליך די אידישע עליה קיין ארץ־ישראל, האָט דער מונקאַטשער געפּראַוועט אַ יום־טוב און אַרויסגעגעבען אַ „מאַניפעסט״, אין וועלכען עס ווערט מיטגעטיילט די „פרעהליכע בשורה״, אַז די „בעל־פּעור (באַלפור) דעקלאַראַציע״ ווערט אָפּגעשאַפט און ער האָט געענדיגט מיט די ווערטער : „זה היום עשה ה׳ נגילה ונשמחה בו״ ...

לעצטענס האָט דער מונקאַטשער רבי אונטערגענומען אַ מלחמה געגען ר׳ יהודה הלוי און חיים נחמן ביאַליק.

געווען אין מונקאַטש אַ גאַס מיט׳ן נאָמען „יהודה הלוי״ און אַ צוויי־טע גאַס מיט׳ן נאָמען „ביאַליק״. האָבען די דאָרטיגע קהלה־פאַרשטעהער, וועלכע באַשטעהען פון מונקאַטשער „מענשען״, זיך געווענדעט מיט אַ פּראָ־שעניע צום רעגירונגס־קאָמיסאַר פון דער מונקאַטשער שטאָדט־פאַרוואַלטונג, אַז דער נאָמען פון דער „יהודה הלוי גאַס״ זאָל געענדערט ווערען צוזאַמען מיט׳ן נאָמען פון דער „ביאַליק־גאַס״ — אויף דעם נאָמען פון אַ טשע-כישען פּאָליטיקער, אָדער אַ טשעכישען דיכטער.

ווערט דאָס באַגרינדעט מיט פאָלגענדע מאָטיווען : **די יהודה הלוי גאַס דאַרף אָפּגעשאַפט ווערען, ווייל „דער נאָמען פון יהודה הלוי פאַרלעצט**

דאָס רעליגיעזע און דעמאָקראַטישע געפיהל פון די אידען", און די ביאַליק־גאַס דאַרף דערפאַר געענדערט ווערען אויף אַ נאָמען פון אַ טשעכישער פּער־זעליכקייט, „בכדי די אידישע קינדער זאָלען האָבען אַ געלעגענהייט זיך צו באַקענען מיט די טשעכישע פּאָליטיקער און דיכטער"...

אָט אַזוי ווי איהר הערט! ביים „מונקאַטשער הויף" איז יהודה הלוי אסור לבוא בקהל, ווייל ער „פאַרלעצט די אידישע רעליגיעזע געפיהלען". אמת טאַקי, די שירים פונ'ם דאָזיגען ר' יהודה הלוי זיינען אריינגענומען געוואָרען אין סדר התפלות און זיי פאַרנעמען דעם אַנגעזעהענסטען אָרט אין מחזור, אין די סליחות און אין די קינות. אָבער — דערזעלבער ר' יהודה הלוי איז אויך געוועזן אַ „פאַרברענטער ציוניסט", וועלכער איז אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט און ליעבע צו ארץ־ישראל, דערזעלבער ר' יהודה הלוי האָט אויך פאַרפאַסט דעם „ספר הכוזרי", אין וועלכען דער צווייטער מאמר איז פול מיט שבחים וועגען ארץ־ישראל און, דער עיקר, עס ווערען דאָ אין זעהר שאַרפע ווערטער געטאַדעלט די מכלומר'שטע פרומע אידען, וואָס מיט'ן מויל האַלטען זיי אין איין זאָגען: „המחזיר שכינתו לציון" ובאמת איז דאָס נישט מעהר „אלא כצפצוף הזרזיר והדומה לו, שאין אנחנו חושבים מה שנאמר בזה"...

פיהלט זיך דער מונקאַטשער הויף פון אַזעלכע ווערטער „פאַרלעצט אין זייערע רעליגיעזע געפיהלען", און בפרט אין זייערע „דעמאָקראַטישע איבערצייגונגען, ווייל אָט דער ר' יהודה הלוי איז צו ווייניג „דעמאָקראַט" געוועזן און מען דאַרף איהם דעריבער פאַרבייטען.

דער רעגירונגס־קאָמיסאַר, וועלכער איז אודאי, איבערלייענענדיג דעם דאָזיגען „געזוך", געבליבען אָהן אַ בויך לאַכענדיג, האָט זיי צוליעב געטהון און ערפילט אַ העלפט פון זייער בקשה.

צווישען די אַמטליכע מודעות אין שטאָדט־הויז איז אַרויסגעהאַנגען געוואָרען אַן אָפּיציעלע מעלדונג, אין וועלכער עס ווערט מיטגעטיילט, אַז דער נאָמען פון דער יהודה הלוי־גאַס ווערט געענדערט. דאַגעגען ווערט אָפּ־געוואָרפען די ביטע וועגען משנה זיין די „ביאַליק־גאַס" אויף אַ נאָמען פון אַ טשעכישען פּאָליטיקער אָדער דיכטער, ווייל — „עס איז נישט קיין כבוד פאַר אַ טשעכישע פּערזענליכקייט צו געבען זיין נאָמען פאַר אַ גאַס, וועלכע ליגט אויפ'ן עק שטאָדט"...

---

## געדאַנקען־שפּריצלאַך

„חלה" איז אַזוינס, וואָס פרומע ווייבער נעמען און גוטע ווייבער גע־בען אוועק.

* * *

„פדיון" איז דאָס געגענטייל פון חלה. גוטע אידען נעמען עס און פרומע אידען געבען עס.

* * *

דייטש איז אַ שפּראַך, וועלכע איז געוועהנליך גרינגער צו פאַרגעסען, איידער אויסצולערנען ענגליש.

# דאָס לעבען פאַרשווינדט

דאָס לעבען פארשווינדט אין א ברויזענדען גאָר־נישט,
עס ווערען פארשלונגען אין תהום אַלע טעג;
פיהל איך אין הארצען פארוועהטאָגטע שפּורען,
וואָס ס'האָט מיר געלאָזען די צייט אויף איהר וועג.

עס בלעטערט זיך שנעל אויף מיין קאָפּ די געשיכטע,
א בלעטעל נאָך א בלעטעל, א יאָהר נאָך א יאָהר;
לאָזט זי מיר איבער בלויז וואונדען אין הארצען —
און יעדעס מאָל מעהר אַלץ און מעהר גראָהע האָהר.

דאכט זיך אזוי ווי די זון ווערט פארטונקעלט,
זי גיט נישט ווי פריהער איהר ווארעמען שיין;
די שטראַהלען פון איהר זיינען בלאסער און קיהלער,
אזוי ווי מיין לעבען, אזוי ווי מיין זיין.

און ס'בלייבט מיר א דענקמאָל א בינטעל געפיהלען,
וואָס טליען אין הארץ פון פארגאַנגענע טעג;
זיי ציהען און ציהען א שנור מיט זכרונות,
ביז עס קומט די אייביגע נאכט אויף מיין וועג...

---

## דורכרייזע איבער דער מדבר סיני אין דריי שטונדען

אין דער צייט פון דער מלחמה האָבען די ענגלענדער אויסגעבויט א בריק איבער'ן סועז־קאנאל און געמאכט א וועג פון עגיפּטען קיין ארץ־ישראל איבער דער מדבר סיני, וועלכער האָט געדארפט נעמען נישט מעהר ווי דריי שטונדען. אויף דעמזעלבען וועג האָט משה רבנו געפיהרט די אידען פערציג יאָהר.

צוליעב סטראטעגישע מאָטיווען האָט מען שפּעטער די בריק פאנאנדער־גענומען — און דער וועג פון עגיפּטען קיין ארץ־ישראל געהט נישט מעהר דאָרט ארומען.

---

## „ריידיאָ" אין דער גמרא

דרייערליי קולות — זאָגט די גמרא (יומא דף כ' סוף עמוד ב') — הערען זיך פון איין עק וועלט ביז צום אנדערען עק, דהיינו: די שטים פונ'ם זו־נען־קוגעל, די שטימע פונ'ם המון אין רוים און דאָס קול פון דער נשמה, ווען זי געהט ארויס פונ'ם גוף. מאנכע זאָגען אויך די שטים פון א געבורט. אנדערע זאָגען, אז עס הערט זיך אויך ־די שטים פון ריידיאָ.

# אַן אַלטע פוילישע קריסטין ווערט פאַרברענט פאַר אָפהיטען אידישקייט

קאַטאַרינאַ מעלכיאָר ווייגעל זאַלעזאָווסקאַ, א קריסטין פון 80 יאָהר אין קראַקאַ, איז אין פאַרלויף פון איהר לאַנגען לעבען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די אידישע אמונה איז די איינציג ריכטיגע. האָבען זי די גלחים אין 1539 (ד. ה. מיט קארגע 400 יאָהר צוריק) פאַראורטיילט צום פאַרברענען — און בעפאָר דער פאַרברענונג האָט זי אָפגעגעבען די פאָל־גענדע ערקלערונג:

„איך גלויב אין גאָט, וועלכער האָט אַלסדינג באַשאַפען, אָבער מיט'ן פאַרשטאַנד קען מען איהם נישט משיג זיין, ווייל מען מוז צו דעם האָבען אמונה. איך קען אָבער נישט גלויבען, אַז גאָט האָט ווען עס איז געהאַט אַ ווייב אָדער אַ זוהן. אַזעלכע זאַכען קענען בלויז געמאָלט זיין ביי שטערב־ליכע מענשען, אָבער גאָט איז קיינמאָל נישט געבוירען געוואָרען, קיינמאָל נישט געשטאָרבען און קיינמאָל נישט צוריק לעבעדיג געוואָרען".

---

# שבת נישט אומעטום אין דערזעלבער צייט

מיט אַרום נייַנציג יאָהר צוריק איז אויסגעבראָכען אַ שאַרפע מחלוקה צווישען אונזערע רבנים וועגען שמירת שבת, ווייל עס האָט זיך דאַמאָלס אַרויסגעוויזען, אַז אַזוי ווי עס איז אַ חלוק אין דער צייט צווישען די פאַר־שידענע באַוואוינער פונ'ם ערד־קוגעל, ווערט דער שבת נישט געפייערט אומעטום אין דערזעלבער צייט, און ווען עס איז אין איין עק וועלט שבת, איז שוין אויפ'ן אנדערען עק זונטאָג אָדער פרייטאָג.

צו אילוסטרירען דעם דאָזיגען פאַקט, זיינען דאָן צוויי מענשען אַרויס־געפאָהרען פון ניו יאָרק קיין יאפאַן. איז איינער געפאָהרען איבער סאַן־פראַנציסקאָ און דעם פאַסיפיק און דער צווייטער איז געפאָהרען איבער'ן אַטלאַנטישען ים קיין אייראָפאַ, דערנאָך איז ער געגאַנגען איבער רוסלאַנד קיין סיביריען. האָט דער ערשטער געדאַרפט אָנקומען אין יאַפאַן אין אַ שבת, איז דאָס שוין דאָרט געווען זונטאָג — און ביי דער ריקרייזע פון יאַפאַן איבער דעמזעלבען וועג, האָט יענער געדאַרפט אָנקומען אין ניו יאָרק אום שבת און ער איז אָנגעקומען אום פרייטאָג.

---

# תקיעת שופר אום פרייטאָג נאָכמיטאָג

אינ'ם אַלטען ארץ־ישראל איז געווען אַ מנהג, וואָס יעדען פרייטאָג נאָכמיטאָג פלעגט דער שמש בלאָזען זעקס תקיעות אויפ'ן שופר, דער עולם זאָל וויסען, אז מען דאַרף אויפהערען ארבייטען. ביים ערשטען בלאָז האָט מען געדאַרפט אהיים־געהן פון פעלד. ביים צווייטען בלאָז האָט מען פאַר־מאַכט די געוועלבען. ביים דריטען בלאָז האָט מען געדאַרפט אַרונטער־נעמען דאָס עסען פונ'ם אויווען, עס זאָל זיך נישט מעהר קאָכען. און די ווייטערע דריי בלאָזען זיינען געווען דערמאָנונגען, אַז דער שבת קומט אָן. (זעה מסכת שבת דף ל"ה עמוד ב').

## אַ פרומער רב — דער זוהן פון אַ משומד

וואָלף מייזעל איז געווען זיין נאָמען. געבוירען אין 1815 אין רויט־יאנאָוויץ, מעהרען, געשטאָרבען אין 1867 אין בודאַפּעסט.

דער פאָטער זיינער איז געווען גע׳שמד׳ט און ער האָט דעם זוהן דורכ־אויס געוואָלט שמד׳ן. האָט איהם די מוטער באַהאַלטען, ביז ער איז אַלט געוואָרען 17 יאָהר. די רעגירונג האָט דורך איהרע אָרגאַנען דאָס אינגעל געזוכט און נישט געפונען. פון צייט צו צייט האָט מען די מוטער זאָגאר געסטראַשעט מיט ארעסט און עס האָט נישט געהאָלפען. שפּעטער איז גע־לונגען, דעם בחור אוועק צו שיקען קיין האַמבורג, וואו ער האָט געלערנט אין דער ישיבה. אין 1848 (ווען ער איז אַלט געווען 33 יאָהר), איז ער געוואָרען רב אין שטעטין, פּרייסען, און אין 1859 איז ער געוואָרען רב אין בודאפּעסט, וואו ער איז דערנאָך געשטאָרבען, 52 יאָהר אַלט.

## בשר-עוף בחלב

ר׳ יוסי הגלילי, איינער פון די תנאים, וועלכער האָט געלעבט אין די צייטען פון ר׳ עקיבא און ר׳ מאיר, האָט געזאָגט, אַז דער איסור פון בשר בחלב געהט נישט אויף עופות, ווייל ווען דער פּסוק זאָגט „לא תבשל גדי בחלב אמו״, האָט ער נישט געקענט מיינען אַן עוף, וועלכעס האָט נישט קיין מילך (זעה שבת דף ק״ל עמוד א׳, חולין דף קי״ג עמוד א׳).

## ערשטער פּוילישער הערשער — אַ איד

אברהם פּראַכאָווניק איז געווען זיין נאָמען — און ווי עס ווערט דער־צעהלט, איז די מעשה אַזוי געווען:

ביים אָנהויב פון פּוילען׳ס ערשטע יאָהרען, ווען דאָס פאָלק איז גע־ווען פאַרזאַמעלט אין דער שטאָדט גנעזען, אויסצוקלייבען אַ הערשער, און מען האָט זיך נישט געקענט אייניגען וועגען דער פּערזאָן, האָבען די פאַר־זאַמעלטע באַשלאָסען, אַז וועלכער פרעמדער עס וועט מאָרגען פריה אָנקומען אין שטאָדט אַריין, דער וועט ביי זיי געקרוינט ווערען אַלס רעגירענדער פירסט. איז אויפ׳ן אַנדערען טאָג אָנגעקומען דער איד אברהם פּראַכאָווניק. האָט מען איהם באַלד אוועקגעפיהרט צו דער וועהלער־פאַרזאַמלונג, וואו מען האָט איהם אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ער איז ערוועהלט אַלס רעגירענדער פירסט אין פּוילען. האָט זיך דאַן אברהם פּראַכאָווניק אויסבאַדונגען דריי טאָג צייט, ער זאָל זיך דערווייל קענען באַראַטהען מיט זיך אַליין, צי ער זאָל דאָס אַמט אָננעמען. האָט ער זיך דאַן איינגעשלאָסען אין אַ צימער און זיך דריי טאָג צייט נישט געוויזען אויף דער פרייער וועלט. און ווען די מענשען האָבען אויפ׳ן פערטען טאָג געוואַרט אויף זיין אַנטשיידונג, האָט איינער פון זיי מיט׳ן נאָמען פּיאַסט פאַרלוירען די געדולד און מיט זיין אייגענער האַנד די טהיר אויפגעבראָכען. האָט אברהם פּראַכאָווניק געזאָגט, אַז אַ מענש, וואָס האָט דעם מוטה, אויפצוברעכען די טהיר ביים ערוועהל־טען פירסט, איז דער פּאַסינגסטער פאַר׳ן אַמט פון אַ פירסט.

## וואָס אַ רב דאַרף היינט קענען

ווען די אידען זיינען צוגעקומען צום בארג סיני, האָבען זיי געזאָגט צו משה רבנו „נעשה ונשמע". האָט מען דאָס אויסגעטייטשט ביי די אַלטע רבנים, אַז צוערשט דאַרף מען זעהן, צי דער רב האָט מעשים טובים, און דערנאָך דאַרף מען קלערען, צי מען קען זיך צו'ן איהם צוהערען, ווען ער שטעלט זיך אוועק דרש'נען.

שפּעטער האָט מען אָפּגעלאָזען דעם „נעשה" און מען האָט בלויז גע־קלערט וועגען „נשמע", ווי דער פּסוק זאָגט: „ונשמע קולו בבואו אל הקדש".

ביי אַ היינטיגען רב קוקט מען אויף „נשמע", אָבער פון אַן אַנדער פּסוק, פון „ונשמע פתגם המלך", צי ער קען רײדען גוט אויף דער לאַנדעס־שפּראַך. אַלע אַנדערע ידיעות זיינען נישט מעהר וויכטיג!

---

## די שטראָף פאַר אַ פּאַטש

אין קראָקע האָט אַ באַלעבאָס געגעבען אַ מלמד אַ פּאַטש. ס'איז איהם נישט געפעלען, וואָס דער מלמד האָט גערופען דעם באַלעבאָס'עס אינגעל מיט פאַרשידענע צונעמענישען. האָט דער מלמד גערופען דעם באַלעבאָס צום בית־דין, האָט דער רב גע'קנס'ט דעם באַלעבאָס מיט 10 גילדען. איז דאָס דעם מלמד נישט געפעלען, עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז דער קנס איז אַ קליינער. האָט איהם דער רב געזאָגט: — עס איז פאַראַן ווע־גען דעם אַ בפירוש'ער פּסוק „כף אחת עשרה זהב", פאַר איין פּאַטש מיט דער האַנד דאַרף מען באַצאָהלען צען גילדען!

---

## כל ישראל ערבים זה בזה

אַ געוויסער דיין אין אַן אַמעריקאַנער שטאָדט האָט ביי די הקפות אום שמחת־תורה געזעהן ווי איינער אַ דזשאַנק־פּעדלער אַן עם־הארץ טאַנצט מיט דער תורה און די אויגען האָבען זיך ביי איהם געלייכט פון שמחה. האָט דאָס דעם דיין אביסעל געערגערט. האָט ער צו דעם דזשאַנק־פּעדלער אַ זאָג געטהון:

— לשמחה מה זו עושה? וואָס פרעהט איהר זיך אַזוי שטאַרק מיט דער תורה? אַ סך האָט איהר וועהרענד דעם יאָהר געלערנט?

— זעהט איהר, רבי — האָט דער פּעדלער געענטפערט — איך דאַרף עס אייך נישט ערשט זאָגען, אַז איין איד איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר'ן אַנדערן און ווען מיר קלאַפּען זיך „על חטא", קלאַפּען מיר זיך אויך איינער פאַר'ן אַנדערנ'ס זינד, אַ שטייגער ווי ווען איך האָב מיך געקלאַפּט „על חטא שחטאתי בכפת שוחד". און יעדער ווייסט עס, אַז איך האָב גאָר ניט קיין קיין געלעגנהייט, צו זינדיגען מיט שוחד... אלא וואָס דען? אַזוי ווי איהר זינדיגט מיט שוחד, בין איך פאַראַנטוואָרטליך און איך דאַרף זיך וועגען דעם קלאַפּען. מעג איך מיך דערפאַר פרעהען מיט דעם, וואָס אַנדערע האָבען געלערנט די תורה.

# דאָס געפיהל פאַר „טשאַריטי"

נאָך א לאַנגער דעבאַטע מיט זיך אַליין, ביי וועלכער זי האָט זעהר פיעל דעבאַטירט דאַפיר און דאַגעגען, האָט זיך מיסעס געלבשטיין אַנטשלאָסען, אוועק צו שענקען די בלויע סילק־דרעס איהרע צו דער הויזקיפּערין.

די דרעס איז שוין אַן אַלטע, נישט מעהר סטאַילישׁ. אָבער דאָס איז נישט געווען דער אמת׳ער גרונד פון איהר באַשלוס, די דרעס אוועק צו שענקען.

ביי א מיטינג פון דער „לײדיעס אָקזילערי אָוו דהי אינדעפּענדענט האַזבענדס" האָט די טשערליידי געדעדט וועגען טשאַריטי און האָט זיך געריהמט מיט איהרע אויפטהוען. האָט עס די מיסעס געלבשטיין זעהר פאַרדראָסען, וואָס יענע ריהמט זיך אַזוי שטאַרק מיט איהר גוטסקייט. דערנאָך האָט זי איינגעזעהן, אַז ווען זי וויל אָפּענטפערען דער טשערליידי פאַר איהרע באַריהמערייען, מוז זי אַליין עפּיס אויפטהון א גרויסע זאַך, האָט זי דאדורך באַשלאָסען, אוועק צו שענקען איינע פון איהרע אַלטע דרעסעס.

אַהיימקומענדיג פון דעם מיטינג, האָט דאַן מיסעס געלבשטיין באַלד אַרויסגענומען דאָס קלייד פון׳ם קלאָזעט און האָט עס באַקוקט אויף אַלע זייטען. דערנאָך האָט זי דאָס קלייד צוריק אַריינגעהאַנגען אין קלאָזעט, ווייל זי האָט נאָך געוואָלט איבערוואַרטען מיט׳ן אוועקשענקען ביז מאָרגען.

מען טאָר זיך איבערהויפּט קיינמאָל נישט איילען. אויף איילעניש האָט מען זעהר אָפט חרטה. ווייל זי זיך די זאַך נאָך איינמאָל גוט איבערלייגען.

שטעהט דאַן מיסעס געלבשטיין צו־מאָרגענס פאַר איהר קלאָזעט, האַלטענדיג א קאָנפערענץ מיט זיך אַליין, און קען זיך גאָר נישט אַנטשליסען, וואָס זי זאָל טהון. מען דאַרף זיך די זאַך גוט איבערלייגען, איידער מען שענקט אוועק א קלייד, וואָס מען קען עס נאָך אפשר געברויכען.

באַקוקט זי דאָס קלייד נאָך איינמאָל און זעהט, אַז מען וואָלט עס נאָך געקענט טראָגען, ווען מען זאָל עס נור א ביסיל איבערפיקסען, אויסבעסערען די זוים, צונייהען א נייע לייסט און איבעררוקען די קנעפּ.

„טשאַריטי בעגינס עט האָום", קומט איהר אויף׳ן געדאַנק. מען דאַרף קודם פאַרזאָרגען זיך אַליין, איידער מען געהט פאַרזאָרגען אַנדערע.

מיסעס געלבשטיין הענגט אַלזאָ צוריק אַריין דאָס קלייד אין קלאָזעט.

נאָכמיטאָג נעמט זי ווייטער אַרויס דאָס קלייד. מיט איהר גאַנצען האַרצען וויל זי עס אוועק שענקען. ס׳איז איהר נור שווער, צו באַפרײנדען זיך מיט אַזא געדאַנק. זי וויל זיך אויך קענען באַריהמען, אַז זי האָט עפּיס געטהון פאַר טשאַריטי. ס׳איז איהר אָבער שווער, צו שיידען זיך פון א קלייד, וועלכעס איז נאָך כמעט גוט.

אָבענדס ווידערהאָלט זיך דיזעלבע סצענע נאָך איינמאָל און צו־מאָרגענס אַנטשליעסט זי זיך ענדליך, אוועק צו געבען דאָס קלייד. עס האָט זי נאָך אפילו געקאָסט א ביסיל מיה, צו פאַרטרייבען פאַרשיעדענע מחשבות, וואָס האָבען איהר געוואָלט באַווייזען, אַז א גוטע באַלעבאָסטע און א מאַמע פון דערוואַקסענע טעכטער דאַרף נישט אוועקשענקען קיין קליידער. זי האָט זיך שוין אָבער איינמאָל אַנטשלאָסען, אוועק צו שענקען דאָס קלייד, ווייל זי שוין נישט מעהר ענדערען איהר באַשלוס.

דעם אנדערען טאָג ביים סאפּער האָט זי ווייטער געדענקט וועגען דעם קלייד — און אזוי ווי עס זיינען דאמאָלס געזעסען אַלע איהרע קינדער ביים טיש, איז איהר איינגעפאַלען, אַז מען קען נאָך איבעראַרבייטען דאָס קלייד, עס זאָל גוט זיין פאַר ליזי אָדער פאַר פּאָולי. זי האָט שוין אָבער נישט געוואָלט ענדערן איהר באַשלוס.

מאָרגען אין דער פריה, האָט זי ענדליך נאָכ׳ן ברעקפעסט ביי זיך באַשלאָסען, וועט זי אַרויף רופען די הויז־קיפּערין און וועט איהר שענקען דאָס קלייד. ביי דעם נעקסטען מיטינג פון דער „לײדיעס אָקזילערי אָוו דהי אינדעפּענדענט האָזבענדס״ וועט זי זיי דאָס דערצעהלען און וועט זיך לאָזען באַוואונדערען פאַר איהר גוט הארץ.

צופרידען פון איהר באַשלוס האָט זי נאָך געוואָלט אויסביגלען דאָס קלייד מיט איהר אייגענער האַנד.

זי שפּרייט דאַן אויס דאָס קלייד אויפ׳ן ביגעל־ברעט, קומען איהר ווייטער אין קאָפּ אַריין יענע שלעכטע געדאַנקען, וואָס ווילען איהר איינרעדען, אַז דאָס קלייד איז נאָך זעהר גוט און זי טהוט פּשוט אַן עברה, וואָס זי געהט אוועק שענקען אַזאַ גוט קלייד.

און אזוי ווי זי האָט גאָר נישט געהאַט געזאָגט קיינעם וועגען דעם קלייד, האָט זיך איהר נאָך געוואָלט חרטה האָבען אויפ׳ן גאַנצען עסק און דאָס קלייד באַהאַלטען פאַר זיך.

נעמט זי דערוויל און פּאָהרט שוין אַ ביסיל פאַמעליכער מיט׳ן הייסען אייזען. דערפיהלט זי פּלוצים אַ ביסיל ווי צוגעסמאַליעט. פּאָהרט זי דאַן נאָך איינמאָל מיט׳ן ביגעל־אייזען איבער׳ן קלייד — און ווי זי הויבט אויף די אונטערלאַגע, זעהט זי, אַז זי האָט דאָס קלייד אַ ביסיל צוגעברענט און אַ שטיק דערפון איז געבליבען קלעפּען אויף דער אונטערלאַגע איבער׳ן ביגעל־אייזען.

געהט זי שנעל מיט דעם קלייד צו דער הויז־קיפּערין און וויל עס איהר אייגענהענדיג איבערגעבען. אויפ׳ן וועג איבערלייגט זי זיך אָבער די זאַך. זי שעהמט זיך פאַר דער הויז־קיפּערין, ווייל דאָס קלייד איז אַ ביסיל צוגעברענט. געהט זי צוריק מיט׳ן קלייד אין האַנד און באַשליסט, איבערצואַרבייטען עס פאַר ליזי אָדער פאַר פּאָולי.

און וועגען די באַריהמערייען פון דער טשערליידי פון די „לײדיס אָקזילערי אָוו דהי אינדעפּענדענט האָזבענדס״ וועט זי זיך אויך אַן עצה געבען. זי וועט נישט געהן צו דעם נעקסטען מיטינג, וועט זי פאַרשפּאָרען הערען די באַריהמערייען, וועלכע האָבען איהר געמאַכט אזוי פיעל טראָבעל דריי טאָג נאָכאַנאַנד.

---

# אַלט-נייע גלייכווערטלעך

א קלוגער קען זיך אמאָל באַנארישען, א נאַר באַקלוגען קיינמאָל ניט.

* * *

דאָס גליק פון דעם נישט־ווייסער איז, וואָס ער ווייסט ניט, אַז ער ווייסט ניט.

## אָפּגענאַרט

א יונג מיידעל האָט אַמאָל געדאַרפט פאָהרען פון איסט ניוּיאָרק צו די בראָנקס. האָט זי די מוטער אַריינגעזעצט אין אַ קאַר און אָנגעזאָגט, אַז ווען זי וועט צוקומען צו דער באָוערי, זאָל זי נעהמען דעם עלעוויטער. גלייכצייטיג האָט זי די מוטער געוואָרענט, זי זאָל זיך היטען פון מאַנסבילען, און ווען זי וועט נישט וויסען, צו נעהמען דעם עלעווייטעד, זאָל זי ליבערשט פרעגען ביי אַ פרוי, ווייל אַ פרוי וועט זי זיכערליך נישט פאַרפיהרען.

ווען דאָס מיידעל איז אָנגעקומען אויף דילענסי סטריט, איז איהר אויסגעקומען צו בלייבען שטעהן צווישען סעקאָנד עוועניו עלעווייטעד און פון דער טהירד עוועניו — און זי האָט נישט געוואוסט, וועלכען עלעווייטעד זי דאַרף נעהמען. און אַזוי ווי זי האָט צופעליג נישט געזעהן קיין פרוי, איז זי צוגעגאַנגען צו'ן אַ יונגען מאַן פרעגען.

— וואוהין ווילט איהר דען פאָהרען? — האָט דער יונגער־מאַן געפרעגט.

— דאָס קען איך אייך נישט זאָגען! — האָט דאָס מיידעל געענטפערט...

---

## הינט ווילען נישט גלויבען

אַ באַוואוסטער מגיד האָט אַמאָל גע'דרשנ'ט וועגען משיח. זיינען צו'ן איהם נאָך דער דרשה צוגעקומען עטליכע יונגע־לייטלעך פון דער גוטער חברה, חוזק צו מאַכען פונ'ם מגיד מיט זיין דרשה:

האָט זיי דער מגיד אויף זייערע הלצות אָפּגעענטפערט מיט אַ מעשה:

— אַ הונגעריגער פוקס איז אַמאָל געקומען זוכען עטוואָס עסען. זוכענדיג אַזוי, האָט ער דערזעהן אַ פויגעל שטעהן אויף אַ צווייג פון אַ בוים. האָט ער שטאַרק חשק געהאַט, אַרונטער צו קריגען דעם פויגעל, האָט ער צו'ן איהם אַ זאָג געטהון:

— וואָס זיצסטו דאָרט אַזוי אַליין אויף דעם בוים? ווייסטו דען נישט, אַז משיח איז שוין געקומען און אַ וואָלף הויזט מיט אַ שעפעלע און מיינס־גלייכען שפּאַצירט אַרום מיט אַנדערע געוועזענע שונאים. טאָ קום־זשע טאַקע אויך אַרונטער פונ'ם בוים, וועלען מיר צוזאַמען שפּאַצירען און געניסען די וועלט!...

מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט דאָס בילען פון הינט, האָט דער דערשראָקענער פוקס געבעטען דעם פויגעל, ער זאָל זעהן, פון וועלכער זייט דאָס בילען קומט.

— אַ גרופּע יעגער מיט עטליכע גרויסע יאַגד־הינט דערנעהנטערען זיך צו אונז! — האָט דער פויגעל געמיטהליך געענטפערט.

— בלייב געזונד, מיין ליבער פריינד! — האָט דער פוקס אַנטלויפענדיג געשריגען — וועה איז מיר, ווער ווייסט, צי זיי האָבען מיך שוין נישט באַמערקט!

— משיח איז דאָך שוין געקומען — האָט דער פויגעל אַ פאַרוואונדערטער געזאָגט — איינער קען שוין נישט מעהר טהון קיין שלעכטס צום צווייטען, טאָ פאַר־וואָס אַנטלויפסטו?

— ס'איז טאַקע אמת, אַז משיח איז שוין געקומען! — האָט דער פוקס געענטפערט — אָבער די הינט ווילען נישט גלויבען אין משיח'ן...

# מען טאָר נישט רוהען

אז כ'האָב מיך אמאָל אין מיין יוגענד פארקלערט,
דאָס מורמלען פון טייך מיט כונה געהערט,
פארטרוימט פון דער וועלט זיך אוועקגערוקט ווייט;
דאַן פלעגט זיך ביי מיר אין מיין הארצען אָנקלייבען
חלומות פון גרויסקייט — א שטארקער גלויבען,
וואָס האָט מיר געמאָהלען א גליקליכע צייט.

פלעגט זיך מיר דאכטען, אז איך בין א העלד,
וואָס דארף אמאָל שטורמען מיט כח די וועלט,
נור ער איז דערוויל מיט זיך זעלבסט נישט קלאָר;
געווען איז עס אָבער ביי מיר דאמאָלס זיכער,
אז מען וועט שרייבען פון מיר אין די ביכער,
איך דארף בלויז צו־ווארטען נאָך עטליכע יאָהר.

נור ס'האָט זיך פון אלעם א טייך אויסגעלאָזען,
די אויפטהוען מיינע — א ווינד האָט פארבלאָזען,
בלויז צרות אין לעבען א סך אויסגעשטאַנען;
פארשטעה איך אצינד, אז מען טאָר ווייטער נישט רוהען,
ווען כ'האָב אזוי וויניג דערוויל אויפגעטהוען,
אז ס'זאָל די געשיכטע אמאָל מיך דערמאָנען!...

---

## דער ווילען צו מאַכט

אומעטום וואו עס געפינט זיך לעבען, דאָרט געפינט זיך א ווילען צו מאכט. אזוי וויל יעדער דיענער הערשען איבער אַנדערע אין זיין קלאַס — און ווען דער שוואכער מוז זיך אונטערגעבען צום שטארקערען, דעמאָראַליזירט דאָס דעם שטאַרקערען.

---

## „זכרנו את הדגה"...

אויף דעם, וואָס דער פסוק זאָגט „זכרנו את הדגה אשר נאכל במצרים חנם", פרעגט די וועלט וועגען דעם וואָרט „נאכל", וויל עס האָט געדארפט שטעהן „אשר אכלנו". איז דער תירוץ, אז דאָס מיינט גאָר דעם לויתן, וואָס אידען וועלען עסען, ווען משיח וועט קומען. איז ווייטער א קשיא, אז ווען מען מיינט דאָס לעתיד לבוא, טאָ וואָס שטעהט דאָרט עפּיס „במצרים"? ענטפערט דער פסוק אליין דעם תירוץ און ער זאָגט „חנם", מיר אליין ווייסען, אז דאָס וואָרט „במצרים" שטעהט דאָרט בחנם.

## אַ טערקישע מעשה׳לע

אַ גרויס־וויזיר האָט צוגענומען אַ באַאמטען, ער זאָל איינשרייבען אין בוך אַלע נאַרישקייטען וואָס מענשען ווע‍לען אָפּטהון ביי איהם אין הויז.

— צי בין אויך אַמאָל אויף דער ליסטע? — האָט דער גרויס־וויזיער אין איין שעהנעם פריהמאָרגען געפרעגט זיין באַאמטען.

— יאָ, מיין האר! — האָט געענטפערט דער באַאמטער — נעכטען האָט איהר געגעבען צו׳ן אַ גרעק 1000 פונט, ער זאָל עפּים פאַר אייך קויפען . . .

— און וואָס וועט זיין, אַז דער גרעק וועט זיך ארויסווייזען פאַר אַן אָרענטליכען מענש און ער וועט ברענגען, וואָס איך וויל?

— דאַמאָלס וועל איך אויסמעקען אייער נאָמען און כ׳וועל אריינשרייבען דעם גרעק׳ס נאָמען.

---

## פון יענע קאָמפּלימענטען

בעל־הבית׳טע: מען קען זיך אויף אייך גאַנץ פיין פאַרלאָזען, ר׳ געצל. איהר האָט מיר געשיקט עפּעל, זיינען זיי אין גאַנצען פאַרפוילט. אָט האָב איך זיי צוריק געבראַכט.

געצל: אָבער צו וואָס, האָט איהר מיר געדאַרפט צוריק ברענגען די פאַרפוילטע עפּעל? און אַזוי וואָלט איך אייך דען נישט געגלויבט? אייער וואָרט איז ביי מיר פונקט אַזוי גוט ווי די עפּעל . . .

---

## געדאַנקען־שפּריצלעך

די פּרשה פון „לך לך” איז דער עיקר פון אונזער תורה און דער גאַנ־צער „פועל יוצא” פון אונזער געשיכטע.

* * *

דער מלך פון סדום האָט געזאָגט צו אברהמ׳ן: „גיב מיר אָפּ די מענ־שען און נעם דיר צו דאָס פאַרמעגען!” — אין היינטיגע צייטען זאָגט דער מלך פון סדום: „גיב מיר אָפּ דאָס פאַרמעגען און די מענשען קענסטו אפילו אין וואַסער אריינוואַרפען!”

* * *

איין זילבערנע מטבע וועגט איבער אַ סך גאָלדענע ווערטער און גע־דאַנקען.

* * *

„דברה תורה בלשון בני־אדם”. אַן אומגליק איז נאָר, וואָס די מענ־שען רעדען נישט מיט׳ן לשון פון דער תורה...

* * *

געסט און פיש ווערען קאַליע אויפ׳ן דריטען טאָג.

* * *

— אַ מאָדנע זאַך: ווען די גאַנצע וועלט האָט קיין געלד נישט, קומט דער קריזיס אויך. נעבּיי וואָלט ער האָטש געווען געקומען דאַמאָלס, ווען יעדער האָט געהאַט געלד אין קעשענע.

# דער אייער-קלאַפּער

גײענדיג פון פולטאָן סטריט, וואו עס געפינען זיך פאַרשידענע פּעק־טאָרים און מען קען באָאבאַכטען דאָס אינטערעסאַנטע רעש'דיגע לעבען, וואו כוואַליעס מענשען באַוועגען זיך און פאַרשווינדען יעדער אין אַן אַנ־דער הויז, האָב איך נישט לאַנג צוריק געוואָלט צוקומען צו וועסט סטריט, צו מאַכען אַ באַזוך ביי אונזערע קאַזינס, די סיריער און אַראַבער, וועלכע וואוינען דאָרט — און אויפ'ן וועג האָב איך מיך אָפּגעשטעלט אין וואַשינג־טאָן מאַרקעט.

מיט אינטערעס האָב איך מיך צוגעקוקט צו דעם געשעפטיגען טרייַ־בען פון יענעם ווינקעל, וואו עס געפינט זיך דער יריד פון פּירות און אייער פאַר גאַנץ ניו יאָרק.

אין דער גרעסטער איילעניש האָט זיך אַ יונגער מאַן געדרעהט צווישען אַ באַרג מיט קעסטלעך אייער, צולויפענדיג יעדעס מאָל צו אַן אַנדער קעס־טעל, אויפגעקלאַפּט דאָס קעסטעל, געגעבען אַ קוק אַריין, אַ שמעק מיט דער נאָז און צוריק צוגעקלאַפּט. צומאָל איז איהם אָבער געפעלען אָפּצושטע־לען זיך לענגער ביי אַ קעסטעל, וואו ער האָט שוין אַרויסגענומען עטליכע אייער, געהאַלטען זיי אַקעגען ליכט, צונויפגענומען די האַנד אין אַ פויסט און אָנגעשטרענגט דעם גאַנצען כח פון זיין ראיה, וועלענדיג דורכדרינגען די שאָל פונ'ם איי מיט'ן אויג. דאַן האָט ער דאָס איי באַהאַרכט מיט'ן אויער און אַוועקגעלייגט עס צוריק אין קעסטעל. ער האָט אָבער דאָס קעסטעל ניט מעהר צוגעקלאַפּט. באַלד זיינען צוגעקומען אַנדערע צוויי מענ־שען און האָבען דאָס אָפענע קעסטעל אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעל. דער־נאָך האָט זיך ווידערהאָלט דיזעלבע געשיכטע מיט אַנדערע קעסטלעך, ביז עס איז געבליבען שטעהן אַ צעהנדליג אָפענע קעסטלעך מיט אייער.

עטליכע מינוט שפּעטער איז צוגעקומען אַן אַנדערער יונגער מאַן מיט אַ משונה'דיג מין העמער'ל אין דער האַנד, מיט וועלכען ער האָט געגעבען צו עטליכע קלעפּ אין יעדער קעסטעל, צו מאַכען די אייער פאַר „בעלי מומים" — און איז זיך אַוועקגעגאַנגען מיט אַן אונשולדיגער מינע, גלייך ווי ער וואָלט גאָר נישט געטהון.

זעהר נייגעריג צו דערגעהן דעם סוד פון דעם צוקלאַפּען די אייער, האָב איך מיך אָבער געשעהמט צו פרעגען. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עס שטעקט אין דעם עפּיס אַ סוד פון ביזנעס, וועט מען איהם זיכערליך נישט מגלה זיין. האָב איך גענומען וואַטשען דעם מאַן מיט'ן העמערל און האָב געזעהן, אַז ער ווידערהאָלט זיין מלאכה ביי יעדען סטאָר פון אייער מיט דעמזעל־בען מין קלאַפּ און מיט דערזעלבער אומשולדיגער מינע.

ענדליך איז מיר שפּעטער דאָס רעטעניש אויפגעקלערט געוואָרען. צו־הערענדיג זיך צום שמועס פון די סוחרים, האָב איך אַרויסגענומען, אַז אַזוי ווי די אייער זיינען ניט זעהר פריש, צוקלאַפּט מען זיי, מען זאָל זיי מאַכען פאַר בעלי מומים, מען זאָל זיי קענען פאַרקויפען אַלס באַרגיינס, די בעלי־הבית'טעס וואָס זוכען מציאות זאָלען מיינען, אַז זיי באַקומען צו קויפען פרישע אייער, וואָס האָבען נעבעך געכאַפּט אַ קלאַפּ אויפ'ן וועג.

דערגאַנגען דעם סוד, האָט מיך שוין די זאַך נישט אינטערעסירט, ביז עס איז מיר ווייטער אויסגעקומען צו געהן אין יענער געגענד און טרעף

ווידער דעם יונגען מאַן מיט זיין משונה׳דיג מין העמערל, ווי ער שטעהט ביי די אָפענע קעסטלעך און קלאַפּט די אייער.

פּלוצים שפּרינגט צו אַ פּאָליסמאַן, האַפּט דעם יונגען מאַן אָן ביים גאָרגעל, דערלאַנגט איהם עטליכע שטורכעס אין דער זייט און נעמט איהם שלעפּען.

די גאַנצע גאַס ווערט אויפגעקאָכט, אַלע לויפען זיך צונויף, פרעגען דעם פּאָליסמאַן, פאַרוואָס ער שלעפּט דעם מענש.

„איך האָב איהם געקעטשט, דעם גנב!״ — שרייט דער פּאָליסמאַן — „אַ גאַנצע וואָך האָב איך איהם שוין געוואַטשט, ווי ער צוקלאַפּט די אַלע קעסטלעך אייער!״

די סוחרים שטעהען אַלע ווי אָהן לשון. עפּעס קענען זיי ניט דעם פּאָליסמאַן ערקלערען, אז דאָס צוקלאַפּען די אייער איז פאַר זייער טובה. שי־קען זיי אונטער זייטיגע מענשען, ער זאָל דעם פּאָליסמאַן בעטען, ער זאָל דעם יונגען מאַן אָפּלאָזען, דער פּאָליסמאַן לאָזט זיך אָבער נישט איינרעדען און שלעפּט דעם מענש אָהן רחמנות.

הויבען די סוחרים אָן צו לאַכען פון דעם „גרינעם״ פּאָליסמאַן, וועל־כער האָט זיך אָנגענומען אַ ביזנעס, צו טשעפּען אָן אומשולדיגען מענש.

דערנאָך האָט זיך דער עולם צוזאַמען גענומען און געשיקט איינעם פון צווישען זיי, באַפרייען דעם יונגען מאַן פון׳ם ארעסט און געבען פאַר איהם בעיל, אויב מען וועט דאַרפען.

---

## די בעסטע רעגירונג

פאַראַן אין יעדען לאַנד דריי מינים רעגירונגען, דהיינו: די פריהערע, די איצטיגע און די צוקינפטיגע. געפעלט דאַן יעדען די פריהערע און די צו־קינפטיגע.

---

## צווישען אידישע דראַמאַטורגען

צוויי אידישע דראַמאַטורגען זיצען ביי אַ פּיעסע, וואָס איינער פון זיי האָט פאַרפאַסט. פּלוצים דערזעהט מען, ווי איינער פון די צושויער איז געשמאַק איינגעשלאָפען.

— אָט זעהט דעם ערפאָלג פון אייער דראַמע! — מאַכט דער צוויי־טער דראַמאַטורג צום מחבר.

צוויי וואָכען שפּעטער שטעלט מען אין׳ם זעלבען טעאַטער יענעמ׳ס אַ פּיעסע — און ווידער איז איינער פון די צושויער אנטשלאָפען געוואָרען. וויזט שוין יענער מחבר אויף דעם שלאָפענדיגען און ער זאָגט:

— אָט שלאָפט מען אויך ביי אייער פּיעסע!

— חלילה! — ענטפערט יענער — דאָס איז טאַקי אַלץ דערזעלבער, וועלכער איז ביי דער פאַרשטעלונג פון אייער פּיעסע אַזוי שטאַרק איינגע־שלאָפען, אַז ער קען זיך נאָך ביז יעצט נישט אויפכאַפּען...

## אַן איינגער און אַ פרעמדער וואָגען

אלעקסאנדער דיומאַ האָט געשריבען פיעל פּאָררעדעס צו פרעמדע ביכער. פרוי מעטערניך האָט אמאָל דערויף באמערקט:

— איך פאַרשטעה ניט, נאָך וואָס דאַרף שפּיעלען די ראָל פון א פוהר־מאַן דער וואָס פאַרמאָגט אַן אייגענעם וואָגען?

## „אש יצאה מחשבון"

אין אַ געוויסער סאָסייטי איז געווען אַ גרויסע מחלוקה וועגען די חשבונות, האָט מען גענומען אַ „פּאָבליק אַקאַנטענט", וועלכער האָט איינגעפיהרט אַ נייע אָרדנונג און מען האָט שוין דעם פריהעריגען סעקרעטער נישט מעהר ערוועהלט.

האָט דאָרט איינער פון די מעמבערס געזאָגט:

— גאָר צונ'ערשט איז ביי אונז געווען „על כן יאמרו המושלים בואו חשבון", דערנאָך איז געוואָרען „אש יצאה מחשבון"...

## וואָס אַ מגיד קען זאָגען

אַ מגיד האָט אמאָל גע'דרש'נט:

— וירא בלק, די ראשי־תיבות פון בלק איז „ואהבת לרעך כמוך", מיינט דאָס, אז ווען דער אוהב־ישראל זעהט, את כל אשר עשה ישראל, אלס־דינג וואָס עס קומט פאָר ביי אידען, וויל ער טאקע שרייען, איז אבער „לא־אמורי", טאָר מען גאָר נישט זאָגען און מען מוז שווייגען...

## יעקב אָדער ישראל?

פון שטענדיג אָן איז געפרעגט געוואָרען די קשיא, וואָס חאָטש עס איז געענדערט געוואָרען יעקב'ס נאָמען אויף „ישראל", האָט מען איהם פון דעסט־וועגען ווייטער גערופען „יעקב". זאָגט אויף דעם דער זוהר (אין פרשת וישלח), אז ווען יעקב איז נישט געווען צווישען שונאים און ער איז אויך נישט געווען אין אַ פרעמד לאַנד, האָט מען איהם גערופען „ישראל". אָבער ווען ער איז אין אַנדערע צייטען געווען צווישען שונאים אָדער אין אַ פרעמד לאַנד, האָט מען איהם גערופען „יעקב".

עהנליך צו דעם זאָגט דער זוהר (אין פרשת נח): „ווען אידען זיינען גוט און פרום, ווערט דאָס לאַנד זייערס אָנגערופען אויף זייער נאָמען. זיינען זיי אָבער אמאָל נישט גוט און פרום, ווערט דאָס לאַנד זייערס אָנגערופען „ארץ כנען".

דאָסזעלבע איז אויך היינט, וואָס אידען שעהמען זיך נישט, אָנצורופען ארץ־ישראל — „פּאַלעסטינאַ", אַ נאָמען, וואָס קייזער האדריאַן האָט דעם לאַנד געגעבען, ווען ער האָט זיך איינגערעדט, אז ער וועט קענען אָפּמעקען דעם נאָמען „איד" פון דער וועלט...

## צוויי קלוגע חתנים

צוויי יונגע־לייט האָבען זיך גע'שדכנ'ט צו איין מיידעל — און אַזוי ווי זיי זיינען ביידע געווען וואוילקענעוודיגע, אָרענטליכע קינדער, זיינען זיי ביידע דעם פאָטער פונ'ם מיידעל געפעלען געוואָרען. די פראַגע איז נור געווען, וועלכער פון זיי עס וועט דער מיידעל אַליין געפעלען.

איינער פון די צוויי איז געווען א שוואַרץ־חנ'עוודיגער און דער צווייטער איז געווען א בלאָנדער. דער פאָטער פונ'ם מיידעל האָט געוואָלט געבען דעם פאָרצוג צו דעם שוואַרץ־חנ'עוודיגען, האָט ער פון דעסטוועגען געזעהן, אַז די מיידעל קוקט מיט פאַרליעבטע אויגען אויפ'ן בלאָנדען.

האָט דאַן דער פאָטער געזאָגט: „וועלכער פון אייך עס וועט מיר זאָגען א בעסערען טייטש אין א פסוק פון דער תורה אָדער אין א מאמר פונ'ם מדרש, דעם וועל איך גיבען מיין טאָכטער!"

זאָגט דער שוואַרץ-חנ'עוודיגער: — איך דאַרף קריגען די כלה, ווייל איך בין שוואַרץ ווי א טאָטער און עס איז ביי אונז א בפירוש'ער דין: „טאָטער ושאינו טאָטער, טאָטער קודם" (תדיר ושאינו תדיר, תדיר קודם).

האָט אויף דעם דער בלאָנדער א זאָג געטהון:

— „צא ולמד", געה צו דער מויד, „מה בקש", און פרעג זי, וועמען זי וויל, וועסטו זעהן, אַז זי וויל „לבן", דעם ווייסען!...

---

## אַלט-נייע גלייכווערטלעך

א מענש לערענט זיך אויס רעדען גאַנץ פריה, אָבער שווייגען — גאַנץ שפּעט.

* * *

מינאָריטעט און מאַיאָריטעט מיינט אַפּט: וועניג מענשען און א סך בהמות.

* * *

זאָגען ליגען און רעדען נאַרישקייט זיינען חסרונות, מיט וועלכע די מעהרסטע מענשען ווערען געבוירען.

* * *

ווער זאָגט, אַז מען קאָן אַלעס איבערזעצען? אנו, פּרוּאווט איבערזעצען אין אַן אנדער שפּראַך דעם באַגריף „אידישע צרות"...

* * *

אַלערליי ליטעראַטור ליעבהאָבער זיינען דאָ אויף דער וועלט; מאַנכע האָבען, למשל, ניט אַזוי פיעל ליעב צו לעזען ביכער, ווי צו באָרגען ביכער.

* * *

זאָרגט זיך ניט אַזוי וואָס איהר האָט ניט אַלץ וואָס איהר וואָלט געוואָלט האָבען. אַז איהר וועט אַלץ האָבען, וועט איהר ניט האָבען זיך וואָס צו ווינשען און אויף וואָס צו האָפען.

* * *

ווער עס קען ניט ליעבען מוז קענען חנפ'ענען.

# אַ גרוס צו מיין מאַמען

ס'האָט אַמאָל מיינער אַ פריינד אָפּגעטראָגען
אַ גרוס פון מיר צו מיין מאַמע די געליעבטע: —
איז זי אויפ'ן גורל פון איהר איינציגען זוהן
געוועזן אַ פאַרוויינטע און אַ באַטריבטע.

זי פלעגט אַזוי זיצען גאַנצענע נעכט
און וויינען פון אָבענד ביז מאָרגען, —
ווייל נור וועגען מיר פלעגט זי קלערען און טראַכטען,
שטענדיג נור טרויערען, תמיד נור זאָרגען.

האָב איך געבעטען, מען זאָל מיין מאַמע'ן דערצעהלען,
אַז כ'לעב דאָ אין עשירות און איבערפלוס:
האָט איהר אַנשטאַט דעם גאָר מיין פריינד דערצעהלט,
אַז איך האָב נישט קיין ברויט און בין בלויז זאַט מיט פאַרדרוס.

האָב איך געבעטען, מען זאָל מיין מאַמע'ן זאָגען,
אַז מיין אויסזעהען איז פריש און ווייך;
האָט איהר אַנשטאַט דעם מיין פריינד דערצעהלט,
אַז איך בין פאַרדאַרט און מיין פּנים איז בלייך.

האָב איך געבעטען, מען זאָל מיין מאַמע'ן זאָגען,
אַז מענשען טיילען מיר כבוד דאָ צו:
האָט איהר אַנשטאַט דעם מיין פריינד גאָר דערצעהלט,
אַז מיין נאָמען פאַרהאַסט איז און כ'האָב נישט קיין רוה.

האָט דאָס מיין מאַמע נישט גלויבען געוואָלט,
אַ שטימע האָט טיעף אין איהר הארצען געשריגען,
אַז פאַלש איז די צונג פון דעם פריינד מיינעם —
און דער גרוס זיינער איז הוילע ליגען!

---

## די תאוה צו זיין אַ „גוטער איד"

דער סטריער רב ר' ענזל איז געווען אַ שאַרפער „מתנגד", איז ער זיך אַמאָל צונויף־געקומען מיט ר' יודא הערש ראַזלער, האָט ער אַ זאָג געטהון צו ר' יודא הערש'ן: „מיר דאַכט זיך, אַז דאָס שטרעבען צו רבישקייט איז פונקט אַזאַ תאוה ווי אַלע אַנדערע תאוות!"
— איהר האָט רעכט! — האָט איהם ר' יודא הערש געענטפערט — מען דאַרף אָבער פריהער צוברעכען אַלע אַנדערע תאוות, איידער מען קען דערגרייכען די תאוה פון „רעבישקייט"...

## אַ פּרינץ מוז נישט זיין קיין דיכטער...

מ'האָט געבראכט צו אַלעקסאַנדער דיומאַ דעם אינגערן ליעדער, וועל־כע אַ פּרינץ האָט געהאַט פאַרפאַסט אין זיינע פרייע שעה'ן. ווען דיומאַ האָט די ליעדער דורכגעלייענט, פרעגט מען ביי איהם אַ מיינונג איבער זיי.

— די ליעדער — ענטפערט דיומאַ — זעהען ביי מיר אויס פּונקט אַזוי ווי איך וואָלט אויסגעזעהן, ווען אין מיינע פרייע שעה'ן זאָל איך וועלען שפּילען די ראָל פון אַ פּרינץ.

## דער כלב איז אַ מחמיר

אַ רב אַ מקיל האָט אַמאָל געהאַט אַ טענה מיט אַ רב אַ מחמיר, וועל־כער פלעגט געוועהנליך יעדע שאלה ערקלערען פאַר טרפה. האָט דאַן דער רב דער מקיל געזאָגט:

— זעהט איהר, ווען דער פּסוק זאָגט: „ובשר בשדה טרפה לא תאכלו, לכלב תשליכון אותו", איז די טייטש דערפון, אַז ווען מען וויל וויסען וועגען פלייש, צי עס איז טרפה, דאַרף מען נישט געהן פרעגען די שאלה ביים רב, ווייל עס איז געוווּג, פאַרצולייגען דאָס פלייש פאַר אַ הונד, וועט ער עס עסען, איז עס טרפה, און וועט ער עס נישט עסען, איז עס נישט טרפה. האָט מען אָבער מורא, אַז דער הונד וועט זיין אַ מחמיר און וועט אַלסדינג ערקלערען פאַר טרפה, דאַרף מען שוין דורכדעם פרעגען די שאלה ביים רב, טאָמער וועט ער עס ערקלערען פאַר כשר.

## אַ גוטער פּיטשאַטיק איז אַ גוטער סימן

דאָס האָט ר' הערשעלע זידיטשווער ארויסגעדרונגען פון אַ פּסוק „שבענו בבוקר חסדך ונרננה ונשמחה כל ימינו", דאָס מיינט, אַז ווען דער אויבערשטער וועט אונז געבען אין דער פריה אַ גוטען „פּיטשאַטיס", וועלען מיר קענען זינגען און זיך פרעהען דעם גאַנצען טאָג.

## מען קען איהם נישט נאַרען...

אין דער וויענער אָפּערע האָט מען געשטעלט „איפיגעניע" פון גלוק'ן. האָט מען איינעם פון די זינגער, וואָס זיינען אין דער אָפּערע אויפגעטרעטען, נעמאָלדען, אַז דער אויטאָר וויל איהם פערזענליך באַגריסען פאַר זיין אויס־געצייכענטען אויפטריט. האָט זיך דער דאָזיגער זינגער זעהר דערפרעהט און איז ארויס אויפצונעמען דעם אויטאָר. האָבען דאַן זיינע קאָלעגען אויס־געשאָסען מיט אַ געלעכטער, ווייל גלוק איז שוין לאַנג דאַמאָלס געשטאָר־בען... אַ צווייט מאָל האָט מען געשטעלט „די פּאַיאַצען" און דער פאַר־פאַסער לעאָנקאַוואַלאָ איז ווירקליך געקומען דעם זינגער באַגריסען. ווען ער האָט אויסגעהערט פון לעאָנקאַוואַלאָ'ן זיינע לויבענישען, האָט דער זינגער צו איהם געזאָגט מיט איראָניע:

— זעהר פיין, אָבער איך בעט אייך, ווען זייט איהר געשטאָרבען?

# דער בלינדער בעטלער

אין די לעצטע וואכען איז מיר עטליכע מאל אויסגעקומען פארביי צו געהן לעבען א טשוירטש אין ברוקלין, האב איך דארט געזעהן אן אינטערעסאנטען בלינדען מיט א שעהן פארקעמטער באָרד שטעהן מיט'ן קאפעלוש אין דער האנד אויסגעשטרעקט צו בעטען נדבות.

אויפ'ן האלז האט דער מענש געטראגען א האלצערנעם צלם, א ביסעל אפגעבראכען דעם שפיץ. איך האב אבער געמוזט שטעהן בלייבען, צו באטראכטען דעם בלינדענ'ס אויגען, ווייל דאס איז געווען א פאר אפענע אויסגעלאשענע אויגען, וועלכע האבען כסדר געקוקט אומבאוועגליך אויף איין פונקט און האבען געגעבען דעם פנים א פארשטארטען אויסדרוק.

געבויגען אין דרייען מיט'ן קאפעלוש אין דער האנד, האט דער מענש געהאלטען אין איין מורמלען, מאכענדיג נור מיט די ליפען, און איז אימיצער פארביי געגאנגען, האט ער שוין געטאפט אינעווייניג אין קאפעלוש, צי דער פארבייגעהער האט איהם נישט עפיס אריין געווארפען.

בלינד איז דער מענש געווען, טראצדעם האבען מיך זיינע אויגען דורכגענומען. עפיס האב איך אין זיי געזעהען א שרעקליכע טראגעדיע. אט האלט ער זיי אפען און זעהט גאר נישט. אומבאוועגליך שטאר איז זייער בליק, אויסגעלאשען אהן ליכט.

יעדעס מאל ווען איך בין פארביי־געגאנגען, האב איך מיך געמוזט אפשטעלען — און אריין־ווארפען איהם אין קאפעלוש א פעני.

דארף איך פלוצים שבת אין דער פריה געהן אין דער געגענד פון קאנעל סטריט, באגעגען איך א איד, אנגעטהון שבת'דיג, געהט זיך האפערדיג מיט'ן טלית אונטער'ן ארעם און א צופרידענער שמייכעל לייכט אויף זיין פנים. שטעל איך מיך אפ, באטראכט דעם מענש פון קאפ ביז די פיס — און דערקען אין איהם דעם בלינדען בעטלער פון פאר דער טשוירטש אין ברוקלין.

נעם איך און שטעל אפ דעם מענש אין מיטען סטריט און גיב איהם א פרעג, צי איך האב איהם נישט שוין ערגעץ געזעהן לעבען א טשוירטש אין ברוקלין. ווערט דער מענש שטארק פארווירט פון מיין פראגע. די אויגען ווערען ביי איהם פארלאשען און דאס פנים באקומט זיין פארשטארטען אויסדרוק. ער נעמט זיך אבער באלד צוזאמען און ענטפערט מיר:

— איהר האט א מיסטייק!

ערשט אצינד האב איך געזעהן, אז איך בין זיך שוין גאר נישט טועה. גענוי געזעהן האב איך פאר מיינע אויגען דעמזעלבען בעטלער פון פאר דער ברוקלינער טשוירטש, נור אנשטאט דעם צלם אויפ'ן האלז האט ער געהאלטען דעם טלית אונטער'ן ארעם.

דער איד איז באלד פארשוואונדען פון מיינע אויגען און איך האב איהם נישט מעהר געזעהן.

---

# געדאנקען־שפריצלעך

„כי יפתח איש בור" איז די טייטש, אז ווען אן „איש בור" ווערט א שרייבער און ער שרייבט נארישקייטען, „ונפל שמה שור או חמור", קען צו'ן איהם אריינפאלען בלויז אן אקס אדער אן אייזעל . . .

## די וועלט וואַרט...

אין דער אומרוהיגקייט פון אונזער געגענוואַרט איז די פאַנטאַזיע באַ־שעפטיגט מיט אַזעלכע פאַרשטעלונגען, וואָס זיינען נישט מעהר ווי טרוים־בילדער. אויף דער גאַנצער וועלט איז היינט די לאַגע אַזוי פאַרוויקעלט, אַז עס קען זי פאַרט קיינער נישט אויפפּלאָנטערן. ערוואַרטעט מען דאדורך, עס זאָל פּלוצים פונ׳ם הימעל אַרונטערפאַלען אַ ניי־געבוירענער העלד, וואָס זאָל מיט אַ שאַרף מעסער דעם פאַרפּלאָנטערטען קנופּ צוהאַקען. דענקען איינע, אַז דער דאָזיגער העלד וועט קומען פון אַ קעניגליכען טהראָן; דענ־קען דאַנגעגען אַנדערע, אַז ער וועט קומען דוקא פונ׳ם פאָלק.

די שאלה איז נור, ווי וועט מען עס קענען אויסהאַלטען, ביז דער ערוואַרטעטער העלד וועט קומען?...

---

## דער סוף פון רעוואָלוציאָנערען

יעדע רעוואָלוציע גאַרט צו אבסאָלוטע פרייהייט, ביז צו געזעצלאָזיג־קייט. אָבער די, וואָס פיהרען די רעוואָלוציע זיינען מעהרסטענס ביי זיך אליין נישט קלאָר, צו וואָס זיי שטרעבען. געוועהנליך ווילען זיי, אַז די רעגירונג און די געזעצגעבער פונ׳ם לאַנד זאָל זיך געפינען אין גוטע הענד. אַזוי ווי דאָס איז אָבער זעהר שווער צו דערגרייכען, פאַרוויקלען די רעוואָ־לוציאָנערען מיט זייערע אייגענע הענד דעם אייגענטליכען צוועק פון זייער שטרעבונג — און דער סוף איז דערנאָך, אַז עס ווערט שפּעטער ערגער רע־גירט ווי פריהער.

---

## אַלט-נייע גלייכווערטלאַך

די טייערסטע נעקטאַים טראָגען געוועהנליך אַזעלכע מענשען, וואָס עס וואָלט זיך גיכער פּאַר זיי געפּאַסט אַ שטריקעל...

* * *

אין רכילות קען אמאָל זיין אַ שטיק אמת, חאָטש דער רכילות׳ניק וויל גאָר נישט דערצעהלען דעם אמת.

* * *

ווען איך וואָלט געווען משה רבנו — האָט איינער אמאָל געזאָגט — וואָלט איך פּרעה׳ן געגעבען ניט מעהר ווי פיער מכות און די אידען וואָלט איך געהייסען טרינקען צעהן כוסות.

* * *

דער אייגענטימער פון אַ געוויסען רעסטאָראַנט האָט זיך אמאָל באַ־קלאָגט אויף זיינע קאָסטימער, וועלכע מיינען, אַז די גאָפּעל־מעסער פונ׳ם טיש זיינען אַ מין מעדיצין, וואָס מען דאַרף נעמען נאָכ׳ן עסען...

* * *

די צייט איז דער בעסטער רופא פאַר אַלע חולאת׳ן. דאָס שלעכטע איז נור, וואָס מען דאַרף איהם זעהר טייער צאָהלען פאַר יעדע רפואה.

# אונזער ליטעראַטור-קריטיק

ווען מיר נעמען זיך זוכען און נישטערען אונזער אַלטע ליטעראַטור, קומט אונז אויפ'ן געדאַנק איינער פון די ערשטע : שמ"ר. זאָגט וועגען איהם איינער פון אונזערע פראָמינענטסטע ליטעראַטור-קריטיקער דאָס פאָלגענדע:

„שמ"ר איז געווען ווי דער ערשטער נידריגער שטאַפּעל אין אַ לייטער. אַ סך דאַרפען איהם גאָר נישט האָבען, זיי שטעלען זייער פוס גלייך אויפ'ן צווייטען שטאַפּעל".

געפעלט מיר זעהר דער דאָזיגער משל. ווייל איך פלעג אין מיינע קינדערשע יאָהרען זעהר גערן קריכען צוזאַמען מיט חברים אויף לייטערס און מיר זיינען אויך אָפט אַרונטערגעפאַלען, ווען מיר האָבען געוואָלט איבערהיפּען אַ שטאַפּעל. דאָסזעלבע איז אויך אין אונזער ליטעראַטור. איהר קענט נישט שטעלען דעם פוס אויפ'ן צווייטען שטאַפּעל פון דער לייטער, ווייל דאָס טרעפּעל איז צו הויך פאַר אייערע פיס און איהר קענט זיך עפּיס קאַליע מאַכען אינעווייניג.

די אידישע ליטעראַטור קען נישט דערגרייכען די מדרגה פון אַן אמת'ער ליטעראַטור, ווי לאַנג איהרע קריטיקער און היסטאָריקער וועלען מעסטען די ווערדע פון די ערשטע ליטעראַרישע שעפּפער מיט דער מאָס פונ'ם „לעצטען וואָרט" אין דער געגענוואַרט.

ליטעראַטור איז איבערהויפּט ווי אַ מאָדע אין קליידונג. אייערנעכטען איז געווען אַ צייט פון „ראָקאָקאָ", נעכטען האָט מען געטראָגען קרינאָלינען מיט לאַנגע שלעפּען און היינט טראָגט מען קורצע קליידער מיט נאַקעטע קניען. פון דער אַמאָליגער ליטעראַטור ביז היינט איז אַזאַ חלוק ווי פון די דאַמאָלסדיגע הויכע פּריזורען ביז צו די געבאָבטע האָהר פון היינט.

זייט שמ"ר האָט אויפגעהערט שרייבען, האָט זיך דאָס לעבען געביטען אפילו אין ווילנא. און ווען מען וועט מיך ציען פאַר'ן צונג, וועל איך זאָגען, אַז אפילו קאַבצאַנסק און גלופּסק עקסיסטירען היינט נישט מעהר און פאַר די תלמידים פון די „נאַצ־ראַד שולען" זיינען מענדעלי'ס שילדערונגען ווי מעשיות פונ'ם „דור המדבר".

איך וויל דאָ נישט ריידען אַלס אַ ליטעראַרישער „פּוסק". איך וויל דאָ בלויז קאָנסטאַטירען דעם פאַקט, אַז זייט שמ"ר איז געשטאָרבען, האָט די גרויסע וועלט-ליטעראַטור אויך דורכגעמאַכט גרויסע איבערקערענישען און געצקעס פון דאַמאָלס ליגען היינט אין מיסטקאַסטען. טאָר מען זיך נישט וואונדערען, ווען דער געשמאַק פונ'ם אידישען לעזער האָט זיך אויך געענדערט.

וואָס שמ"ר'ס געגנער האָבען געהאַט אַ גרעסערען ערפאָלג ביי די אַזוי אָנגערופענע אינטעליגענטע אידיש-לעזער איז — לויט מיין מיינונג — די אורזאַך, ווייל די ערפאָלגרייכע שרייבער האָבען פשוט חוזק געמאַכט פון אידען, און ווי עס איז אַלגעמיין באַקאַנט, האָבען די אַזוי אָנגערופענע אינטעליגענטע אידען זעהר ליעב, צו לייענען אָפּשפּעטערישע מעשיות וועגען אידען. שמ"ר דאַגעגען פלעגט אַרויסציהען טרעהרען ביי זיינע לעזער. שמ"ר האָט געשילדערט אידישע טיפּען, וועלכע האָבען געמוזט אַרויסרופען סימפּאַ־

טיע. אַנדערע האָבען געשילדערט קאַריקאַטורען, און ווער עס האָט שטאַרקער קאַריקירט, דער איז געווען אַ מעהר געהויבענער שרייבער.

שמ״ר איז אַלזאָ אין מיינע אויגען נישט בלויז אַ קולטור־טרעגער און אַ קולטור־פאַקטאָר, נור ער איז פשוט אַ פּיאָניר פון דער אידישער ליטעראַטור. דוד פרישמאַן איז געווען אַ געגנער פון שמ״ר. טאָ איז וואָס? דוד פרישמאַן איז טאַקי געווען אַ באַריהמטער העברעאישער סטיליסט און אַ שאַרפער שעהנגייסט מיט טיעפע פּאָעטישע עמפּפינדונגען. פון דעסטוועגען מעג מען זיך ערלויבען צו זאָגען, אַז טאָמער איז ער געווען אימיצענ׳ס אַ געגנער, איז דאָס נאָך נישט קיין באַווייז, אַז מען דאַרף יענעם דן־זיין למיתה. פרישמאַן איז אויך געווען אַ געגנער פון פּרץ און אין איינער פון זיינע קריטיקען אויף פּרץ האָט ער געשריבען: „הנה הכתשתי את האויל הזה במכתש בתוך הריפות בעלי, אולי תסור מאתו ספרותו״, דאָס הייסט: אָט האָב איך דאָ צעשטויסען דעם דאָזיגען (פּרצ׳ן) אין אַ מערזער, גלייך ווי מען שטויסט גרויפּען מיט אַ שטויסעל, טאָמער וועט אַרויסגעהן פון איהם זיין ליטעראַטור. האָט אפשר די דאָזיגע קריטיק קלענער געמאַכט פּרצ׳ן אין אונזערע אויגען?

אורטיילענדיג וועגען שמ״ר, דאַרף מען נעמען אויפ׳ן זינען, אַז די אידישע ליטעראַטור האָט לײדער זעהר ווייניג לעזער פון דער אַזוי אָנגערופענער אינטעליגענץ; איז דערפאַר היינט די גאַנצע אידישע ליטעראַטור צום מעהרסטען אַ טענדענציעז־אַגיטאַטאָרישע פאַר סאָציאַליזם אָדער פאַר ציוניזם. אין רוסלאַנד ערשיינט בלויז אַ „פּראָלעטאַרישע״ ליטעראַטור, און וואָס עס האָט נישט צו טהון מיט ענינים פון פּראָלעטאַריאַט, איז דורכאויס „טאַבו״. גלייכצייטיג האָב איך לעצטענס געקראָגען אַן אינפאָרמאַציע פון היעגע בוכהענדלער, אַז נישט־פּראָלעטאַרישע ביכער אין אידיש האָבען זעהר ווייניג קונים. אויסערדעם דאַרף מען וויסען, אַז דער אידישער שרייבער פון היינט איז אויך ווייניג אַנטוויקעלט. יעדער, וואָס האָט דורכגעלייענט דריי־פיער ענגלישע אָדער רוסישע ביכלעך, ווערט באַלד אַ שרייבער מיט אַ נאָמען. אין רייזענ׳ס „לעקסיקאָן״ דערצעהלט אפילו איטליכער, ווי ער האָט ביי זיין פאָטער אין הויז געקראָגען אַ אידישע ערציהונג. מוז מען זיי דאָס טאַקי גלויבען. אָבער לויט ווי זיי קענען, דאַרף מען זיי זאָגען, אַז זיי וואָלטען זיך געמעגט הייסען צוריק־געבען דאָס רבי־געלד, וואָס זייערע טאַטעס האָבען געצאָהלט.

זעהר אָפט קומט מיר אויס, צו באַקלערען די צוקונפט פון דער אידישער ליטעראַטור — און ווען איך זעה ווי געוויסע קריטיקער באַ׳עוולה׳נען די בעסטע מענשען, וואָס אונזער ליטעראַטור פאַרמאָגט, וויל זיך מיר זאָגען אַז דאָס איז אין מיינע אויגען ווי די טהאַט פון ווילדע קאַניבאַלען, וועלכע הרג׳ענען אַמאָל אַ ווייסען מענש צוליעב דעם, וואָס זיי קענען נישט פאַרדויען דאָס פלייש פון אַן אַנדערן ווייסען, וועלכען זיי האָבען פריהער גע׳הרג׳עט. ביי אַ בעסערער שטימונג דאַכטען זיך מיר די פאָדערונגען, וואָס מען שטעלט צו די אידישע שרייבער, גלייך ווי מען זאָל וועלען אָנטהון אַ קבצן מיט פאַרבלאָטיגטע שיך און צוריסענע פּלודערען אין אַ נייעם טאָקסידאָ מיט אַ צילינדער...

דער שטאַרקסטער פאָרוואורף געגען שמ״ר איז, וואָס ער האָט דאָס שרייבען אַזוי צו זאָגען „מעכאַניזירט״. איינער אַ שרייבער איז געזעסען ביי שמ״ר׳ן אין דער דרוקעריי, איז אַריינגעקומען איינער פון די זעצערס

וועגן „קאפיע", האָט זיך שמ'ר אוועקגעזעצט ביים שרייב־טיש און וועה־רענד דער גאַסט האָט אין איהם אריינגערעדט, האָט ער געשריבען די פאָרט־זעצונג פון א ראָמאַן, איז דערפון געדרונגען, אז שמ"ר טויג נישט, ווייל ער האָט זיך נישט פריהער טובל געווען ש"י טבילות אָדער ער האָט נישט דערצעהלט דעם זעצער, אז ער דאַרף פריהער האָבען יחוד מיט'ן „מלאך היצירה". ווייל איך אויף דעם זאָגען: איך האָב שוין געזעהן די „חבלי לידה" פון פאַרשיעדענע שרייבער, וואָס קוואָקען וואָכן־לאַנג איבער דער קלענסטער ליטעראַרישער שאַפונג, גלייך ווי א הוהן קוואָקעט איבער אַן איי. איך האָב שוין געזעהן שרייבער, וואָס די ווייבער זייערע דאַרפען זיך פאַרבינדען דעם קאָפּ, ווען זיי העלפען דעם מאַן פאַרטראַכטען א שטיקעל ליטעראַטור. איך האָב אויך געזעהן, ווי מיכאל באַלוצקי (א פּראָמינענטער פּוילישער שריפטשטעלער) האָט געשריבען א ראָמאַן ביי אנטשיץ אין דער דרוקעריי. איך האָב צו'ן איהם גערעדט און ער האָט מיר געענטפערט, וועהרענד ער האָט געשריבען א ניי קאַפּיטעל אין זיין ראָמאַן. דאָסזעלבע האָב איך געזעהן ביי אונזער נחום סאָקאָלאָוו, וועלכער איז געזעסען מיטען אינ'ם טומעל אויפ'ן ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין באַזעל, און וועה־רענד ער האָט גערעדט מיט צעהנדליגער מענשען פון ארום איהם, האָט ער געשריבען צוויי אַרטיקלען: איינעם א העברעאישען פאַר דער „הצפירה" און איינעם א פּוילישען פאַר'ן „איזראַעליטאַ".

קען מען אפשר פון דעם אַרויסדרינגען, אז דער שריפטשטעלערישער טאַלענט זייערער איז דערפאַר א קלענערער?

---

## ווען א מענש ווערט דערהויבען

אין א געוויסער שטעדטעל איז געווען א רב און א דיין. האָט דער עולם מעהר געהאַלטען פונ'ם דיין ווי פונ'ם רב, ווייל דער דיין האָט זיך געפיהרט אויפ'ן שטייגער פון א חסידישען רבי'ן, ביז ער האָט אָנגעהויבען פּראַוועז טישען און נעמען „פדיונות". האָט דאָס דעם רב שטאַרק פאַרדראָסען, האָט ער אמאָל דעם דיין געפרעגט, ווי דאָס איז מעגליך, אז א פשוט'ער בשר־ודם זאָל פּלוצים איבער נאַכט ווערען א חסידישער רבי. האָט איהם דער דיין געענטפערט, אז דאָס איז גלייך ווי מען נעמט א ביסיל ווייץ און מען ערקלערט עס פאַר „תרומה", ווערט עס דאַן הייליג, און איינער וואָס איז נישט קיין כהן טאָר שוין נישט דערפון עסען. אזוי איז אויך ביי מיינס־גלייכען — האָט דער דיין צוגעגעבען — דער עולם האָט מיך אָנגערופען פאַר א רבי'ן, בין איך...

האָט אויף דעם דער רב געענטפערט:

— דער דיין זאָגט: „חרש שוטה וקטן שתרמו אין תרומתם תרומה"...

---

## ביי אַן אינדישען „פאַקיר"

— ביטע זעהר, געשעצטע פרוי, איהר ווינשט זיך, מסתמא, אָנגע־נומען צו ווערען דורכ'ן באַריהמטען אינדישען פאַקיר און העלזעהער סאַרוק אלי באַדזשאַמאַרא? ביטע זעהר, איך וועל באַלד מעלדען.

— יאָ, יאָ, זאָגט פישל־נחום'ען, אז עס איז געקומען צופאָהרען א שוועסטער זיינע פון וויעליטשקאַ!...

## נישט דערלעבט דעם נחת

אַן אָרעמע פרוי פון העסטער סטריט, וועלכע האָט אָפּגענומען נאָכ'ן טויט פון איהר מאַן אַ טויזענד דאָלאַר אינשורענס, האָט געזאָגט:

—אַ גאַנץ לעבען האָט זיך, נעבעך, מיין אַלטער געפּלאָגט און איצט, אַז גאָט האָט שוין צוגעשיקט אַ שטיקעל ישועה, דאַרף ער נעמען און אוועק־שטאַרבען.

## „שקר החן"...

דער פּסוק „שקר החן והבל היופי" האָט ר' יודא הערש ראָזלער איינגע־טייטשט, אַז איידער משיח וועט קומען, וועט דער „שקר" באַטראַכט ווערען אַלס אַ חן און דער „הבל" וועט זיין אַ שעהנקייט, „אשה יראת ה'", און טאָמער וועט זיך דאַמאָלס געפינען אַ פרוי אַ פרומע, „היא תתהלל", וועט מען זי באַטראַכטען פאַר אַ משונע'נע...

## אין דער לענג און אין דער ברייט

פונ'ם אַלטען אַלעקסאַנדערער רבי'ן ז"ל דערצעהלט מען, אַז ער פלעגט זאָגען: אויב אַ מענש וואַקסט אין דער הויך, אין הימעל אריין, שטערט ער קיינעם נישט, אָבער אַז איינער וואַקסט אין דער ברייט — שטויסט ער דאָך מיך.

## וואָס טהוט מען מיט שונאים?

אַ חסיד האָט זיך אַמאָל געקלאָגט פאַר זיין רבי'ן, אַז שונאים טהוען איהם שלעכטס, זאָגט צו'ן איהם דער רבי:

— דו האָסט דען נישט געוואוסט, אַז שונאים איז אַ שלעכטע סחורה?

— טאָ נאָך וואָס האָסטו דיר איינגעקויפט שונאים? איצט האָסטו איין עצה: נעם די שלעכטע סחורה און אַרבייט זי איבער...

## פאַרוואָס ער האָט זיך באַהאַלטען

קייזער פראַנץ־יאָזעף איז אַמאָל דורכגעפאָהרען דורך אַ קליין שטעד־טעל. זיינען אידען און גויים איהם געקומען מקבל פּנים זיין. נור ר' זושא בעל־מוח האָט זיך איינגעשלאָסען אין זיין שטוב און זיך נישט געוואָלט ווייזען.

— פאַרוואָס האָט איהר, ר' זושא, זיך אַזוי באַהאַלטען פאַר'ן קייזער?

— האָט איהם דער עולם געפרעגט, ווען דער קייזער איז אָפּגעפאָהרען.

— גלויבט מיר, ס'איז נישט בחנם — האָט דער בעל־מוח געענטפערט

— איך בין שולדיג שטייערען נאָך פון פאַר אַ יאָהרען, האָב איך מורא גע־האַט, טאָמער וועט מיך דער קייזער באַמערקען און ער וועט זיך דערמאָנען, צוזשיקען צו מיר דעם „קאָלעקטאָר"...

# דער גלגול פון אַן אייזעל

אין איינעם פון די ווייטע אַראַבישע לענדער האָבען געלעבט צוויי חברים,ביידע „האַדזשי׳ס״, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס זיינען שוין געווען אַמאָל ביים קבר פונ׳ם „נביא״ אין מעקאַ.

פון די דאָזיגע צוויי חברים איז איינער געווען אַ רייכער עפענדי, זעהר אַ רייכער, וואָס אַלאַה האָט איהם געבענשט מיט גרויס עשירות.

האָט ער פאַרמאָגט אַ לאַנגע שורה פעלדער, וואו עס זיינען געוואַקסען די שעהנסטע תבואות און עס האָבען זיך געפּאַסעט די בהמות פון זיין גרויסער סטאַדע. אויסערדעם האָט ער נאָך פאַרמאָגט אַ רייהע גערטנער מיט וויינטרויבען און פייגענבוימער, אוילבירטען און טייטלען, מילגרוימען און באָקסער.

אָט די פעלדער און גערטנער האָבען זיך געצויגען אַזוי ווייט, אַז ווען דער עפענדי איז אַרויסגעריטען אויף זיין אייזעל אין דער פריה, אַכטונג צו געבען, ווי אַזוי עס ווערט ביי איהם געאַרבייט, איז ער ערשט שפּעט־פאַר־נאַכט אַהיים-געקומען.

ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסען האַרעם מיט ווייבער. וואו עס האָט זיך נאָר אין זיין געגענד באַוויזען אַ פּרויענצימער, האָט ער זי אַריינגענו־מען אין זיין האַרעם. און טאָמער איז דאָס געווען אַ פרוי פון אַ מאַן, האָט ער זיך באַשטרעבט צו מאַכען אַזאַ פרוי פאַר אַן אלמנה, כדי ער זאָל זיך נישט דאַרפען פאַרזינדיגען פאַר אַלאַה, ווען ער וועט צונעמען דאָס ווייב ביי אַ פרעמדען מאַן.

די געגענד, וואו אונזער עפענדי האָט געוואוינט, איז נישט געווען ביים טראַקט, וואָס קאַראַוואַנען געהען דאָרט. האָט ער דערפאַר נישט געקענט פאַרקויפען זיינע תבואות, גלייך ווי ער האָט נישט געקענט אַליין פאַרברויכען אַלסדינג, וואָס איז אויף זיינע פעלדער און גערטנער געוואַקסען. פלעגט מען ביי איהם שפּייזען די אייזלען מיט ווייץ און די פּרוכטען אויף די בוי־מער פלעגען שטעהן אַזוי לאַנג, ביז זיי זיינען פאַרפוילט געוואָרען.

חוץ די פעלדער און די גערטנער האָט אונזער עפענדי פאַרמאָגט הונ־דערטער שקלאַפען, וועלכע זיינען געווען גרייט צו טהון אַלסדינג, וואָס דער באַלעבאָס וועט זיי הייסען. אויף זיינעם אַ וואונק האָבען הונדערטער הענד געוואָרט צו פאָלגען און הונדערטער פיס זיינען געווען גרייט צו לויפען.

אונזער עפענדי איז אויך געווען אַ גוטער, זעהר אַ גוטער. צומאָל פלעגט איהם אפילו איינפאַלען אַ קאַפּריז, אויסצוהונגערען זיינע שקלאַפען. פלעגט ער הייסען אָנצינדען אַ פייער, צו פאַרברענען אַלע זיינע תבואות, די שקלאַפען זאָלען נישט האָבען וואָס צו עסען. האָט ער אָבער דערביי נישט געמיינט קיין שלעכטס. ער האָט בלויז געזוכט די טובה פון זיינע שקלאַ־פען, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ווען שקלאַפען עסען זיך אָן צופיעל, פאַר־געסען זיי אָן אַלאַה און זיי געהען נישט מעהר אין זיינע וועגען.

נישט זעלטען איז איהם איינגעפאַלען, צו הייסען בינדען איינעם פון זיינע שקלאַפען, איהם אַ ביסיל דורכצוקלאַפּען. ס׳איז ביי איהם געווען אַ פאַרגעניגען צו קוקען, ווי דאָס בלוט פון דעם געשלאָגענעם שפּריצט אויף אַלע זייטען און דער געשלאָגענער קען דערביי באַשיינפּערליך זעהן, ווי גרויס אַלאַה איז און ווי ער האָט ליעב די מענשען, וואָס געהען אין זיינע וועגען.

מאנכעס מאָל האָט ער ביי אַזא געלעגענהייט געהאַט נאָך אַן אַנדערען צוועק, אַזוי צו זאָגען, אַ „ווירטשאַפטליכען". עס האָט זיך איהם געוואָלט זעהן, ווי לאַנג אַ שקלאַף קען אויסהאַלטען אָהן עסען, אָדער וויפיעל שמיץ אַזא שקלאַף קען אַריבערטראָגען.

זאָנסט איז אונזער עפענדי געווען זעהר אַ גוטמוטיגער מענש, שטענדיג גרייט יעגעם צו העלפען, ווי ווייט עס האָט זיך נור געלאָזט.

דער אַנדערער פון יענע צוויי חברים איז געווען אַן אָרימער דערוויש, וועלכער האָט גאָר נישט פאַרמאָגט. דער רייכער עפענדי האָט איהם אויך קיינמאָל גאָר נישט געגעבען, ווייל עס וואָלט נישט געווען רעכט פון אַ מענשען, ער זאָל זיך וועלען אריינמישען אין אַלאה'ס דרכים. און ווען אַלאה וויל, אַז איינער זאָל זיין אַן אָרימאַן, מוז מען איהם לאָזען בלייבען אַן אָרימאַן.

מאַנכעס מאָל האָט דער רייכער עפענדי יאָ געהאַט חשק צו געבען עטוואָס צו זיין חבר, דעם דערוויש. האָט דער דערוויש אַליין נישט געוואָלט נעמען קיין שום זאַך, אפילו נישט איינע פון עפענדי'ס פרויען, זאָגענדיג, אַז ווען אַלאה זאָל וועלען, וואָלט ער געהאַט איינענס און וואָלט נישט געדאַרפט אָנקומען צו קיינעמ'ס נדבה.

איז דאַן דער דערוויש איינמאָל געווען ביים „שייק אול איסלאַם" אין מעקאַ און ער האָט איהם דערצעהלט וועגען זיין פריינד דעם רייכען עפענדי, וועלכער וויל איהם עטוואָס שענקען און ער וויל נישט נעמען.

האָט דער „שייק אול איסלאַם" געזאָגט, אַז אַ קליינע מתנה וואָלט ער יאָ געמעגט נעמען, אַ שטייגער ווי: אַן אייזעלע, אויף וועלכען מען זאָל קענען רייטען, אָדער אַ שקלאַף, וואָס זאָל איהם באַדינען אויף זיינע רייזען. האָט זיך דער דערוויש דערמאָנט, אַז ער האָט טאַקי צוריק מיט יאָהרען פאַרמאָגט אַן איינענעם אייזעל, וועלכער האָט זיך ביי איהם נישט לאַנג געהאַלטען און ער איז גע'פגר'ט. איז דאָס געווען אַ טרייע בהמה, וואָס מען זעהט נישט מעהר איהרס גלייכען. האָט דער דערוויש איצט געדענקט, אַז ווען דער „שייק אול איסלאַם" זאָגט, אַז עס וועט נישט שאַדען זיין נשמה, וועט ער זיך לאָזען געבען פון זיין חבר דעם רייכען עפענדי עפּיס אַ קליינע מתנה, וועט ער ביי איהם פאַרלאַנגען אַן אייזעל אָדער אַ שקלאַף.

איז ער טאַקי באַלד געגאַנגען צו זיין חבר דעם עפענדי און ער האָט איהם דערצעהלט, וואָס דער „שייק אול איסלאַם" האָט געזאָגט און וואָס ער פאַרלאַנגט אַצינד.

האָט איהם דער רייכער עפענדי געענטפערט, אַז אַן אייזעל קען ער איהם איצט נישט געבען. ער איז אָבער ווילינג איהם צו שענקען איינעם פון זיינע שקלאַפען, וועלכער זאָל איהם דינען אַזוי טריי, ווי זיין אייזעל האָט איהם אַמאָל געדינט.

אויפ'ן באַפעהל פונ'ם עפענדי זיינען זיך דאַן צונויפגעקומען אַלע שקלאַפען פונ'ם עפענדי, דער דערוויש זאָל זיך אויסקלויבען איינעם פון זיי. איז דאַן דער דערוויש געשטאַנען אַ האַלבען טאָג און ער האָט געקליבען און בראַקירט — און ער האָט זיך נישט געקענט אויסקלויבען איינעם, וועגען וועלכען ער זאָל זיין זיכער, אַז ער וועט איהם אַזוי טריי דינען, ווי דער אייזעל זיינער האָט איהם אַמאָל געדינט.

האָט דער עפּענדי איינגעזעהן, אַז ער מוז דאָ אַליין נעמען אַ האַנד, דאָס קלויבען באַלד צו פאַרענדיגען — און נאָכדעם ווי דער עפּענדי האָט אויסגעהערט די מעלות פון יענעם גע'פגר'טען אייזעל, וואָס דער דערוויש האָט איהם דערצעהלט, האָט דער עפּענדי אַ זאָג געטהון צו זיינע שקלאַפען:

— וועלכער פון מיינע שקלאַפען איז צופרידען, צו ליידען אַלסדינג פון מיין האַנד, צו פאַרטראָגען הונגער און קלעפּ, נישט דענקענדיג וועגען מיר קיין שלעכטס, ווייל ער פאַרשטעהט, אַז איך בין אַ גוטער מענש און איך מיין נור די טובה פון מיינע שקלאַפען?...

איז איינער פון די שקלאַפען ארויסגעטרעטען און ער האָט אויף זיך אָנגעוויזען, אַז ער איז אַזאַ שקלאַף.

האָט דאַן דער עפּענדי אַ זאָג געטהון צום דערוויש:

— אָט דעם קענסטו דיר נעמען! פון זיינע רייד האָסטו געקענט זעהן, אַז ער איז וואהרשיינליך אַ גלגול פון דיין גע'פגר'טען אייזעל!...

---

# אַלט-נייע גלייכווערטלעך

ניט נאָר פליגען, נאָר מענשען קענען אויך קריכען אויף די גלייכע ווענט.

* * *

אַ מענש איז ניט קיין מלאך זאָגט די וועלט. דאָך קען ער אָפט זיין אַ מלאך המות.

* * *

ווען דו ווילסט אָפּשאַצען די גרויסקייט פון אַ מענש, איז אַ חלוק, צי יענער מענש איז גרויס גייסטיג אָדער פיזיש, ווייל ווען ער איז גייסטיג גרויס, איז בעסער איהם אָפּצושאַצען פון וויטען, איז ער אָבער פיזיש גרויס, דאַרף מען איהם אָפּשאַצען פון דער נאָהנט.

* * *

וויץ איז אַן ארומגעפּוצטע גראָבהייט.

* * *

מיין טאַטע ע"ה פלעגט זאָגען, אַז עס זיינען פאַראַן מענשען, וואָס עס איז אַ גרעסערע חרפה, צו זיין מיט זיי ברוגז, איידער צו זיין גוט מיט זיי.

* * *

פאַראַן פּראָפעסיאָנעלע קריטיקער אין אַ רעסטאָראַן, וואָס ערלויבען זיך צו זאָגען דאָרט אַזוינס, וואָס זיי וועלען נישט קיינמאָל זאָגען צו דער אייגענער ווייב. עטוואָס עהנליכעס קען מען אַמאָל זעהן אין דער ליטעראַ־טור, ווען דער קריטיקער זאָגט וועגען אַנדערע, וואָס ער וואָלט געדאַרפט זאָגען וועגען זיך אַליין.

* * *

דער שכל האָט קיין פּיס נישט, ער פאָהרט אָבער בעסער ווי דאָס טייערסטע פערד...

* * *

ביי דעם רייכען האָט דער אָרימאַן אַ קלענערע צורה, ווי אַ צורת מטבע.

# די עגונה

לעבען א שוהל אויף דער נויארקער איסט סאיד זעה איך זי זייט עטליכע חדשים כמעט יעדען טאג, געבויגען אין דרייען זיצט זי אויף א קליין בענקעלע מיט א קינד פון לערך א יאהר אלט אויף דער שויס. א טעלער׳ל שטעהט ביי איהרע פיס אויף אריין צו ווארפען נדבות און אינ׳ם טעלער׳ל ליגט קיינמאל נישט מעהר ווי איין סענט. דאס קינד אויף דער שויס זעה איך צומאל שלאפען און צומאל זעה איך עס זויגען די ברוסט ביי דער מוטער. נור ווען עס זויגט די ברוסט, זעה איך ווי עס גיט א ציה און לאזט נאך, וויינט א ביסעל, ציהט ווייטער די ברוסט, לאזט זי נאך און וויינט.

עס פאראינטערעסירט מיך און שטעל מיך אפ, ווארף אריין א פעני אין טעלער׳ל און הער ווי די אידענע זאגט צום קינד: „דיין טאטע זאל אזוי כח האבען צו לעבען, צי איך קען זויגען. ימח שמו, איבערגעלאזט מיך א ווידטע עגונה מיט זעקס קליינע קינדער!”...

געריהרט פון די עטליכע פארוועהטיגטע ווערטער, טהו איך א טיעפען זיפץ. אן אומגליקליכע מוטער רעדט זיך אויס דאס ביטערע הארץ פאר איהר שטומער בייבי, רודערט עס אויף דאס טיעפסטע געפיהל. איך וויש אפ א טרער פון מיינע אויגען און געה ווייטער. גערן וואלט איך דא געהאלפען, איך האב אבער נישט קיין כח.

פלוצים דאכט זיך מיר אמאל, אז דאס קינד אויף דער שויס ביי דער עגונה האט געענדערט די צורה. נעכטען איז עס געוועזן בלאנד און היינט איז עס ברונעט. מאכט עס מיך זעהר נייגעריג און איך באשליס ביי מיר, בעסער צו וואטשען. עפיס איז דא נישט אין דער ארדנונג. מיט אמאל טרעף איך גאר ווייטער אן אנדער קינד זיצען ביי דער אידענע אויף דער שויס. א קינד מיט בלאנדע האהר, נור איך דערקען, אז עס איז נישט דאס ערשטע בלאנדע קינד.

אזוי שטעה איך פאר א רעטעניש און קען עס מיר גאר נישט אויפלעזען, ביז איך געה פארביי פאריגע וואך און הער א געשריי:

— חצופה! אן עגונה ביזטו? ווארט, איך וועל דיר ווייזען! נארסט אפ א וועלט מיט אויסגעבארגטע קינדער.

איך הער דאס ווארט „אויסגעבארגטע קינדער”, טהוט עס מיך א ציה ביים הארץ. איך האב חרטה פאר אזוי פיעל מיטלייד, וואס איך האב געהאט אויף דער אידענע. שטעל איך מיך אפ, איך זאל מיך קענען בעסער צוהערען צו דער צאנקעריי. עס אינטערעסירט מיך, צו דערגעהן דעם אמת.

הויב איך אן אויסצופרעגען, וואס עס געהט דא פאר, חאפט מיך די אנדערע אידענע אן ביים לאץ פונ׳ם ראק און דערצעהלט מיר א לאנגע געשיכטע פון איהרע צרות. טרעהרען שטיקען איהר שטימע ביים דערצעהלען און איך באקום אויך פייכטע אויגען. יענע איז גאר נישט קיין עגונה. די אמת׳ע עגונה איז טאקי נור זי אליין. איך קוק מיך איין אין איהר פנים און זעה, אז זי זעהט אמת׳דיג אויס ווי אן עגונה. אזא צורה בעט זיך ביי א מאן, ער זאל זי מאכען פאר אן עגונה.

זי דערצעהלט מיר אויך, אז זי איז די מאמע פון דעם בלאנדען קינד, מיט וועלכען די פאלשע עגונה האט אין די לעצטע עטליכע וואכען געבע־

טעלט. פאַר אויסלייזען דאָס קינד האָט זי איהר געפּלעגט צאָהלען א קוואָ־דער א טאָג. היינט וויל זי איהר גאָר פּלוצים נישט מעהר צאָהלען ווי 20 סענט. פאַר צוואַנציג סענט לוינט זיך גאָר נישט אוועק צו געבען אזא שעהן קינד ווי איהרס אויף א גאַנצען טאָג. האָט זיך די עגונה באַזאָרגט און אנדער קינד, מוז מען אצינד באַקאַנט מאכען די גרויסע עולה אויף דער גאַנצער וועלט; יעדער זאָל וויסען...

ווער ווייסט ווי לאַנג די אידענע, די אמת׳ע עגונה, וואָלט מיך געוועז געהאַלטען ביים לאַץ, ווען עס זאָל נישט געוועז צוקומען א מאַן, פאַר וועל־כען זי האָט זיך נעבעך דערשראָקען און איז אַנטלאָפען.

נעכטען געה איך ווייטער פאַרביי פאַר יענער סטרית, זעה איך ווייטער די עגונה, די פאַלשע, הייסט עס, זיצען אין דרייען געבויגען מיט א קינד אויף דער שוים און לעבען איהרע פיס שטעהט א טעלער׳ל אויף נדבות. איך קוק אַן דאָס קינד און זעה, אז עס האָט שווארצע האָהר. און איך הער, ווי די אידענע קלאָגט זיך שטיל גלייך זי זאָל רעדען צום קינד: „איבערגע־לאָזט א וויסטע עגונה מיט זעקס קליינע קינדער״.

---

## ווערטער אָהן אַ טייטש

ראש־השנה ביי שחרית שטעהט א איד אין שוהל און שרייט אויפ׳ן העכסטען קול: אלו ואלו בטכס מטכסים... אלו ואלו בפצח מפצחים... אלו ואלו בצפצוף מצפצפים... געהט צו׳ן איהם צו א איד א שטיקעל יודע־ספר און טהוט איהם א פרעג:

— ווייסט איהר האָטש די טייטש פון די אלע ווערטער, וואָס איהר זאָגט?

ענטפערט דער איד:

— טייטש, שמייטש! מיט אזעלכע שווערע ווערטער גיבען מיר דעם אויבערשטען אָן אַנצוהערעניש, ער זאָל וויסען, ווי שווער עס איז די פּרנסה. זאָגסט האָבען אלע ווערטער דיזעלבע טייטש און זיי הייסען: „רבונו של עולם, גיב פּרנסה!״

---

## טייערע עברות

מען האָט אמאָל איינעם געפרעגט, פאַר־וואָס ער געהט נישט צו תשליך. האָט ער אויף דעם געענטפערט:

— מיינע זינד קאָסטען מיך זעהר טייער, איז מיר פּשוט א שאָד, צו נעמען זיי אריינוואַרפען אין וואַסער.

---

## אַ ברכה איבער אַ לייב

א באַוואוסטער עם־הארץ, וועלכער פלעגט וועלען שפּיעלען די ראָלע פון א יודע־ספר, האָט זיך אמאָל פּאַרועט, צו באַווייזען, אז עס איז פאַראַן א ברכה, וואָס מען דאַרף מאַכען, ווען מען זעהט א לייב — און צו באַוויי־זען, אז ער האָט רעכט, האָט ער געוויזען אין סדור׳ל די ברכה „אשר קדשנו במצוותיו וצונו על העריות״.

# איינזאַם אין מיטען טומעל

אָפט דערפיהל איך מיך גאָר פּלוצלינג
איינזאם און פארלאָרען אין דער וועלט,
ווען ארום מיר רוישען פרייד און ווערטער —
און אין מיר טיעף הויזט א בייזע קעלט.

אין מיין זעעלע פיהל איך דאן א בענקשאפט
און בין פרעמד צו דעם, וואָס רינגעלט מיך ארום:
מען רעדט צו מיר און כ׳ענטפער אַלעמען,
נור מיין הארץ דאבייַ איז טויב און שטום.

איך זעה ארום זיך שמייכלענדיגע בליקען,
ווייל איך מיין מחשבה מיט׳ן שמועס פארשפּינען:
טראַכט איך פּלוצים, אז איך בין פארגעסען —
ס׳האָט מיך קיינער דאָ נישט מעהר אין זינען.

ווי קולות פון גאַנץ ווייט הער איך ווערטער,
מיין הארץ שווייגט אָבער און עס שלאָגט פון מיר א קעלט:
אזוי פיהל איך אָפט מיך איינזאם און פארלאָזען,
ווען ארום מיר רוישט און זיך באַוועגט א וועלט.

---

## ער איז גערעכט

ביים אַלגעמיינעם טיש פון א האָטעל דערלאנגט דער קעלנער א שיסעל מיט פיש.

ווען ער איז צוגעגאנגען צום עק טיש, וואו עס איז געזעסען אַן אריס־טאָקראַט מיט א פּשוט׳ן איד, זיינען געבליבען מעהר נישט ווי צוויי שטיק־לעך פיש, א גרעסערס און א קלענערס. האָט דער איד גענומען דאָס גרע־סערע, פאַרדריסט עס דעם אריסטאָקראט און ער זאָגט:

— אַן אַנשטענדיגער מענש רעכענט זיך מיט׳ן צווייטען.

— איהר וואָלט דען גענומען דאָס קלענערע שטיקעל, ווען איהר וואָלט געווען דער ערשטער?

— פארשטעהט זיך, אז יאָ!

— האָט איהר דאָך דאָס קלענערע, איז וואָס זשע איז דער כעס?

---

## אַ שאלה וועגען אַרבייטען אום שבת

אזוי ווי שבת איז נישט נוהג קיין אבלות און מען דאַרף נישט זיצען קיין שבעה אום שבת, האָט א רעפאָרם־ראַביי גע׳פּסק׳נט, אז אַן אבל מעג דאמאָלס געהן אין שאפּ אריין ארבייטען.

# מענשען מיט פּושקעס

אויף ריווינגטאָן סטריט איז געשטאַנען אַ טויטען־וואָגען, אַרום־גע־רינגעלט מיט אַ מחנה ווייבער, פון וועלכע עס האָבען אייניגע געוויינט אויפ'ן קול וועהרענד די אַנדערע האָבען געחליפעט שטיל און געווישט די אויגען מיט די פאַרטוכער. אויףביידע זייטען סטריט זיינען געשטאַנען די באַגלייטער פון דער לויה און הינטער דעם וואָגען איז געשטאַנען אַנגע־גרייט אַ לאַנגע שורה קערידזשעס. לעבען זיי זיינען ווייטער געשטאַנען עטליכע מענשען מיט פּושקעס אין די הענד, וועלכע האָבען כסדר געדופען: „צדקה תציל ממות!"

דאָס בילד האָט געוויזען, אַז מען האָט דאָ צו טהון מיט עפּיס אַ חשוב'ן מת. ווער האָט אָבער צייט אין אַמעריקאַ, אומצוקוקען זיך אויף לוויות און אָפּצושטעלען זיך ביי מתים? בין איך דאַדורך געגאַנגען ווייטער מיין וועג.

זעה איך אויף קאָרנער דילענסי שטעהען צוויי אידען מיט פּושקעס אין די הענד, קלאַפּען און שרייען „צדקה תציל ממות!" — פרעגט זיי אַ איד: „וואו איז די לויה?" ווייזען זיי מיט די פינגער אויף קאָרנער רי־ווינגטאָן.

שטעלען זיך אָפּ די פאַרביינעהער פאַר די פּושקעס און וואַרפען אַריין זייערע פּענים. די אידען מיט די פּושקעס לאָזען אויך נישט דורך קיינעם, שטופען צו די פּושקעס צו יעדער נאָז און גרילצען איטליכען אין די אויערען: „צדקה תציל ממות!"

באַמערק איך, ווי לייכט עס איז צו ציהען פּענים ביים עולם, ווען מען געפינט זיך אין שכנות פון אַ טויטען.

צוקוקען זיך לענגער האָב איך אָבער נישט געקענט. איך האָב געדאַרפט צוגעהן אויף אַ פּלאַץ און פאַרברענגען דאָרט אַ צייט פון 20 מינוט. ביים געהן צוריק האָב איך שוין געטראָפען די לויה נאָהענט צו דער וויליאַמסבורג בריק און די צוויי אידען מיט די פּושקעס זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען אויף עסעקס קאָרנער דילענסי. זיי זיינען שוין אָבער נישט געשטאַנען ביידע אַזוי פריעדליך ווי פריהער. ביידע האָבען זיך געצאַנקט און אויסגעמישט מיט דער בלאָטע.

— קענסט מיר נישט זאָגען, פאַר ווען דו שנאָרסט מיט דיין פּושקע דו פּייקער!

— געהסט אוועק, ממזר'שער גנב, ווייל איך גיב דיר שוין אַ פאַרפאַהר צווישען דיינע טרפ'נע אויגען!

— אַזאַ געזונטער יונגאַטש שעהמט זיך נישט צו פּייקען מיט אַ פּושקע.

די קולות זיינען געגאַנגען „עד לב השמים" — און איך האָב מיך באַלד משער געווען, וועגען וואָס פאַר אַ מחלוקה עס האַנדעלט זיך דאָ. ביידע שנאָרען מיט די פּושקעס פאַר זיך אַליין, ברענט צווישען זיי אַ קנאה פון איינעם געגען צווייטען.

בין איך זעהר נייגעריג צו וויסען, ווי אַזוי די מחלוקה וועט זיך ענ־דיגען, בלייב איך שטעהן אויפ'ן פּלאַץ. מאַכט זיך דערווייל אַ רעדעל מענ־שען און עס קומט אָן אַ דריטער איד, וועלכער טהוט אַ געשריי אויף ביידע:

— פּייקערס, אַ רוח אין אייער — — ביז צום זיידע'ן תרח! שוין זאָלט איהר זיך אָפּטראָגען פון דאַנען, ווייל איך לאָז אייך אַרעסטירען!

דערהערען די צוויי אַזעלכע שטרענגע דבורים, נעמען זיי זיך און גע־

הען אוועק. פאר'ן אוועקגעהן איז נאך איינער דעם אנדערן פארפאהרען מיט דער פושקע איבער'ן קאפ. נור דאס האט שוין קיינעם נישט אינטע־רעסירט.

און ווי די צוויי אידען זיינען אוועק, נעמט דער דריטער איד ארויס א פושקע פון אונטער זיין פאלע, הויבט אן צו קלינגען מיט איהר און שרייט מיט א רחמנות'דיג קול: „צדקה תציל ממות!”

געה איך צו צום איד און פרעג איהם:

— וואו איז די לויה?

ענטפערט ער:

— פאר איין פעני ווילט איהר א לויה? און אהן א טויטען טאר מען נישט בעטען א פעני ביי אידען?

---

## געדאנקען־שפריצלעך

א צו־פיעל געדולדיגער מאנספארשוין קען אומגעדולדיג מאכען די געדולדיגסטע פרוי.

* * *

דער דייטשער פילאזאף ניעטצשע זאגט, אז ווער עס ווייזט ארויס מעהר רעספעקט צו דעם, וואס דענקט גלייך מיט איהם, איידער צו דעם, וואס דענקט אנדערש ווי ער, דער איז א פארדארבענער מענש.

* * *

געטהע זאגט, אז קיין שום גרויסע רעוואלוציע קומט נישט צוליעב די שולד פונ'ם פאלק, נור פון דער רעגירונג. רעוואלוציעס זיינען גאנץ אומ־מעגליך, ווי באלד די רעגירונגען זיינען באשטרעבט, צו זיין גערעכט אין זייערע האנדלונגען. וויניגסטענס טיילווייז צו ערפילען די פארלאנגען פונ'ם פאלק, נישט ווארטענדיג ביז עס וועט אויף זיי דאס נויטיגע ארויף־געצוואונ־גען ווערען פון אונטען...

* * *

שפאנישע קעניגע פלעגען זיך באריהמען, אז אין זייער לאנד געהט נישט קיינמאל די זון אונטער, די מלוכה זייערע איז אזוי גרויס, אז ווען עס איז אין איין טייל פון זייער לאנד טאג, איז דאמאלס נאכט אין אן אנדערן טייל. האט אויף דעם קאנט געזאגט, אז דאס איז גאר נישט וויכטיג, ווייל עס איז פיעל וויכטיגער, צו וויסען, וויפיעל און ווי ווייט עס האבען יענע קעניגע ביים ליכט פון דער דאזיגער זון געזעהן...

* * *

ווען איינער זאגט, אז וועלכעס פאלק איז נישט רייף פאר פרייהייט, איז דאס אין מיינע אויגען, גלייך ווי מען זאל זאגען, אז די מענשען פון א געוויסען לאנד קענען נישט שווימען אויף דער יבשה.

* * *

ווער עס קוקט זיך גוט צו צו דער אנטוויקלונג פונ'ם לעבען, קען אויף א גרינגען אופן זעהן, ווי די צייט ענדערט אלעס — און וואס עס איז פאריגעס יאהר געווען גוט און שעהן, קען היינט ערקלערט ווערען פאר פולשטענדיג שלעכט און מיאוס.

# דער הויזקיפּער

געה איך מיר אזוי אַנומעלט אויף נאָרפאָלק סטריט, טרעף איך דאָרט א גאַנצע חברה ווייבער שטעהען ארגומענטירענדיג מיט זייער הויזקיפּער און שרייען אויף איהם מיט באַנומענע קולות. שטעהט דער מענש מיט אַן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, מאַכט ארום זיך אַן „עגול" מיט'ן בעזים און טענה'ט עפּיס שטילערהייד, קוים וואָס מען הערט איהם. לעבען דעם מענש שטעהען דריי אויסגעבלייכטע קינדער, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, צווי־שען 8 און 12 יאָהר אַלט, צוזאַמענגעקאַרטשעטע און צוגעטוליעטע איינע צו דער אַנדערער. פאַרלירט ענדליך דער מענש די געדולד און הויבט אויף דעם בעזים געגען איינער פון די פרויען, פאַרפלאָנטערט די אידענע איהרע הענד אין זיינע האָהר און שפּייט איהם אַן א פול פּנים.

— לעבען זאָלט איהר אזוי, צי איהר וועט דאָ בלייבען הויזקיפּער!

— טהוט זי א קוויטש און געהט אוועק מיט כעס. נאָך איהר געהען אויך אוועק די אַנדערע ווייבער.

ווישט זיך דער איד אָפּ דאָס פּנים און די קינדער לאַשטשען זיך צו איהם. נעמען איהם קושען און האַלזען — און דאָס עלטעסטע מיידעלע צעוויינט זיך אויפ'ן קול.

בין איך נייגעריג צו וויסען, וואָס עס געהט דאָ פאָר. דערצעהלט מיר דעם מענשענ'ס א שכן, אז דאָס איז א הויזקיפּער, אַן אַלמן, האָט נעבעך נישט קיין ארבייט שוין זינט דריי יאָהר, געהען די קינדער פאַרקויפען פּיי־פּערס און דער פאָטער איז א הויזקיפּער, ער זאָל נישט דארפען צאָהלען קיין רענט.

זיינען די ווייבער געגען דעם אידישען הויזקיפּער. פריהער איז דאָרט געווען אַן איירישער הויזקיפּער, פלעגט ער אָנטהון גרויסע צרות, טהון אַצינד די ווייבער דאָסזעלבע צום אידישען הויזקיפּער. יענער האָט דאָס הויז נישט ריין געהאַלטען. מען האָט עס אויך פון איהם נישט געקענט פאַרלאַנגען, ווייל עס האָט זיך איהם נישט געוואָלט מקפּיד זיין אויף אידישען שמוץ. ער האָט אפילו געשלאָגען די אידישע קינדער. מען האָט זיך אָבער נישט געקענט שטעלען געגען איהם. קיינער וויל זיך נישט געהן איינרייסען מיט א גוי.

דער איד האַלט אפילו דאָס הויז ריין און באַגעגענט יעדע שכנה מיט'ן גרעסטען דרך־ארץ. פאַרלאַנגט ער אָבער אַזעלכעס, וואָס עס קען קיינער נישט אויספיהרען. אַזוי פאַרלאַנגט ער, למשל, מען זאָל אויסקלייבען די פּייפּערס פון צווישען די אַשעס. און דאָס איז ער דאָך נישט קראַנק, אַליין צו טהון. זאָגסט איז דאָך די שאלה, צו וואָס טויג איבערהויפּט א אידישער הויזקיפּער?

מיט אידען איז נישט גוט צו האָבען צו טהון — דערצעהלט מיר וויי־טער יענער שכן. ליידען אַמאָל פון א גוי, מוז מען. עס וואָלט זיך זאָגסט פאַרגעסען, אז מען איז אין גלות, אָבער ליידען צרות פון א הויזקיפּער א איד, ווייל נישט קיינער. וועט מען מוזען געהן צום לענדלאָרד, ער זאָל דעם איד ארויסוואַרפען און צוריק אריינעמען דעם איירישען הויזקיפּער פון בעפאָר.

# די מאָראַל פון מלחמה

אַן אומשולדיגער סאָלדאַט ווערט באַשולדיגט אין אַ פאַרברעך, וועלכען ער איז נישט באַגאַנגען, דאַרף מען אָבער אָפּשרעקען די אַנדערע סאָלדאַטען, זיי זאָלען קיינמאָל נישט באַגעהן אַזאַ פאַרברעך, פאַראורטיילט מען יענעם סאָלדאַט צום דערשאָסען ווערען, חאָטש ער איז אומשולדיג, ווייל עס פאָדערט דאָס די קריעגספיהרונג, ווייל דאָס איז נויטיג צוליעב פּאָליטישע, צוליעב מיליטערישע, צוליעב ערציהערישע טעמים. אַז מען וועט יענעם סאָלדאַט דערשיסען, וועט עס ווירקען זעהר גוט אויף די סאָלדאַטען אין פראָנט. דאָס וועט זיי אָנשרעקען, דאָס וועט דערשטיקען אין זיי די שלעכטע מדה צו חבר'ן זיך מיט דעם שונא, סיי אין דעם געפאַנגען־לאַגער, סיי אין די טרענטשעס. קיין זאַך איז נישט אַזוי געפעהרליך פאַר די ציעלען פון אַ מלחמה ווי די פאַציפיסטישע שטימונגען. און דער קריג פאָדערט דאָך סיי ווי סיי אָהן אַ שיעור קרבנות. טאָ וועט זיין מיט נאָך איין קרבן מעהר. ס'איז נישט קיין גרויס אומגליק, אויב עס וועט אויפהערען צו עקסיסטירען אויף דער וועלט אָט אַזאַ כאַמולעץ — און זאָל מען זיך דערביי נישט צוגיסען אין סענטימענטאַליטעטען און זאָל מען נישט דעקלאַמירען וועגען אמת און וועגען יושר. עס איז קריעג און אין קריעג איז נישטאָ קיין אמת און קיין ליגען, קיין גרויזאַמקייט און קיין מיטלייד, קיין שולדיגקייט און קיין אומשולדיגקייט. עס זיינען בלויז דאָ זיגער און באַזיגטע. וואויל איז צו די זיגער און וועה איז צו די באַזיגטע. און ווער עס וועט זיגען — יענער וועט זיין דער קלוגערער און דער שענערער און דער עהרליכערער. יענער וועט אויך האָבען פולשטענדיג רעכט, וואָס ער האָט געשלאָגען כפרות מיט איינעם פון זיינע סאָלדאַטען, אַלצאיינס, צי ער האָט עפּיס באַגאַנגען אַ פאַרברעך אָדער נישט.

און וואָס איז דאָס בכלל פאַר אַ ויכוח וועגען איין סאָלדאַט? דאָס איז אַ פּלאַפּלעריי פון רודפי־שלום'ניקעס. אָבער פאַר אַ גענעראַל־שטאַב איז גענוג, וואָס ער געהערט צום צווייטען צד. די אינטערעסען פון אונזער צד פאָדערען, אַז ער זאָל זיין שולדיג — טאָ ווער דאַרף זיך קימערען וועגען זיינע עדות? ווען מען דאַרף איז עס, וואָס אַן אונטעראָפיציר און אַ פעלדוועבעל האָבען אונטער אַ שבועה באַשטעטיגט, אַז דער מענש איז נישט שולדיג. זאָלען זיי זיך דאָרט האַלטען מיט זייערע אַקטען און פּראָטאָקאָלען — אָט די בטלנים מיט זייערע שרייבערלעך. דאָס זיינען כאַראַקטערלאָזע, קורצזיכטיגע מענשען, וועלכע האָבען גאָרנישט געלערנט און גאָרנישט פאַרגעסען. אָט די דאָזיגע קליינקעפּיגע און קליינמוטיגע בעלי יושר ווייסען נִיט, אַז אין פּראָצעסען, וואָס קומען פאָר אין דער אַטמאָספערע פון געזעלשאַפטליכע ליידענשאַפטען, האַנדעלט עס זיך נישט וועגען דעם אַבסאָלוטען אמת, נור וועגען דעם היימישען „אמת" פון דעם אָדער יענעם צד. צי האָבען טאַקי אַלע פראַנצויזישע גענעראַלען געגלויבט, אַז קאַפּיטאַן דרייפוס האָט פאַרראַטען? זיכער נישט. אין געגענטייל, פיעל פון זיי האָבען גאַנץ זיכער געוואוסט, אַז דרייפוס איז אומשולדיג. זיי האָבען אָבער געהאַלטען, אַז אויב די אַרמיי פאָדערט אַ קרבן, מוז מען איהר איהם געבען. עס איז דורכאויס נויטיג אונטערצוהאַלטען אַ פּיבערהאַפטע שטימונג און אַ הייליגען

גרימצאָרן אין מיליטער, כדי צו מאכען דעם סאָלדאַט שלאָגפערטיג. אזעלכע פּאָליטישע פּראָצעסען זיינען געווען אַ סך. און אַט אין די אַלע פּראָצעסען האָבען מענשען געמאַכט פאָלגענדען פּשוט'ן חשבון: צי דער מענש, וואָס זיצט אויף דער באַשולדיגונגס־באַנק איז שולדיג אָדער נישט—וועגען דעם זיינען די מיינונגען געטיילט. עס זיינען דאָ 50 פּראָצענט, אַז יאָ און 50 פּראָצענט, אַז ניין. אָבער אין איין זאַך בין איך 100 פּראָצענט זיכער, נעמ־ליך, אַז פון'ם שטאַנדפּונקט פון מיין פּאַרטיי איז גלייכער, אַז מען זאָל איהם, דעם מענש פון דער געגנערישער פּאַרטיי, אנערקענען פאַר שולדיג און מען זאָל איהם פיהרען צו דער תליה און מען זאָל זיין פּאַרטיי שטעלען צום שאַנד־סלופּ און געבען איהר אַזאַ קלאַפּ, אַז זי זאָל נישט מעהר קענען דעם קאָפּ אויפהויבען.

## די טעות'ן פון דקדוק

איינער אַ חסיד האָט אַמאָל אַרגומענטירט וועגען דקדוק און ער האָט געזאָגט:

— אַט וועל איך דיר ברענגען אַ ראיה פון דער תורה, אַז דער גאַנצער דקדוק טויג נישט. אַזוי שטעהט, למשל, אין מגלת אסתר, ווען מען האָט צונויפגעקליבען מיידלעך פאַר אחשורוש'ן „ובזה הנערה באה אל המלך", אַז די נערה איז געגאַנגען צום קעניג צוזאַמען מיט אַ „זה", קען מען אַלזאָ דענקען, אַז אחשורוש איז געווען אַזאַ טפּש, וואָס ער האָט געזאָלט אָננעמען אַ מיידעל, וועלכע איז צו'ן איהם געקומען צוזאַמען מיט אַ זכר? ... און ביי אהרן הכהן שטעהט ווייטער „בזאת יבא אהרן אל הקדש", אהרן הכהן איז געגאַנגען מקריב זיין קרבנות מיט אַ „זאת" ...

## אויך מיר אַ וואונדער!

איינער דערצעהלט דעם צווייטען:

— מיין פאָטער איז קיין עין־הרע אַ שאַרפער זקן. ער איז שוין באַלד אַ בן־תשעים ...

— אויך מיר אַ גרויסע זאַך! — לאַכט דער צווייטער — ווען מיין פאָ־טער וואָלט היינט געלעבט, וואָלט ער שוין געווען אַזוי אַלט, ווי משה רבנו ווען ער איז געשטאָרבען.

— און ווי לאַנג איז ער שוין טויט? — האָט יענער געפרעגט.

— אַריבער זעכציג יאָהר! — האָט דער אַנדערער געענטפערט מיט אַ שמייכעל פון נצחון.

## קינדערלאָזיגקייט ווערט אָפּגעלייקענט

צייטונגס־רעפּאָרטער (צו'ן אַ פּראָפעסאָר): וואָס דענקט איהר, העררפּראָפעסאָר, וועגען דעם, וואָס מען זאָגט, אַז די קינדערלאָזיגקייט פאַרשפּרייט זיך אין לאַנד?

פּראָפעסאָר: אומזין, איך האָב אַריבער פערציג שילער אין מיין קלאַס און קיין איינציגער פון זיי שטאַמט נישט פון קינדערלאָזע עלטערן.

## נאָך וואָס דאַרף אַ איד אַ באָרד?

אַ קל במצוות האָט אַמאָל געפרעגט דעם גאון ר׳ חיים וואָלאָזשינער.
— נאָך וואָס דאַרף אַ איד זיך לאָזען וואַקסען אַ באָרד אַרום מויל? צי איז דען נישט שעהנער זיך גלאַט אָפּצוראַזירען?
האָט איהם ר׳ חיים צוריק געענטפערט:
— נאָך וואָס דאַרף מען אַרומצאַמען אַ גאָרטען מיט אַ פּאַרקען?
— כדי אַ חזיר זאָל אַמאָל נישט אַריינקריכען און צוטרעטען דאָס פאַרזייהטע און פאַרפלאַנצטע — האָט געענטפערט יענער „חכם”.
— אויך אַ באָרד פאַרהיט, אַז אַ חזיר זאָל נישט פאַרקריכען אַמאָל אין מויל אַריין! — האָט צוריק געענטפערט דער גאון.

---

## געדאַנקען-שפּריצלעך

דאָס לעבען איז אַ שולע, אין וועלכער דער מיסערפאָלג איז אַ בעסערער לעהרער, איידער דער ערפאָלג.

* * *

די מענשהייט דאַרף האָבען טיראַנען און זי גיט זיך אונטער צו זיי. עס איז גוד נאַריש, צו ערוואַרטען פון זיי גערעכטיגקייט.

* * *

בעסער אַריין צו פאַלען צווישען שלאַנגען און עקדישען, איידער צווישען שונאים. דאָס האָט אויך — לויט ווי דער זוהר זאָגט — ראובן בן יעקב געהאַט אין זינען, ווען ער האָט געהייסען אַריינוואַרפען יוסף׳ן אין אַ גרוב מיט שלאַנגען און עקדישען, וועלכע וועלען וואַרהשיינליך אַרויסווייזען צו איהם מעהר רחמנות, ווי די אייגענע ברידער.

* * *

ווער עס זוכט פיעל צו וויסען, קען גערעכענט ווערען פאַר אַ חכם. ווער עס מיינט אָבער, אַז ער איז דערגאַנגען צו דער חכמה, דער איז זיכערליך אַ נאַר.

* * *

דאָס מענשליכע האַרץ איז געגליכען צו׳ן אַ בריליאַנט: מען גנב׳עט עס, מען שענקט עס אוועק אָדער מען פאַרקויפט עס.

* * *

אַ מערקווירדיגע זאַך, אַז גראַד יענע מענשען, וואָס לעבען פון שמוציגע געשעפטען, געהען אַרום מיט ריינע הענד.

* * *

ווען איהר ווילט האַלטען ביי נאַכט אייערע פענסטער אָפען, דאַרפט איהר גאָט בעטען, ער זאָל פאַרמאַכען די מיילער ביי אייערע שכנים.

* * *

אָנקומען צו אַ פערד און נישט צו קיין מענשען קען נאָר אַ בעל־עגלה...

* * *

ווען איהר ווילט לייענען לייכטע ביכער, דאַרפט איהר קויפען אַזעלכע, וואָס זיינען נאָך נישט געבונדען.

# דער סעקרעטער פון צוועלף סאסייעטים

חיים יואל שטיקשטאף איז א באקאנטער פון דער היים. יעדעס מאל ווען מען האט גענארפט אין הויז פיקסען א שוך, איז נישט געווען קיין גרעסערער מומחה דערצו ווי נור חיים יואל. זיינס א לאטקעלע אויף א שוך איז געווען מלא חן, קינסטליך צוגעשטוקעוועט, מען זאל גאר נישט דערקענען.

מיט אמאל איז ער פארשוואונדען פון שטאדט, מען האט נישט געוואוסט, וואו ער איז אהינגעקומען. א קלאנג האט זיך נור ארומגעטראגען, אז ער איז אוועקגעפאהרען קיין אמעריקא. אויף זיכער האט עס קיינער נישט געוואוסט. און ווי עס איז געוועהנליך דער גורל פון יעדען מענש, איז אויך חיים יואל פארגעסען געווארען אין דער היים, און אנדערער שוסטער האט פארנומען זיין פלאץ. אנפאנגס האט מען זיך נאך צומאל געאמפערט מיט'ן נייעם שוסטער, ווייל חיים יואל'ס א לאטקעלע אויף א שוך איז געווען שעהנער און בעסער געארבייט. דערנאך האט מען זיך אבער צוגעוועהנט צום נייעם שוסטער. האט זיך ווייטער גערדאכט, אז ער איז דער בעסטער אין זיין פאך. דאן איז שוין חיים יואל אין גאנצען פארגעסען געווארען, אפגעווישט פונ'ם זכרון און קיינער האט איהם שוין נישט מעהר דערמאנט.

און פלוצים „ואני בתוך הגולה" — בין איך אויך אנגעקומען אין אמעריקא, און איינער פון די ערשטע באקאנטע, וועלכען איך האב דא באגעגענט, איז געווען חיים יואל שטיקשטאף. ס'איז אבער נישט געווען דערזעלבער חיים יואל פון דערהיים, דארט איז ער געווען א געבויגען אידעל מיט אראפגעלאזטע אויגען, מחמת ער פלעגט תמיד קוקען נור אויף די פיס פון יעדען ובפרט אויף די שיך. דא געהט ער גלייך, קוקט יעדען אין פנים אריין און דער בליק זיינער איז א שטאלצער. כמעט אזוי [illegible] ווי עס קוקט א פרעזידענט פון א סאסייעטי בשעת ער זיצט מיט'ן האמער אין דער האנד.

ער האט מיך אנגעהויבען אויספרעגען אויף דעם און אויף יענעם אין דערהיים — און נאכדעם ווי איך האב איהם געגעבען די געווינשטע אויסקונפט, האב איך איהם נאך געמוזט אנטהון די ליעבע און געהן מיט איהם אין א קאפע־הויז, נעמען עפים אין מויל אריין.

ווי עס איז דערנאך געקומען צום צאהלען, האט ער ארויסגענומען פון קעשענע א פעקעל סטעמפס פאר פערציג סענט און ער האט באצאהלט דערמיט אונזער ביידענ'ס סעודה, וועלכע האט פונקט אזוי פיעל באטראפען.

דאס צאהלען מיט סטעמפס האט מיך שוין פאראינטערעסירט. און איך האב איהם געפרעגט: פון וואנען עס נעמען זיך צו איהם אזוי פיעל סטעמפס?

חיים יואל האט מיר דאן ערקלערט, אז ער איז נישט מעהר קיין שוסטער, נור ער מאכט דא א לעבען אלס סעקרעטער אין צוועלף סאסייעטים — און אזוי ווי איך האב נאך טראץ דער ערקלערונג נישט גוט פארשטאנען די ארגאניזירונג פון אמעריקאנער סאסייעטים, האט ער מיר געהאלטען וועגען דעם א לאנגען לעקטשור.

באלד ווי ער איז נור אנגעקומען אהער, האט מען איהם אריינגעשלעפט

אלס מעמבער צו עטליכע סאָסייעטיס, צו דער קאָנגרעגעישאָן אנשי פּיפּ־קאָווקא, צו דער חברה רודף שלום אנשי זעקליטשין, צו די וועטעראַנער, צו די יאַכמיסטרישטשער בני בריגידקעס, צו פּועלי צדק וכדומה. און אַזוי ווי ער איז דער איינציגער אין די אַלע סאָסייעטיס וואָס קען שרייבען, איז ער געוואָרען ביי זיי סעקרעטער. היינט איז ער סעקרעטער אין צוועלף סאָסייעטיס — און אַזוי ווי יעדע סאָסייעטי האָט צוויי מאָל אין חודש א מיטינג, קומט איהם געוועהנליך אויס, צו האָבען יעדע נאַכט א מיטינג אין אַן אַנדערער סאָסייטי. פרייטאָג ביי נאַכט איז ער פריי. ביי יעדער סאָסייעטי באַקומט ער וויידזשעס פון 25 ביז 50 דאָלאַר א יאָהר, ברענגט עס איהם א הכנסה פון מינדעסטענס 10 דאָלאַר א וואָך. די דיוס, וואָס ער דאַרף צאָהלען צו די סאָסייעטיס און די טריטמענטס, וועלכע מען מוז אַמאָל ספּענדען, ברענגט ער זיך איין פון סטעמפּס. יעדע וואָך דאַרף ער אוועקשיקען הונדערטער לעטערס, און אַזוי ווי עס גלוסט זיך נישט צו שרייבען אַזוי פיעל בריעף, בלייבען די סטעמפּס ביי איהם אין קעשענע.

און אַז איך האָב נישט געקענט פאַרשטעהן ווי ער איז צופריעדען מיט 10 דאָלאַר א וואָך, האָט ער מיר דערצעהלט פון זייטיגע הכנסות וואָס ער האָט פון די סאָסייעטיס, ווען עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז ער ווערט קראַנק און ער באַקומט קראַנקען־בענעפיט פון צוועלף סאָסייעטיס. אָדער עס האָט זיך איהם נישט לאַנג צוריק געמאַכט א „שבעה", א קינד איז איהם געשטאָרבען, האָט ער דאַן באַקומען העכער א הונדערטער אין קעש.

דאָס בעסטע וועט אָבער זיין — האָט ער ווייטער דערצעהלט מיט א צופריעדענער מינע אויפ'ן פּנים — ווען דאָס ווייב וועט ביי איהם שטאַרבען. ער האָפט דאַן צו באַקומען לערך 5 ביז 6 טויזענד דאָלאַר מזומן און וועט ערשט דאַמאָלס זיין א געשטעלטער מענש.

איין זאַך איז איהם נור א שאָד — האָט ער צוגעגעבען ביים אוועקגעהן — וואָס ער מוז צאָהלען סעמעטערי אין צוועלף סאָסייעטיס און ליגען וועט ער בסך הכל אויף איין שטיקעל פּלאַץ.

---

## יעדער דריטער סטאָר איז אַן עהרליכער

א סטאַטיסטיקער האָט געדאַרפט עטוואָס איינקויפען פאַר זיין הויזהאַלט, האָט ער זיך א לאַנגע צייט ארומגעדרעהט צווישען די סטאָרס, ביז ער האָט ענדליך געקראָגען, וואָס ער האָט געוואָלט. דערוויילּ האָט ער ערגיץ־וואו פאַרגעסען זיין אַמברעלאָ און ער האָט נישט געדענקט וואו. ער איז אָבער געווען זיכער, אַז ער האָט דעם אַמברעלאָ פאַרגעסען אין איינעם פון די סטאָרס, וואו ער איז פריהער געווען. איז ער אריינגעגאַנגען אין איין סטאָר און אין צווייטען זוכען דעם אַמברעלאָ, און מען האָט איהם אויףביידע ערטער געזאָגט, אַז ער האָט דאָרט גאָר נישט פאַרגעסען.

ענדליך איז ער אריין אין א דריטען סטאָר — און דאָרט האָט מען איהם דעם אַמברעלאָ געגעבען.

— ווי איך זעה — האָט דער סטאַטיסטיקער געזאָגט — איז דער סוחר פון יעדען דריטען סטאָר אַן עהרליכער מאַן . . .

# מיין ערשטע געליעבטע

אלט בין איך דאמאלס געווען צוועלף יאהר,
דאס שטיבעל געווען איז העל-ליכטיג און ריין;
און זי איז צו מיר צוגעפאלען מיט קושען,
מיט א שטים א פארגליווערטער פון איהר געוויין.

א זומער־טאג איז דאן געווען א שעהנער —
און איך האב געקושט איהר די פיס און די הענד,
האט זי צוגעלייגט צארט איהר פנים צו מיינעם —
און ס'האט מיך איהר טרער ווי א פייער געברענט.

„פארגעס נישט צו שרייבען" — האט זי מיך געבעטען,
„יא, איך וועל מקיים זיין דיינע פארלאנגען!"...
און ווען איך דערמאן מיך אצינד יענע רגע,
וואלט איך דאס מיט פרייד נאכאמאל דורכגעגאנגען.

ווי הארציג, ווי ליעב איז די פרוי מיר געוועזען
און איך האב געלאזט זי א טרויעריג באטריבטע — —
און ווייסט איהר ווער ס'איז די פרוי יענע געוועזען?
מיין מאמע, מיין מאמע, מיין הארצענס־געליעבטע...

---

## געקומען צו דער ריכטיגער צייט...

פישעל זוכט א באשעפטיגונג, ער איז שוין דריי חדשים ארבייטסלאז. מיט אמאל לייענט ער אין א צייטונג, אז די פירמע „באפלאפ אינקארפארייטעד" זוכט א פעהיגען בוכהאלטער. איז דאך פישעל א בוכהאלטער איינער אין דער וועלט, נעמט ער די פיס אויף די פלייצעס און געהט אוועק לויט'ן אנגעגעבענעם אדרעס. ביז ער איז אבער אהינגעקומען איז שוין געווען צו שפעט. דער באלעבאס האט איהם געמאלדען, אז ער האט שוין 6,500 אפּ־ליקיישאנס אויף דער שטעלע.

— אויב אזוי — האט זיך דערפרעהט פישעל — דארפט איהר דאך זיכער א מענשען צו פיהרען חשבון פון די אלע אפליקיישאנס...

---

## געדאנקען-שפריצלעך

די בעסטע זאך איז, אז מען ווערט נישט געבוירען. ווער קען אבער זוכה זיין דערצו?

* * *

צו ערובערען א טהראן איז א קלענערע קונץ, ווי אוועק צו געהען פון איהם אהן בזיונות.

# נאָך אַ באַנקראָט

אַ רייכער סוחר האָט באַנקראָטירט. ווען זיינע קרעדיטאָרען האָבען געמאַכט אַ גרויסען גערואַלד, איז ער מיט זיי דורכגעקומען און האָט זיי אויסגעצאָהלט 25 פּראָצענט פון דעם, וואָס ער איז זיי געווען שולדיג, האָט ער זיך אָבער פון דעסטוועגען אַ לענגערע צייט געשעהמט צו באַווייזען צווי־שען מענשען, האָט עס געהייסען, אַז ער ליעגט קראַנק.

ווען ער איז ענדליך ארויסגעגאַנגען אין גאַס אריין, באַגעגענט ער איי־נעם פון זיינע געוועזענע קרעדיטאָרען, וועלכער באַגריסט זיך מיט איהם און ער זאָגט צו'ן איהם:

— עס דערקענט זיך אויף אייך, אַז איהר פיהלט זיך היינט מיט 75 פּראָ־צענט בעסער.

---

# אַלט-נייע גלייכווערטלעך

יחוס־אבות, ווען מען איז אַליין אַ גאָר־נישט, איז ווי דער ווערטה פון אַ נול בעפאָר דעם איינסעל.

* * *

פון אַ חזיר'שען עק קען מען נישט מאַכען קיין שטריימעל, זאָגט אַ פאָלקס־ווערטעל, אָבער פון אַ דאָרן קען אמאָל ארויסוואַקסען אַ רויז, זאָגט אַ מדרש.

* * *

די שאַרפסטע קעמפּפער אין יעדער פּאַרטיי זיינען געוועהנליך אַזעלכע, וואָס ווייסען צום וויינגסטען.

* * *

עס איז נאַריש — האָט אמאָל עמיל זאָלאַ געזאָגט — מען זאָל זיך וועלען איינריידען, אַז עס איז פאַראַן אַ גלייכהייט אויף דער וועלט. יעדע געזעלשאַפט, וואָס מען וויל באַגרינדען אויף גלייכהייט, קען נישט האָבען קיין קיום. אין פריהערע צייטען האָט מען געגלויבט, אַז ווען מען וועט פּרעדיגען אַלגעמיינע ליעבע צו די מענשען, וועט דאָס ברענגען צו גלייכ־הייט. היינט רעדט מען שוין נישט וועגען גלייכהייט, נור וועגען גערעכ־טיגקייט. איז אָבער די נאַטור אַליין נישט גערעכט, ווייל זי טיילט איין די פעהיגקייטען נישט אין אַ גלייכער מאָס.

* * *

די זעלטענסטע פעהיגקייט פון אַ מענשען איז, צו קענען זיך אריינ־דענקען אין די געדאַנקען פון אַן אַנדערן און אויף זייער גרונד צו אַרגו־מענטירען.

* * *

זאָל מען אוועק נעמען ביים פּאָליסמאַן זיין קלאָב, ביים ריכטער זיין טאָגא און ביים קאַר־קאָנדוקטאָר זיין פייפעל, ווערט דאַן יעדער אַזעלכער אַ געוועהנליכער מענש — און אַלס געוועהנליכע מענשען ווייזען זיי זיך אָפּט־מאָל אין זעהר אַ גרויסער קליינקייט. די ווערדע פון אַ מענשען איז טאַקי פיעל מאָל אָפּהענגיג פון זיין יוניפאָרם.

# דער גרוס פון אַ קאַלטען טאָג

א ווינטער־טאָג א קאַלטער איז דאַמאָלס געוועזען,
ווען ס'האָט זיך אויף מיר אויסגעגאָסען גאָט'ס צאָרן,
ווען דאָס ליעבסטע פון הארצען, מיין קינד, מיין נחמה —
איז צו זיין אייביגער רוה געפיהרט געוואָרען.

אין א קעסטעל א פשוט'ס, אָהן ציערונג און בלומען
האָט מען דאָס טייערסטע קינד מיינס באַהאַלטען;
עס זיינען די חושים ביי מיר ווי געשטאָרבען,
דאָס הארץ מיינס צעבראָכען, אין שטיקער צושפּאַלטען.

האָב איך מיך פון דעסטוועגען אוועקגעזעצט עסען —
און ביז היינט געלעבט אזוי פיעל יאָהרען;
דאָס קבר פון טייערן קינד איז פארלאָזען,
פארגעסען וואָס איך האָב אמאָל פארלאָרען.

נור אָפט בלאָנדזשען אוועק מיינע מחשבות
און עס ציטערט אין מיר יעדעס אבר,
ווען עס קומט אמאָל אָן א ווינטער־טאָג א קאַלטער —
און ברענגט מיר א גרוס פון מיין קינד'ס קבר.

---

## אַז מען באַדינגט נישט פריהער

אין אַ פּוילִיש שטעדטעל האָט א איד געדונגען ביי א פּויער א פערד־און וואָגען, אויף צו פאָהרען צום יריד. דעם פּרייז האָבען זיי אויסגעדונגען אויף דריי גילדען. און ווען דער איד האָט צוריק געבראַכט דעם פערד־און־וואָגען, האָט דער פּויער פארלאַנגט נאָך דריי גילדען.

— פאר־וואָס קומט דיר נאָך דריי גילדען? — האָט דער איד גע־טענה'ט — איך האָב באַדונגען אויף דריי גילדען און יעצט ווילסטו נאָך אַנדערע דריי גילדען?

האָט דער פּויער אויף דעם געענטפערט:

— איך האָב דיר געגעבען דעם פערד־און־וואָגען בלויז אויף אהין צו פאָהרען צום יריד, און אזוי ווי דו ביסט אויך געפאָהרען צוריק, דאַרפסטו באַצאָהלען נאָך דריי גילדען.

ווי עס פארשטעהט זיך, האָט דער איד די אַנדערע דריי גילדען נישט געוואָלט באַצאָהלען, האָט איהם דער פּויער פארקלאָגט צום געריכט און דאָס געריכט האָט געאורטיילט, אז דער איד מוז באַצאָהלען די פארלאַנגטע אַנ־דערע דריי גילדען.

א שטיקעל צייט שפּעטער האָט דערזעלבער איד ווייטער געדונגען ביים זעלבען גוי א פוהר, אויף צו פאָהרען צום יריד. זיי האָבען זיך גלייך גע־

איינגט אין פריז. איז דער איד אוועקגעפאָהרען מיט דער פוהר צום יריד און צוריק געקומען איז ער אַליין אָהן דער פוהר.

— וואו איז מיין פערד־און־וואָגען? — האָט דער פויער געפרעגט.

האָט איהם דער איד געענטפערט:

— איך האָב זיך מיט דיר באַדונגען, צו פאָהרען מיט דיין פערד־און־וואָגען צום יריד, אָבער אויף צוריק צו ברענגען די פוהר, האָב איך זיך מיט דיר ניט באַדונגען.

האָט דער פויער ווייטער פאַרקלאָגט דעם אידען צום געריכט — און דער איד האָט געוואונען.

---

# אַלט-נייע גלייכווערטלעך

דער טרוס באַנוצט, אויסצומיידען א געפאהר, אמאָל נאָך העלדישערע מיטלען, ווי דער העלד ביים באַקעמפען זי.

* * *

ווען א מענש איז אַליין פאַרביטערט, מיינט ער, אז אַלע מענשען זיינען ביטער.

* * *

דערצעהלט אַלעמען אייער ביזנעס און איהר וועט שנעל ניט האָבען וואָס צו דערצעהלען.

* * *

ווענען שמשון הגבור׳ס פאָטער, מנוח, זאָגט די גמרא, אז ער איז געווען אַן „עם הארץ", שהלך אחר אשתו, ער איז נאָכגעגאַנגען זיין אייגענער ווייב. ווען ער וואָלט אָבער געווען א לערנער, וואָלט ער געקענט אויסזוכען א „היתר" נאָכצוגעהן יענעמ׳ס ווייב . . .

* * *

אזוי ווי מען קען נישט ברענגען קיין אַלגעמיינע צופריעדענהייט פאַר דער וועלט, שטרעבט מען צו ברענגען אַן אַלגעמיינע אומצופריעדענהייט.

* * *

געטהע זאָגט: „איך האָב יעדע געוואַלטזאַמע ענדערונג, ווייל עס ווערט דערביי פאַרניכטעט אזוי פיעל גוטעס, ווי עס ווערט געוואונען. איך האַס אַלע יענע, וואָס פיהרען איין די דאָזיגע ענדערונגען, גלייך ווי איך האַס אַלע, וואָס פאַראורזאַכען די ענדערונגען. טראָצדעם בין איך אַלץ א פריינד פונ׳ם פאָלק און יעדער רעכטליך געזאָנענער מענש דענקט אויך נישט אַנדערש"...

* * *

מענשען מיט בילדונג האָבען שטענדיג איינזעהעניש מיט זייערע מיט־מענשען און זיי זיינען אויך טאָלעראַנט.

* * *

ס׳איז פשוט נישט מעגליך, צו טראָגען די פאַקעל פונ׳ם אמת צווישען מענשען, מען זאָל נישט צוזמאַליען די באָרד אָדער דעם קאָפּ פון די אַנדערע.

# די וואָהרזאָגערין

געהענדיג איבער איינער פון די איסט סאיד גאסען אין נויאָרק, טרעף איך אַפּטמאָל א מיידעל אויסטיילען אדווערטייזמענטס אין אידיש און אין א פאַרדאָרבענעם פויליש וועגען א וואָהרזאָגערין, וועלכע קען אייך דער־צעהלען אַלעס, וואָס איהר ווילט נור וויסען. זי קען אייך זאָגען, וואָס עס איז מיט אייך אַמאָל געשעהען און וואָס עס וועט מיט אייך זיין, פון אייער האנד לייענט זי אראָפּ אייער פאַרגאַנגענהייט און זי זאָגט אייך אויך פאַראויס אייער צוקונפט.

און אזוי ווי דאָס אַלעס קאָסט נישט מעהר ווי איין קוואָדער, האָב איך מיך געלאָזט איבעררײדען פונ'ם „יצר הרע", א בליק צו טהון צו דער „וואָהרזאָגערין". אז שאול המלך האָט זיך נישט געשעהמט, צו געהן צו א „בעלת אוב", חאָטש ער האָט פריהער אַליין אויסגעראָמט אַלע אובות פון צווישען אידען, און אז מיינער א געבילדעטער באַקאַנטער האָט זיך נישט געשעהמט צו געהן צו'ן א „ספּיריטשועל סיאַנס", מעג זיך אַזא מענש ווי איך אַמאָל ערלויבען צו געהן צו א וואָהרזאָגערין. איך בין נייגעריג געווען, צו הערען מיין פאַרגאַנגענהייט. עס געהען ארום אזוי פיעל שמועות וועגען מיין פאַרגאַנגענהייט, אז איך בין צומאָל אַליין נייגעריג צו וויסען, וועלכע פון זיי ס'איז אמת, און דאָ ביי דער וואָהרזאָגערין בין איך זיכער געווען, צו הערען דעם ריכטיגען אמת.

באַלד אין פאָרצימער האָב איך געטראָפען א צעהנדליג פוילישע שיק־סעס זיצען און דיסקוטירען וועגען דעם, ווי אזוי די וואָהרזאָגערין האָט ביי יעדער פון זיי צוגעטראָפען אַלעס מיט'ן פונקט, און אזוי ווי איך האָב גע־דאַרפט וואַרטען אויף מיין „נעקסט", האָב איך מיך מיט אינטערעס צו־געהערט צו דעם שמועס וועגען די „מופתים" פון דער וואָהרזאָגערין.

א קליינע האַלבע שעה האָט עס גענומען ביז עס איז געקומען מיין נעקסט. א באָי פון א יאָהר 17 האָט פאַרטרעטען די שטעלע פון א גבאי און האָט מיר געעפענט די טהיר צו דער וואָהרזאָגערין.

מיין בליק איז באַלד געפאַלען אויפ'ן צימער, וואו איך האָב מיך געפו־נען, איידער איך האָב נאָך געקענט א קוק טהון אויף דער וואָהרזאָגערין אַליין. א טונקעל צימער, אויסגעפּיפּערט שוואַרצליך גרין. אויף דער וואַנד איז געהאַנגען א שטייג מיט א פּאָפּוגאי, וועלכע האָט ארויסגעגעבען פון זיך אומאַנגענעמע קרעכצען — און אין שטוב האָט זיך ארומגעטראָגען א ריח פון א שאַרפען פּערפיום.

כמעט ווי איינגעשלעפערט בין איך געוואָרען פון דער טונקעלער און פּערפיומירטער שטימונג אין צימער. ערשט דאָס קול פון דער וואָהרזאָגערין האָט מיך ווי אויפגעוועקט.

— סיט־דאַון! זיצט! ווהאט קען אי דו פאָר יו? וואָס קען איך טהון פאַר אייך? — האָט זי מיך געפרעגט אין ענגליש און אין אידיש בנשימה אחת.

נור איידער איך האָב מיך געזעצט און בעפאָר איך האָב מיר איבער־לייגט, וואָס איך זאָל אייגענטליך רעדען, האָב איך געוואָרפען א קוק אויף דער וואָהרזאָגערין אַליין און האָב דערזעהן פאַר מיר א אידענע א יאָהער־

דיגע, פון אומבאשטימטע יאָהרען מיט צוויי אויסגעפרעסענע באַקען, אָהן א ברעקעל חן און זעהר נאַכלעסיג אָנגעטהון.

איך האָב מיך אַנידערגעזעצט אויף א בענקעל און אָהן צו באַדענקען האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסען:

— מיין פאַרגאַנגענהייט וויל איך וויסען!

— זאָל איך אייך קאָרטען וואַרפען? זאָל איך אייך לעזען פון דער האַנד אָדער פון א ספר? — טהוט זי מיך ווייטער א פרעג.

— אַלע דריי וויל איך.

— וועט עס אייך קאָסטען דריי קוואָדערס! — מאַכט די אידענע מיט א סוחר'שער מינע.

איך נעם אַרויס א האַלבען טאָלער און זאָג:

— זאָל זיין פאַר צוויי קוואָדערס אָהן קאָרטען וואַרפען!

די אידענע נעמט דעם האַלבען טאָלער, לאָזט איהם אַראָפּ אין א טיעפּע קעשענע, פון וואַנען איך האָב געהערט, ווי ער שלאָגט זיך אָפּ אָן פיעלע אַנדערע מטבעות. דאַן טהוט זי א נעם מיין האַנד און הויבט אָן אַרויס צו לעזען מיין פאַרגאַנגענהייט, ווי איך בין קראַנק געלעגען אַלס קינד און די עלטערן מיינע האָבען שוין נישט געגלויבט, אַז איך וועל נאָך אויפקומען, ווי איך בין אַלס באַי פאַרליעבט געוועזען אין א בלאָנד מיידעל, און ווי איך האָב געקעמפּפט אין דער היים געגען מיינע עלטערן, ביז זיי האָבען מיך געלאָזט פאָהרען קיין אַמעריקאַ, חתונה האָבען מיט מיין געליעבטער.

פון מיין פּאָליטישער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע איך האָב אייגענטליך געוואָלט הערען, האָט זי נישט דערמאָנט קיין וואָרט. איהר רעדען האָט מיך שוין דאָדורך ווייניג אינטערעסירט, בין איך ווייטער ווי איינגעשלעפערט געוואָרען — און דאָס קול איהרס מיט דער זינגענדער נגינה פון א וואַרשעווער אידיש האָט מיך כמעט ווי צוגעוויגט.

מיט אַמאָל הערט זי אויף צו ריידען, טהוט א נעם א ספר פון'ם טיש און וויל פון איהם לייענען. איך טהו א קוק און איך זעה דעם ספר „רזיאל המלאך." אונווילקירליך האָט זיך אַרויסגעריסען א שמייכעל פון מיינע ליפּען. ווי עס שיינט, האָט די אידענע דעם שמייכעל באַמערקט, האָט זי באַלד צוגעקלאַפּט דעם ספר און געזאָגט:

„איהר זענט א פריגעזאָגענער, קען מען גאָר נישט לייענען וועגען אייך, ווייל דער ספר וויל נישט זאָגען!"

מיר זיינען דאַן ביידע געבליבען זיצען א רגע אָהן לשון. איך האָב אויפ'ן אויגענבליק נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערען — און זי האָט זיך אודאי געשלאָגען מיט דער דעה, צי זי זאָל מיר צוריקגעבען א קוואָדער פון מיין געלד אָדער נישט.

און ווי מיר זיצען אַזוי, גיט זיך די טהיר א פּראַל אויף און עס קומט אַריין א הויכע מויד מיט א געשריי, וועלכער האָט געקלונגען ווי די שטימע פון א קאָזאַק:

— וואו האָט איהר מיין חתן? גיט'ס מיר אָפּ מיין חתן!

„האָב איך דען צוגענומען אייער חתן?" — ענטפערט די וואָהרזאָגערין און אין איהר בליק האָב איך דערקענט עפּיס א שטיקעל אומהיימליכען פּחד.

— מיט מיר מאַכט מען נישט קיין מאַנקי ביזנעס! — טהוט די מויד א געשריי און איהר קול האָט געשפּריצט פייער.

„איהר האָט נישט קיין רעכט, ביי מיר אין שטוב צו שרייען, ווייל איך וועל אייך הייסען ארויסוואַרפען!" — מאַכט די וואַהרזאַגערין און די פּאַ־פּוגאַי אין דער שטייג הויבט אָן יעמערליך צו שרייען.

— עס וועט דאָ באַלד מיט דיר וואַרפען, אז דו וועסט זיך נישט מעהר קענען ריהרען! — טהוט די מויד א געשריי און הערט אויף די וואַהרזאַ־גערין צו „איהרצען".

„סעמי! סעמי!" — טהוט די וואַהרזאַגערין א רוף ביי דער טהיר און האָט דערמיט וואַהרשיינליך געמיינט דעם באָי, וועלכער האָט מיר פריי־הער געעפענט די טהיר. דאַכט זיך, אז דאָס איז נישט דער ערשטער איבערפאַל און סעמי דער גבאי מוז אויך מאַנכעס מאָל דיענען אַלס באַשיצער. סעמי איז אָבער נישט געוועזן — און די מויד איז נאָך מעהר אויפגעקאָכט גע־וואָרען.

— רופסט גאָר סעמי'ן, ער זאָל מיך אַרויסוואַרפען! —טהוט זי א קוויטש נישט מיט איהר קול און גיט דאָביי דער וואַהרזאַגערין א פאַרפאָהר מיט דער פויסט צווישען די אויגען, פון וועלכער די אָרימע אידענע איז גע־בען אין גאַנצען פאַרגאָסען געוואָרען מיט בלוט.

מיר איז אויסגעקומען, צו שפּיעלען דעם באַשיצער פון דער וואַהרזאַגע־רין און די מויד אַרויס צו שטופּען פונ'ם צימער.

— דאָס איז נור אָן אויפגאַב! — מאַכט צו מיר די מויד — צוויי טאָלער האָט די פּיקערקע ביי מיר צוגענומען,מוז איך זיי איהר אַרויסשלאָגען, זי זאָל וויסען, אז מיך טאָר מען נישט פּיקען!

א מינוט שפּעטער איז אָנגעקומען סעמי — און וואָס עס איז דאָרט ווייטער געשעהן, האָב איך נישט מעהר געזעהן, ווייל איך בין אוועק געגאַנ־גען, ווען איך האָב געוואוסט, אז די וואַהרזאַגערין איז נישט מעהר אָהן שוץ.

---

## א קלוגער קצב

באַלעבאָסטע: גיט מיר דריי פונט פלייש, אָבער אָהןביינער, מיין מאַן האָט נישט ליעב קיין ביינער!

קצב: גלויבט איהם נישט! ער זאָגט נור אזוי! ווייל ווען ער זאָל נישט ליעב האָבען קיין ביינער, וואָלט ער אייך שוין לאַנג אָפּגעגט...

---

## אַלט-נייע גלייכווערטלעך

ווער עס רעכענט, אז מיט געלד קען מען אַלעס מאַכען, איז אויך פעהיג פאַר געלד אַלעס צו טהון.

* * *

עס איז בעסער צעהן מאָל מעסטען און איינמאָל שניידען, איידער פאַר־קערט.

# די געפיהלען פונ׳ם האַרץ

שטאָהל און אייזען מאַכען
די הענד פון ארבייט שווארץ, —
איז זייער לאַסט דאָך גרינגער,
ווי ס׳איז דער צער פון הארץ.

און בלאָזט א ווינד א קיהלער,
ווי באַלזאַם צו׳ן אַ שמארץ;
דאַן פליהט און פלאַטערט גרינגער
דאָס לייכט פארהיילטע הארץ.

און שוועבט אין לופט דער אָדלער
מיט פליגעל שעהן און שווארץ, —
דאַן הויבט מיט איהם זיך פרעהליך,
דאָס גרינג־באַפרייטע הארץ.

---

## געדאַנקען־שפּריצלעך

על־פּי־רוב לאָזען זיך הערען די, וואָס קריגען אריין די קלינגענדיגע.

* * *

דאָס „פּנים" איז אַ מסור וואָס גיט ארויס סודות פון הארצען.

* * *

דעם אָרעמאַן האַלט מען שמוציג, אפילו ווען ער באוואשט זיך מיט טרערען.

* * *

בעסער צו זיין אויף אַ ווײַלע אַ גביר אין חלום, איידער צו זיין אַ שטענדיגער אָרימאַן אויפ׳ן וואָהר.

* * *

אפילו דער שטילסטער מענש שלאָגט זיך — מיט דער דעה.

* * *

ווען אַ שוואַכערער פון דיר טהוט דיר אַן אומרעכט, דאַרפסטו האָבען רחמנות אויף שוואַכקייט — און ווען אַ שטאַרקער טהוט דיר אַן עוולה, דאַרפסטו זיך היטען פאַר זיין שטאַרקייט.

* * *

ווען איינער זאָגט צום אַנדערן: „זיי נישט קיין נאַר!", איז נאָך דערפון נישט קיין ראיה, אַז ער אַליין איז אַ חכם.

## „אייביגע אמת'ן"

### פון ספרים און פונ'ם לעבען

קליינע מעשיות און שארפע באמערקונגען פאר כל־ערליי גרויסע קינ־דער, אין פאלגענדע אפטיילונגען:

א) מעשה'לעך פונ'ם חומש, ווי איך האב זיי דערצעהלט צו מיינע קינדער;

ב) וואס איך וואלט געזאגט, ווען איך וואלט געווען א מגיד און איך וואלט געדארפט דרש'נען פאר'ן עולם;

ג) באוואוסטע כאראקטער קעפ און גלאט קאפ־מענשען;

ד) אמת'ן, וואס מען דארף ווענען זיי ארגומענטירען.

דער בוך האלט 304 זייטען אין א הערליך שעהנעם וויענער דרוק און אין פראכט-באנד געבונדען.

---

ס פ ר

## „מדינה וחכמיה"

הכולל תולדות כל החכמים והסופרים, שעריסתם עמדה בגליציה או שבאו מעבר לגבול לשבת בגליציה, וישפיעו במעשיהם על התפתחות ההשכלה, על הציוניות או על העסקנות העממית — מימות מנדלסון עד היום — עם הערכת פעלותיהם ותמונותיהם.

חלק ראשון (מאות א' עד ל'), יכיל 313 „ערכין" בצרוף 123 תמונות וששה פאקסימילים מכתבי־יד יקרי הערך והמציאות.

---


אט די אלע ווערק קען מען באקומען אין דער פארלאגס־בוכהאנדלונג

„פ ר ד ס"

PARDES PUBLISHING HOUSE, 27 Canal Street, New York City

אדער ביים מחבר:



GERSHOM BADER
4011 Sea Gate Avenue
Brooklyn, N. Y.